STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09123

FARLOSHN LIKHT

Menahem Baerush Eppelbaum

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. עפּעלבוים

פאַרלאָשן ליכט

אַרויסגעגעבן דורכן
אַלוועלטלעכן יידישן קולטור-פאַרבאַנד
1944

אַרויסגעגעבן דורך דער שרייבער־סעקציע ביים איקוף אין ניו־יאָרק
מיט דער הילף פון פריינט פון מחבר אין פילאַדעלפיע

B. EPPELBAUM

Farloshen Licht

Printed in U.S.A.

New York, N. Y., 1944

209

פֿאַרלאָשן ליכט

אַ מצבה מײַן געבורט-שטעטל
װ ז א ו ה י ן,
שעדלעצער געגנט אין פּױלן,
װאָס איז דורך די נאַצים פֿאַר-
ברענט און פֿאַרלענדט געװאָרן
אין
.1939

פאַר וואָס איז די סטרונע צעריסן ?
איך האָב זי געצויגן, געצויגן:
געוואָלט אַלץ שטאַרקערע קלאַנגען.
דערפאַר איז די סטרונע צעריסן.

ראַבינדראַנאַט טאַגאָר.

קאַפּיטל איינס

טאַטע און זון

דוד גאַרב איז אויפגעקומען פון שלאָף, אָבער די אויגן האָט ער נישט געעפנט: ער האָט נישט געוואָלט זיך אַרויסשיילן פון זיין חלום, וועמענס טעם ס'איז געלעגן אויף זיינע ליפּן. האָט ער זיך ענגער איינגעהילט אין דער קויטיקער קאָלדרע, צונויפגעצויגן די געבויגענע קניען, געגראָבן דאָס פּנים אין קישן, מיט אַלע כוחות זיך אָנגעשטרענגט ווידער אַריינצופאַלן אין שלאָף און צוריק זיך אַריינגליטשן אין חלום. אָבער דער שלאָף האָט זיך ווייט אָוועקגערוקט. ער האָט מיט תאוה אים גערופן, זיך געבעטן, געצויגן זיך צו אים — ער איז נישט געקומען.

איז ער געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און דאָס געשטאַלט פון זיין זעאונג פון זיך נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט אָנגעהאַלטן דעם אָנבליק פון דעם שלאַנקן, שמייכלדיקן מיידל, און דאָס האַרץ האָט אין אים העפטיק געשלאָגן. ער האָט איצט נישט געדענקט דעם הויקער, וואָס שפּאַרט פון זיינע פּלייצעס; האָט נישט געוואוסט, אַז ס'איז שוין גרויסער טאָג, און ס'איז אים נישט איינגעפאַלן, אַז באַלד וועט זיך דערהערן דאָס בייזע קול פון פאַראומערטן טאַטן זיינעם:

„פוילע בהמה! ווי לאַנג איז דער שיעור צו כאַליען?"

דאָס גאַנצע לייב־און־לעבן זיינס איז געווען פאַרנומען מיט דעם וואונדערלעכן געשטאַלט: די גרויסע, ליכטיק־ברוינע אויגן האָבן אים געקוקט אין פּנים אַריין. ער האָט געשפּירט די וואַרעמקייט פון די בליקן. די לאַנגע, טונקל־בלאָנדע צעפּ, צאַפּלענדיקע, לאַכנדיקע האָבן געוואונקען פון קלאָרע פּלייצעס. האָט ער אַן קול געלאַכט אין קישן אַריין און איבער זיינע ציין האָט זיך געגאָסן זיסער זאַפּט.

— מאַ־שע... מאַ־שע...

אַט אַזוי וואָלט ער אייביק געלעגן און געשעפּטשעט. אָבער אין שטוב איז

גערודער געקומען: ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ סקריפּען פון בענקלעך, אַ שאַרן פון האַרטן בעזעם, וואָס האָט ווי דראָטן געקראַצט דעם דיל; ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַ זשומעריי ווי פון בינען. דודס זעאונג איז צערודערט געוואָרן. דאָס געשטאַלט האָט גענומען ציטערן ווי אויפן וואַסער אין וועלכן עס פאַלן אַ סך דריבנע שטיינדלעך. אָט, אָט, און דאָס געשטאַלט ווערט נישט. נאָר דוד האָט די אויגן נישט געעפנט. ער האָט די קלאָדרע איבערן קאָפּ אַריבערגעצויגן און דאָס פנים טיפער אין קישן געגראָבן. אָבער דעם טאַטנס קול האָט דורכגעריסן די קאָלדרע צו זיינע אויערן:

— זע נאָר, זע! ער ציט די קאָלדרע איבערן קאָפּ! גאַרבאַטע בהמה! ס׳איז דאָך שוין האַלבער טאָג!

דוד איז געבליבן רואיק, ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט, אָבער דאָס געשטאַלט פון מאַשען האָט אויסגעוועפּט. נישטאָ מער. און איצט האָט ער דערשפּירט: די פּליִיצע זיינע שטאַרט־אָפּ אונטער דער קאָלדרע; אַ הויקער זיצט אויף זיינע פּלייצעס. אַ הויקער וואָס ציט צו זיך צו יעדענס בליק, און מאַשעס אויך... דער הויקער שטופּט זיך יעדן אין די אויגן אַריין.

און האָט ער דאָס דערשפּירט, האָט הייסער כעס געגעבן אַ קאַך־אויף אין אים צום פאָטער: „אַן אייגענער טאַטע — און „גאַרבאַטע בהמה״... אַנדערש ווי גאַרב, רופט ער אים נישט. און פאַר אַלעמען אין די אויגן... טאָמער וואָלט מען זיך פאַרגעסן, אַז ער האָט אַ הויכע פּלייצע, קומט דער אייגענער טאַטע און דערמאָנט... אַ טאַטע צום טיש!״

— גאַרבאַטש מיינער! וועסט אַמאָל אויפשטיין, צי ניין? ס׳איז דאָך שוין נאָך זמן קריאת־שמע, און דאָס ליגט נאָך אַלץ און פוילט! ווי ער וואָלט גאָר קיין יידיש אָדער אין זיך נישט געהאָט!

פון פאַרביסנקייט האָט שוין איצט דוד נישט געענטפערט. מאַשען האָט ער שוין נישט געזען, דער חלום איז שוין געווען אינגאַנצן אויסגעוועפּט, ווי רויך צעשוואומען. אָבער אויפשטיין וועט ער פאַרט נישט! ניין!

אַ האַנט איז שווער געפאַלן אויף אים. פינגער האָבן אַ גראַבל געטאָן, און די קאָלדרע האָט זיך ראַפּטום געגעבן אַ ריס־אַראָפּ פון דודן:

— גאַרבאַטער כלב! אַ בראָך צו דיר! שטיי אויף, דו גויעץ!

דוד האָט געעפנט די אויגן. אין זיי — זיינען איצט געזעסן רציחהדיקע שפּיזלעך פון אַ בעל־מום. די שפּיזלעך האָבן זיך אַריינגעשטאָכן אין פאָטערס פנים. דער פאָטער מיט דעם זאָרג־געקנייטשטן געזיכט, איז געוואָרן צערודערט פון די שטעכיקע בליקן. און דודס ליפּן האָבן געברענט:

— נישט דיין עסק! וויל איך שלאָפן, און שוין!

האָט צוריק פאַרכאַפּט אויף זיך די קאָלדרע, אַריבערגעצויגן איבערן קאָפּ.

זיך געגעבן אַ דריי־איין אין איר, זיך האַסטיק אָוועקגעוואַליעט, און געבליבן ליגן, ווי נישט אים מיינט מען.

— אַזוי גאָר?! ס׳איז נישט מיין עסק? ווערסט זיך באַלד אַ שוואַרץ יאָר אויסריכטן!

אין שטוב איז געוואָרן ליכטיק, און ס׳האָט געשמעקט מיט איינגעפּונדע־ווּעטער אַרעמקייט. אַ ריח פון צעפוילטע עפּל האָט זיך דאָרט געהאַלטן. גאָלדענע זון האָט דורך פענצטער געלייגט פירעקעכדיקע שטיקער ליכט אויפן שוואַרצן דיל, האָט באַגילדט דעם פאָטערס שווערע, פאַרבלאָטיקטע, דאַרע שטיוול:

— ווערסט זיך באַלד ביי מיר אויסריכטן!

דוד האָט געשפּירט: דער פאָטער איז אַרויס אין פאָדערהייזל. ער האָט געוואוסט, וואָס ער מיינט צו טאָן, נאָר די עקשנות איז געוואָרן שטאַרקער: ניין, ער וועט זיך נישט אויפהייבן! און דער טאַטע וועט עס נישט וואַגן צו טאָן. ווּאָרים: וואָס איז דוד? אַ יינגעלע איז ער? ער איז שוין אַ בחור פון צוואַנציק יאָר! ער איז שוין אַ מענטש פאַר זיך... פאַרקערט: דער טאַטע קומט אָן צו אים... ער פאַרדינט און גיט דעם טאַטן געלט... און: — איז עס דען אַזוי ווי דער טאַטע זאָגט? האָט ער דען אַזאַ הויקער, ווי ער וויל אים איינרעדן? האָט ער נישט אַזאַ גלייכע פּלייצע, איז וואָס? ווי שטייט עס געשריבן, אַז אַלע מענטשן מוזן האָבן גלייכע פּלייצעס? —

זיין גוף האָט זיך אונטערגעהויבן. די רעכטע האַנט זיינע האָט זיך לאַנג־זאַם געגליטשט הינטערן העמד, די פינגער האָבן דערגרייכט די פּלייצע. האָבן געשאַרט אַרויף, אַרויף... יאָ. די פּלייצע איז אויבן אַ ביסל העכער... טאַקע העכער... נו, איז זיין פּלייצע נישט גלייך ווי אַ ברעט... אָבער אַ הויקער? וואו האָט ער אַ הויקער?

די האַנט זיינע האָט זיך געגעבן אַ גליטש אָוועק פון פּלייצע; מיטן בלינדן חוש האָט ער דערשפּירט דעם פאָטערס דערנענטערן זיך צו דער שלאָפבאַנק: ער וועט עס טאָן... ער וועט עס יאָ טאָן... ער האָט זיך דער־שראָקן, אָבער די עקשנות האָט צוגעהאַלטן די אויגנדעקלעך, נישט געלאָזט זיי אויפהייבן זיך, און די פאַרביסנקייט אין אים האָט געטראַכט:

„אדרבה. לאָמיך זען ווי ער וועט עס וואַגן צו טאָן...“

און ער אַליין האָט אַ טראַכט געטאָן:

„ס׳איז דאָך שוין טאַקע צייט אויפצושטיין. דאָס סעדל זיינס, וואַרט אויף אים...“

נאָר איידער ער האָט דערטראַכט זיין טראַכטונג, און: —

שטילער שאָרוּע איז אַנגעלאָפן. פליוך! — האָט עס אַ שמיץ געטאָן, און: אוי! —

ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי, ווען קאַלטער שטראָם וואַסער האָט זיך אַ יאָג געטאָן איבער זיין פּלייצע.

האַסטיק האָט ער זיך אויפגעזעצט, מיט ברייט־צעעפנטע אויגן האָט ער געקוקט אויפן טאַטן: „איז ער משוגע געוואָרן?" — דער פאָטער האָט גע־האַלטן אַ ליידיקן עמער, האָט לייכט געשמייכלט:

— איצט וועסטו שוין אויפשטיין?

— דו... דו... וואָס ווילסטו פון מיר? — האָט זיך דוד געשטיקט מיט ווייטיק און בושה.

— זעסט נאָך נישט, וואָס איך וויל? דאַרפסט נאָך אַ קיביל וואַסער אפשר?

דוד איז אַראָפּ פון געלעגער, האָט געטרייסלט דאָס נאַסע העמד, דעם קאָפּ, ווי אַ הונט פון וואַסער אַרויס האָט ער אויסגעזעצן, און ס׳האָט פון אים געדיכט געזאָטן:

— וואַרט... וואַרט... נישקשה... כ׳על דיר אינגאַנצן אָפּטרעטן... כ׳על דאָ אין שטוב מער נישט זיין... וואָס האָסטו צו מיר? וואָס פאַר אַ מחותן ביזטו צו מיר? גיסט מיר צו עסן, גיסטו מיר? איך קאָסט דיר אַ סך? וואָס־זשע פאַר אַ בעל דעה ביזטו איבער מיר?

— שאַ! זע נאָר, ווי ער האָט זיך עס צערעדט? שוויג!

— און אַז נישט, וואָס וועסטו מיר טאָן? אַ טאַטע צום טיש!

— כ׳על דיר באַלד דעם פּיסק איינפּאַטשן! הערסט?

— כ׳האָב נישט מורא פאַר דיר!

יאָסעלע שאָפּסעס — דער פאָטער — אַ הויכער, דאַרער ייד, פון וועמען די אָרעמקייט האָט געשפּאָרט ווי וואַטע פון אַ צעלעכערטן מאַטראַץ; אַ דער שטילער, פאַרביטערטער ייד, וואָס האָט גאַנצע טעג אַרומגעבלאָנקעט אין די „גומנעס" צווישן פּויערים, זוכנדיק צו האַנדלען אַ ביסל תבואה, און האָט געהאַט פולע אויגן מיט אונטערטעניקייט. — ער האָט איצט באַקומען כעס אין בלייכן פּנים. דער האַלדז האָט זיך אים געצויגן און שטייפע אָדערן זיינען אויפן האַלדז אויפגעלאָפן. זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט שאַרפקייט, און: —

ער האָט געגעבן אַ שטעל אַוועק דעם עמער, און מיט אויפגעהויבענע פויסטן זיך אַ לאָז געטאָן אויפן זון.

דוד האָט זיך אַ רוק געטאָן הינטערווײלעכטס, האָט זיך צוגעשפּאַרט צום וואַנט. האָט אויסגעשטרעקט די הענט זיך צו באַשיצן, האָט אַראָפּגעצויגן

דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען, האָט אָנגעהויבן שרייען מיט באַנומענע קולות ווי אַ געיאָגטע חיה:

— שלאָג נישט! זאָלסט נישט שלאָגן, זאָג איך דיר!

נישט טויט, נישט לעבעדיק, איז רויזע — די מוטער דודס — אַרײַן פון קיך:

— וואָס טוט זיך דאָ? וואָס טוט זיך דאָ? —

רויזע — האָט געאָטעמט דורך אַן אָפן מויל. זי איז געווען אַ מיטל־געוויקסיקע, האָט געהאַט אַ טונקל פּנים, אַ שאַרפע נאָז און קלאָרע אויגן, פון וועלכע ס׳האָט געשפּאַרט פרומקייט און פאַרשעמטקייט. זי האָט איצט די אויגן אויסגעשטעלט אויפן מאַן:

— ס׳איז דאָך אַ חרפּה און אַ בושה...

— מאַמע! — האָט דוד געוואָרנט — זאָל ער נישט שלאָגן.

— ער וועט נישט...

יאָסעלע האָט אַראָפּגעלאָזט די פויסטן. איז געוואָרן געבויגן. רויזע האָט לײַכט געוויגט דעם קאָפּ און האָט מיט אַ זיפץ אָפּגעצויגן דעם אָטעם...

* * *

נישט אויפהייבנדיק די — מיט ביטערקייט פאַרלאָפענע — אויגן, האָט דוד זיך אָנגעטאָן. ער האָט אַרויפגעצויגן די שטיוול, האָט האַסטיק געאָטעמט און דערבײַ געטראַכט: „מער וועל איך נישט שווייגן... ס׳עט אַ סוף נעמען... אַ טאַטע איז ער? אַ רוצח איז ער!...“

בושה און כעס האָבן געברענט אין אים. דער עיקר: די בושה... אַ טאַטע זאָל אַן אייגן קינד אַזוי דאָס פּנים פאַרשוואַרצן... ס׳עט נישט נעמען לאַנג און דאָס סעדל וועט זיך נעמען צייטיקן... ער וועט עס גוט אָפּהיטן... פון היינט אָן וועט ער שוין אין סעדל נעכטיקן... די „מאַלקעזשאַדקעס“ ווערן שוין צייטיק... די „פּאַפּיראָווע“ עפּל, וועט מען שוין אייך באַלד קענען עסן... מען דאַרף שוין נעכטיקן אין סעדל. ער וועט גוט אַכטונג געבן. שפּעטער וועט מען אַראָפּנעמען דאָס אויבס, וועט ער אָפּלייזן דאָס געלט און — אויס! דעם טאַטן וועט ער קיין צעבראָכענעם דרייער נישט געבן. ס׳איז זיין סעדל; און דאָס פאַרדינסט איז זיינס. וועט ער זיך ערגעץ דינגען אַן אַלקער און: אויס געשעפטן מיטן טאַטן! און: ס׳איז שוין טאַקע צייט ער זאָל אין זיבעצן האָבן פאַר זיך אַ תכלית אויך... יאָ תכלית, נישט תכלית — נאָר פון טאַטן וועט ער מער נישט לײַדן!...

זיך אָנגעטאָן, זיך הענט און פּנים געוואַשן, האָט אָנגעטאָן די תפילין, זיך אָוועקגעשטעלט ביים פענצטער און האָט אויף גיך אָפּגעדאַוונט. —

דוד האָט געגעסן דאָס טרוקענע ברויט, האָט פאַרטרונקען דאָס גלעזל אָקרופּ פאַרווייסט מיט אַ ביסל מילך, וואָס די מוטער האָט פאַר אים אָוועקגעשטעלט. דער פאָטער איז שוין אין שטוב נישט געווען. און די מוטער האָט אַ פּאָר מאָל געפּרואווט נעמען רעדן צום זון: זי האָט געוואָלט דעם זון טרייסטן, און דעם טאַטן זיינעם פאַרענטפערן. זי האָט דודן געוואָלט זאָגן, אַז דער טאַטע זיינער איז בטבע נישט קיין שלעכטער, אַז קיין כעסן איז ער קיינמאָל נישט געווען. נאָר וואָס דען? אַז דאָס בידנע שטיקל פּרנסה קומט אָן מיט גרינע ווערים, אַז מען דאַרף גאַנצע טעג אַרומבלאָנקען אין די „גומנעס״, און פּויערים — זיי שפּעטן־אָפּ, לאַכן־אָפּ, מאַכן חוזק... און אַז עס פאַרגלוסט זיך אַ שייגעץ, לאָזט ער אַראָפּ אַ לאַפּע איבער דער פּלייצע, און מען מוז לויפן, כאַפּן דאָס היטל... איז טאַקע אַנגעזאָליעט אויפן האַרצן. מען איז דאָך פאָרט נישט מער ווי אַ מענטש. וואָס־זשע איז דער וואונדער, אַז מען ווערט אַמאָל אויפגעבראַכט, און מען לאָזט אויס דאָס ביטערע האַרץ צו אַן אייגן קינד? נישט פון שלעכטסקייט קומט עס.

אַזוי און אַנדערש האָט זי אים געוואָלט זאָגן. אָבער דוד האָט אַפילו די אויגן אויף איר נישט אויפגעהויבן און האָט זיך נישט אָנגעשטויסן, אַז זי וויל צו אים רעדן. ער איז געזעסן אין פאַרביסנקייט ביז איבערן קאָפּ, פון זיין פּנים האָט געשלאָגן ווייטיק איינגעהילט אין פאַרשעמטקייט. האָט זי שוין גאָרנישט געזאָגט, און ער איז אַרויס פון שטוב.

יאָסעלע שאַפּסעס שטוב איז געשטאַנען אויפן ברעג פון שטעטל. איז מיט איין זייט אײַנגעאַנצן געשטאַנען אין דרויסן: הינטער דער שטוב זיינען געלעגן פּויעדישע גערטנער. נאָך די גערטנער — האָבן זיך געצויגן לאָנקעס. איבער זיי — זיינען איינציקע שטיבלעך געווען צעוואָרפן. זיינען די שטיבלעך געשטאַנען אונטערטעניקע, שטילע, פאַרגאַפּעטע, און האָבן זיך געוואַרעמט אין דער זון, וואָס האָט איבער זיי געפּלייצט ליכטיקייט. דער הימל איבערהייך, איז געהאַנגען אַ קלאָר־בלויע יאַרמעלקע, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דאָרט ווייט, הינטער דעם פּליאַנדער וואַלד. נישט ווייט פון וואַלד זיינען געשטאַנען צוויי ווינטמילן, געשטאַנען ווי שטומע שטערנזעער, און געפּאַכעט מיט פליגל, וואָס האָבן נישט קיין גוטס אָנגעזאָגט.

דוד האָט זיך אָפּגעשטעלט אַרויסקומענדיק אין דרויסן, צו גיין אין זיין סעדל, וואָס ער האָט געהאַלטן ביים דיאַקאָן פון שטעטל. דאָס סעדל האָט זיך געפונען באַענט פון זייער שטוב, און בלויז אַ שמאָל זאַמדיק וועגל איז געלעגן צווישן סעדל און דעם הויז אין וועלכן ס׳האָבן געוואוינט מאַשע מיט אירע מוטער רבקה, די אלמנה. דוד האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן זיין שטעקן מיט דער

ביינערנער, הויסער גאַלקע, האָט פאַרריסן דעם קאָפּ, געפילט די וואַרעמקייט פון זון, געהערט סוויטשעריי פון פייגל, און: —

ס׳איז גוט צו לעבן! ס׳איז גוט צו לעבן אויף דער וועלט, און צו אָטעמען די פרישקייט פון זומערדיקן פרימאָרגן!... ס׳אַר אַ פרייד ס׳איז אין זוניקן דרויסן! נאָר: אין דער פרייד איז פאַראַן אויך גרויס ווייטיק. דאָס לעבן איז אַזוי שווער. —

וואָלט אים נישט געלעגן קיין הויקער אויף דער פּלייצע — וואָלט ער גלייך צו צום פּאַרקאַן, וואָלט מיט די הענט זיך געגעבן אַ כאַפּ־אָן פאַר די שפּיצן פון די שטאַכעטן, אַ צי, אַ קלעטער ,אַ שפּרונג אַראָפּ, און ער איז אין סאָד... אָבער: דער הויקער שפּאַרט פון דער פּלייצע. שפּאַרט אַזוי שאַרף און שפּיציק...

ניין! ער וועט נישט גיין דורכן שמאָלן געסל! מאַשע קען גראָד שטיין ביים פענצטער, אַרויסקוקן און זען ווי ער שלעפּט דעם הויקער אויף די פּלייצעס... —

ער האָט געהערט ווי די פאַרשעמטקייט וויינט אין זיין לייב. און ער איז געגאַנגען אַרום און אַרום, אַריינצוקומען אין סאָד פון דער זייט, וואו ס׳ליגט דעם דיאַקאָנס גאָרטן, וועלכן די מאַמע זיינע האָט געדונגען... דאָרט וועט ער צערוקן צוויי שטאַכעטן, וואָס זיינען אונטן נישט צוגעקלאַפּט, און וועט זיך דורשטופּן...

דוד האָט געשפּאַנט מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, דער הויקער האָט שווער געשפּאַרט אויף אים. און דאָס מזל זיינס האָט אין זיין בלוט געקלאָגט: דאַרף ער האָבן אַזאַ טאַטן, וואָס זאָל אים האַלטן אין איין פאַרשעמען... —

אַריינגעקומען אין סעדל, האָט זיך דוד אַרומגעקוקט אַזוי, ווי ער וואָלט דערוואַרט, אַז עמעצער זאָל דאָ אויף אים וואַרטן. אין סעדל איז אָבער געווען שטיל. שטיפעריש ווינטל האָט זיך אַרומגעיאָגט. די גרינע, באַגילדעטע בלע־טער האָבן פריילעך געפלאַטערט. פייגל האָבן געזונגען און די שמעקעדיקע פרישקייט האָט ווי יונגער ווין זיך געגאָסן אין לייב אַריין. און אָט: —

דורך די ביימער האָבן זיינע אויגן דערבלאָנדזשעט צו דעם הויז מיטן שינדל־דאַך. אין דעם הויז געפינט זיך מאַשע...

דאָס הויז האָט שטיל געשמייכלט, זשמורענדיק די אויגן אונטער דער זון. די פענצטער האָבן געוואונקען מיט קלאָרקייט: מאַ־שע... נאָר קיין פרייד איז אין אים נישט געווען. קיין שמייכל האָט זיינע ליפּן נישט באַצירט.

ער האָט געשפּאַנט צווישן די ביימער. האָט באַטראַכט די עפּל, וואָס האָבן זיך שוין גענומען רויטלען. די „ציטרענאַווקעס“, וואָס זיינען שוין באַלד גאַנצע באַרנעס געוואָרן, נאָר זיי זיינען נאָך גרין... און ער איז דערגאַנגען צום פּאַרקאַן,

וואָס איז אויף דער זייט, אַנטקעגן גאָרטן און שטוב, אין וועלכער „זי״ וואוינט.

יעדן פרימאָרגן איז דוד אַהין געקומען און געטראָפן מאַשען. זי איז געזעסן אויף דער פריזבע ביי דער שטוב און גאָרטן, געזעסן און איר קאָפּ און פּנים האָבן געטרונקען זון. אַז זי האָט דערזען דודן, האָט זי געשמייכלט... ווער האָט אַזוי געשמייכלט ווי מאַשע? קיינער נישט! איר שמייכל איז געווען ליכטיקער פון דער זון, וואַרימער פון דער זון.

— האָבן זי געזען משה מענדלס? —

שטענדיק האָט זי זיך נאָכגעפרעגט אויף משה מענדלס. —

אָבער איצט איז דוד נישט דערגאַנגען האַרט צום פּאַרקאַן. ער האָט זיך אָפּגעקערט, איז פאַרגאַנגען צו דער „בודע״, האָט אונטער אַ בוים זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן פייכטן גראָז, און זיין האַרץ איז געווען פול מיט רחמנות צו זיך אַליין: —

ווי אַזוי קען ער גאָר טראַכטן פון מאַשען, אַז דער הויקער שפּאַרט פון זיינע פּלייצעס? —

און ווער איז שולדיק אין אַלע זיינע צרות? — דער טאַטע זיינער! מענטשן וואָלטן גאָרנישט געטראַכט, אַז ער איז אַ הויקער... אַ הויכע פּלייצע — דאָס יאָ, אָבער אַ הויקער? גיי זשע טו, אַז דער אייגענער טאַטע רופט אים נישט אַנדערש ווי „גאָרבאַטע בהמה״... „מיין גאָרב״...

דוד האָט געפילט, אַז ער איז אומגליקלעך. אויף אייביק אַ פאַרלוירענער. ווי מעג ער זיך גאָר וויזן פאַר מאַשען מיט זיין הויקער? און משה מענדלס,— ער איז אַזאַ געשטרעקטער הויכער יונג... ער האָט אַ גלייכע פּלייצע...

און דוד האָט געשפּירט טרערן אין האַלדז.

קאַפּיטל צוויי

פאַרליבט און פאַרשעמט

אָבער ווער קען עס באַפעלן אַ האַרץ און זאָגן: ליב נישט? נו, איז וואָס, אַז דוד טראָגט אַ הויקער אויף זיינע פּלייצעס? נו, איז וואָס, אַז אַלע קוקן אויף אים ווי אויף אַ קאַליקע און באַדויערן אים? דאָס האַרץ זעט נישט דעם הויקער. דאָס האַרץ איז אָנגעגאָסן מיט ליבשאַפט און שלאָגט אַזוי העפטיק פון גאַרונג!

דוד האָט זיך אויפגעשטעלט. זיין האַנט האָט פעסט אָנגעגריפּט די ביינערנע גאַלקע פון זיין שטעקן און מיט פאָרזיכטיקע טריט האָט ער זיך געלאָזט שפּאַנען צווישן די ביימער. ער האָט זיך פאַרבאָרגן הינטער אַ בוים לעבן פּאַרקאַן, און דורך די שטאַכעטן אַריבערגעקוקט אין גאָרטן, און דאָס האַרץ האָט אין אים פאַרחלשט פון גליק, וואָס זיינע בליקן פאַלן אויף איר. —

מאַשע איז געזעסן אויף דער גרינער „פּריזבע", וואָס האָט געהויערט ווי ריזיקער שלאַנג אונטער די פענצטער פון שטיבל. זי איז געזעסן שטיל, מיט דער שטילקייט פון זון. דאָס ראָזעווע קליידל מיט ווייסן בלוזקעלע האָבן פון איר מיט ווייכקייט געזונגען. דאָס קלאָרע פּנים האָט מיט פרישקייט געלאַכט אין זוניקייט אַריין. די ברוינע אויגן זיינען געווען פול מיט רואיקייט און די טונקל־בלאָנדע צעפּ זיינען געווען פאַרבאָרגן הינטער דער פּלייצע. אָבער דוד האָט געוואוסט, אַז זיי דערגרייכן ביז צו איר טאַליע. — אויפן שויס האָט זי געהאַלטן אַ ביכל צעעפנט, נאָר די אויגן אירע האָבן געקוקט אין ווייטקייט.—

וואָס קוקט זי אַזוי? פון וואָס טראַכט זי? זי טראַכט געוויס פון דעם, מיט וואָס איר שטילע קראַנקהייט וועט זיך ענדיקן... אַז שטעטל שמועסט, איז דאָך נישט אומזיסט. מען זעט דאָך טאַקע: אירע קלאָרע באַקן זיינען שטענדיק פאַרפלאַמט... אָבער דוד האָט זי ליב. ווי וואונדערלעך שיין זי איז! נאָר אין די פרישישע הויפן זעט מען אַזאַ שיינקייט. און ס'אַר אַ שטילקייט ס'איז אין איר. ווי לאַנג שוין, אַז ער טראַכט כסדר פון איר? ווי לאַנג

שוין, אַז איר געשטאַלט איז שטענדיק פאַר זיינע אויגן? ער אַליין געדענקט נישט דעם אָנהייב. דערפאַר גיט ער יעדעס יאָר אַזוי שטאַרק אַכטונג, אַז קיינער זאָל אים נישט אויסדינגען דאָס סעדל ביים דיאַקאָן. דער פאָטער זיינער קען עס נישט פאַרשטיין:

— אַלץ איינס דאַרף מען דאָך אַ סאָד היטן, קען מען דאָך דינגען אַ גרעסערן סאָד?

— דאָס סעדל גיט אויך פּרנסה.

— אָבער דו היטסט דאָך אַלץ איינס?

נו, גיי דערצייל דעם פאָטער, אַז פון דעם סעדל קען ער קוקן אויף מאַשען. ציט טאַקע דער פאָטער מיט די אַקסלען: אַ פּוילישאַק אַ יונג, וויל דוקא האָבן דאָס סעדל ביי דער שטוב. —

האַ? זי איז אַ קראַנקע... „טשעכאָטקע״... אַז מענטשן רעדן, ווייסן זיי מסתם. און: —

דודן איז גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן. אים איז אויסגעקומען, אַז דאָס, וואָס זי ליידט פון אַ קראַנקהייט, דערנענטערט זי צו אים... האַ? צווישן איר און משה מענדלס קען דאָך גאַרנישט זיין... יענער איז דאָך גלייך, געשטרעקט ווי אַ ליכט. —

דוד האָט זיך געגעבן אַ קורטשע־איין: מאַשע האָט זיך דאָרט אויפ־געשטעלט, זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום סעדל, אירע אויגן זיינען געווען פאַרוואונדערט. דאַן — און זי האָט זיך געלאָזט גיין צום פּאַרקאַן. זי האָט געציילט די טריט און דוד האָט דערשפּירט: דאָס בריוועלע בריט זיין פוס דורך דער קעשענע... וואָס זשע האָט ער געקענט טאָן? ס'איז צו אים אין בית־המדרש, ביי מנחה, צוגעקומען משה מענדלס און האָט שטיל געפרעגט:

— דוד... וועסט מיר טאָן אַ טובה?

— וואָס אַזוינס?

— וועסט איבערגעבן מאַשען אַ בריוועלע?

און ווייל ס'האָט געגעבן אַ קיל אין זיין האַרץ, ווי פראָסט וואָלט זיך אַהין אַריינגעריסן, דערפאַר האָט ער גלייך געענטפערט:

— געוויס... געוויס וועל איך דיר טאָן די טובה.

וואָס דען האָט ער געקענט טאָן?

דוד האָט געהערט מאַשעס טריט. ער האָט זיך פאַרקוקט אויף אַ פלוימענביימל, ווי ער וואָלט גאַרנישט געהערט, גאַרנישט באַמערקט.

— גוט מאָרגן! —

איר שטים האָט אַ זינג געטאָן. זיין פּנים האָט דערפילט אַ ברי, ווי מען וואָלט פלאַם צו דעם צוגעטראָגן.

— וואָס אַזוי פאַרטראַכט?

ער האָט זיך אויסגעדרייט, געקוקט אויף איר מיט צונויפגעצויגענע אויגן.

— זי דערקענען מיך נישט? — האָט זי געלאַכט. האָט גלייך גענומען פויקן מיט די פינגער אויפן טירל:

— עפענען זי. —

דער שוואַרצער הונט, וואָס איז ביים דיאַקאָנס הויז געשטאַנען אויף דער קייט, האָט זיך געגעבן אַ ריס אַזוי ראַפּטום אויפהייבנדיק די פאָדערשטע לאַפּעס, אַז די קייט האָט זיך צעקלונגען. אַ קליין ברוין היטל איז געלאָפן צום טירל מיט אַזאַ געוואַלד, ווי מען וואָלט עס מיט אַ מעסער געשניטן. דוד האָט עס מיטן שטעקן אָפּגעטריבן, און האָט דערביי צעמישט געטראַכט: „כ׳האָב נישט קיין בריוועלע... כ׳געדענק נישט, אַז מען האָט מיר געגעבן אַ פאַרמאַכט בריוול...“

— ס׳אַר אַ ליאַרעם די כלבים האָבן עס אויפגעהויבן, — האָט מאַשע געשמייכלט. — זי זיינען אַליין אין סעדל?

דוד האָט בלויז אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: אַליין. וואָס האָט זי עס געפרעגט מיט אַזאַ וואונדער? האָט זי דערוואַרט נאָך עמעצן דאָ צו טרעפן?

— ניין... ער געדענקט נישט דאָס בריוועלע...

אויף דער שוועל פון גרויסן, ווייסן הויז, וואָס איז געשטאַנען טיף אין סעדל, האָט זיך באַוויזן די דיאַקעכע. זי האָט די האַנט אַוועקגעשטעלט ווי אַ דעכל איבער די אויגן, און זי האָט דערקענט די שכנה.

— „דזשען דאָברע“ — האָט זיך מאַשע געלאָזט גיין צו איר.

ביידע האָבן זיך צערעדט וועגן דער גערעטעניש אין די גערטנער, וועגן די שיינע טעג, וואָס זאָגן צו אַ גוטן זומער אויף די פעלדער.

ס׳איז טאַקע געשטאַנען אַ לויטערער זוניקער טאָג. ס׳איז געווען זייער שטיל אַרום, און אין שטילקייט האָט געריזלט דאָס שטילע געזאַנג פון בליען און וואַקסן.

דוד איז געשטאַנען אָפּגערוקט. געשטאַנען מיט דער פּלייצע האַרט צו אַ בוים צוגעשפּאַרט, איז געווען צעטומלט, ווי דאָס וואַסער אין טייכל נאָך שטאַרקן רעגן... האָט געהאַט אין זינען אָפּצורייסן די אויגן פון מאַשען, און נישט געקענט. ער האָט פּשוט נישט געקענט באַוועגן די אויגן זיינע. —

ענדלעך האָט זיך די דיאַקעכע געכאַפּט, אַז זי מוז אַריין אין הויז, האָט זיך געזעגנט מיט מאַשען, דערביי צוגעוואָרפן אַ בליק צו דודן און געזאָגט:

— ווי ער שטייט עס... ווי אַ ברוגזער.

די דיאַקעכע איז אַריין אין הויז.

דאַן, — און מאַשע האָט צוגעשפּאַנט צו דודן. זי איז צוגעקומען צו אים

אַזוי נאָענט, אַז ער האָט דערפילט איר ריח און ס׳האָט אים פאַרפעלט אָטעם.
— וואָס הערט זיך? — האָט זי געפרעגט.
— וואָס זאָל זיך הערן? — האָט ער צוריקגעפרעגט. האָט געוואוסט: „אויפן בריוול פרעגט זי זיך...״
— עס הערט זיך גאָרנישט?
— וואָס אַ שטייגער?
אויף מאַשעס פנים איז אַרויס וואונדער: וואָס איז מיט אים, וואָס ער ענטפערט אַזוי אָפּגעהאַקט?
— און וואָס מאַכן זי?
— ווי שטענדיק.
— היט דעם סאָד?
— יאָ. דאָס סעדל.
— אַזוי...
מאַשע האָט באַקומען שמעלערע אויגן. געזען ווי ער שטייט פאַרעקשנט, שפּאַרט די פּלייצע צום בוים, מאַכט נישט קיין מינדסטע באַוועגונג. האָט זי שוין גאָר פּשוט אַ פרעג געטאָן:
— און משה מענדלס האָבן זי נישט געזען?
פון דער פראַגע און פון די פאַרוואונדערטע אויגן, איז ער אינגאַנצן צע־מישט געוואָרן. און זיין האַנט האָט, ווי אָן זיין צושטימונג, גענומען גראַבלען מיט צאַפּלדיקע פינגער אין דער הויזנקעשענע.
— יאָ... גאָר פון זינען אַרויס... נאָך נעכטן אין אָוונט...
איר בליק איז געוואָרן אַ שטייפער, האַרטער, האָט ווי דינע נאָדלען גע־שטאָכן זיין פנים.
זי האָט גענומען דאָס בריוול. האָט עס אויפגעריסן. דורכגעלייענט. שמייכל איז אַנגעלאָפן אין אירע אויגן:
— געהאַט פאַרגעסן?
— ס׳איז מיר אַרויס פון זינען — האָט ער זיך פאַרענטפערט.
— אַ דאַנק, דוד.
איר פנים האָט געשיינט. שטיפעריש האָבן געשמייכלט אירע ליפּן. און זי איז אַוועק מיט אַזאַ גאַנג, אַז ביי דודן איז דאָס מויל אָפן געשטאַנען.
דוד האָט זיך געווישט דעם שווייס פון שטערן, האָט געאָטעמט ווי נאָך אַנגעשטרענגטער, שווערער אַרבעט.

* * *

דער פאַרנאַכט איז אַנגעקומען אַ זייער שטילער. האָט אַריינגעשפּאַנט אין סעדל מיט ווייכע טריט ווי אין זאָקן. טונקעלע ליילעכער האָבן זיך געשפּרייט

איבער גראָז. די זון האָט זיך ערגעץ פאַרשטעקט, נאָר איר וואַרעמקייט איז געבליבן. ווינטל האָט געטראָגן זאַפטיקע ריחות און: —

משה מענדלס איז געקומען.

דוד האָט אים באַגעגנט. דודס פּנים איז געווען פאַרלאָשן. פון זיינע אויגן האָט אַרויסגעקוקט שטומער צער. זיינע ליפּן זיינען געווען צוזאַמענ־געקלעפּט. משה האָט זיך געוואונדערט:

— וואָס איז מיט דיר, דוד?

— וואָס זאָל זיין?

— האָסט איבערגעגעבן?

— איבערגעגעבן.

דוד האָט געשוויגן. משה האָט געפאָרשט מיט די אויגן: „וואָס איז מיט דעם הויקער?" נאָר: —

אין געסל האָט זיך באַוויזן מאַשע. און דוד האָט דערזען: זי איז איצט אַן אַנדערע. מיט וואָס איז זי אַנדערש דען? דאָס האָט ער נישט געוואוסט. נאָר — פון אירע טריט איז אויפגעגאַנגען געזאַנג, און פון איר גוף האָט זיך געטראָגן שמעקעדיקייט. —

זי איז אַריין אין סעדל. משה איז איר אַנטקעגן געגאַנגען. ער איז צו איר צוגעקומען אַזוי נאָענט, אַז זיין אַקסל האָט אירן אָנגערירט. זיי האָבן זיך געשושקעט. דאַן — מאַשע האָט צוגעוואָרפן אַ בליק אין אַ זייט צו דודן. דוד האָט אוועקגעדרייט דעם קאָפּ און אין האַרצן איז אים ענג געווען.

ער האָט געזען: משה האָט אַנגעבויגן דעם קאָפּ צו מאַשעס, אוןביידע האָבן אָפּגעשפּאַנט מיט געלאַסענע טריט. ביידע האָבן פאַרגעסן, אַז דוד גע־פינט זיך אין סעדל... ווער איז ער, און וואָס איז ער? ער איז דאָך בלויז עפּעס אַ הויקער, וואָס קען טראָגן בריוולעך פון אים צו איר...

דוד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן גראָז לעבן דער בודע. דער פאַרנאַכט האָט געפינצטערט. ער האָט זיי שוין נישט געזען. ער האָט געוואוסט: זיי וועלן באַלד אַרויס פון סעדל, וועלן אַריבער אין גאָרטן, און וועלן זיצן אויף דער פריזבע אונטער די פענצטער פון מאַשעס צימער. —

דוד האָט זיך אויסגעצויגן אויפן ווייכן גראָז. די נאַכט האָט אַראָפּ־געניִדערט איבער אים, איבער זיינע פאַרמאַכטע אויגן. ער איז געלעגן שטיל, ווי עס ליגט עלנטער שטיין, הינטער פלויט פאַרוואָרפן, און פאַרשעמטקייט האָט אין זיין לייב געוויינט.

די שטילקייט איז געווען געדיכט. דאָס ווינטל האָט געבראַכט ריח פון וואַרעמער מילך. פון ערגעץ איז אַנגעלאָפן אַ מרוקע פון אַ בהמה. אַ סקריפּ פון אַ טויער. די פאַרשעמטקייט האָט איצט געהעשעט אין דודס האַרץ. זיפץ

האָט זיך געשטופּט אין האַלדז אַריין. נאָר די ליפּן זײַנען געווען ענג צוזאַמענ־געפּרעסט...

האַ? מאַשע איז איצט מיט משהן. ער זיצט לעבן איר אויף דער פּריזבע. ער האַלט איר האַנט אין זײַנער. מאַשע האָט צוגעשפּאַרט איר קאָפּ צו זײַן אַקסל. פון וואָס רעדן זיי? משה דערציילט נײַעס פון די „גאַזעטן", וועלכע ער אײַנער דערהאַלט פון דער גרויסער שטאָט... און מאַשע קוקט אים אין די אויגן אַריין... און ער: —

ס'האָט אין דודן אַ צאַפּל געטאָן. ער האָט געזען: משהס אָרעם האָט זיך אַ וויקל געטאָן אַרום מאַשעס פּלייצעס. ער האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ. מאַשעס פּנים האָט זיך אונטערגעהויבן און משהס ליפּן זײַנען אויף אירע געפֿאַלן.

ס'האָט דודן פֿאַרשלאָגן דער אָטעם. ענגשאַפּט האָט זיך אין האַלדז אַרײַנגעשפּאַרט, און ער האָט זיך ראַפּטום געגעבן אַ זעץ־אויף. ער האָט געקוקט אין דער פֿינצטערקייט אַריין, האָט נישט געוואוסט וואָס ער זעט. איז ער אַזוי געזעסן, ביז דאָס שטיקעניש האָט נאָכגעלאָזט. ער האָט געאָטעמט האַסטיק, געפֿילט אויף די ליפּן די הייסקייט פון זײַן אָטעם: „זיי מעגן דאָך אַלץ... זיי האָבן דאָך גלײַכע פּלייצעס..."

ווייסט דען נישט משה, אַז מאַשע הוסט שטאַרק איבער די נעכט? ווייסט ער דען נישט, אַז אין קילע פֿאַרנאַכטן פֿאַרלאָזט מאַשע נישט דאָס הויז. און אַז עס באַפֿאַלט איר דער הוסט, באַקומט זי אַרויסגעשטאַרטע אויגן? זי הוסט אין אַ טיכל אַריין און — אויפֿן ווײַסן טיכן בלײַבן רויטע פֿלעקן... און ער — משה, ער האָט דאָך אַ גלײַכע פּלייצע. ער איז דאָך אַ הויכער שיינער יונג...

דוד האָט זיך צוריק אויסגעצויגן. איז איצט געלעגן מיט אָפֿענע אויגן, האָט געקוקט אַרויף אין דער טיפֿער בלויקייט אַריין, און ער האָט געזען: אַ שטערן האָט אויפֿגעפֿלאַמט. אין אָט דאָרט, איז געווען אַ שטערן און איז מער נישטאָ...

אַזוי ווי די מזלות פון מענטשן. איינעמס פֿלאַמט־אויף און אַ צווייטנס פֿאַרלעשט...

ס'וועט אויך זײַן מזל אויפֿפֿלאַמען.. ס'וועט... משה וועט אַוועק פון שטעטל. רעדט ער דאָך אָפּט פון פֿאָרן אין דער גרויסער שטאָט, וואו בחורים לערנען זיך. מען שטודירט, מען האַלט אויס עקזאַמען, מען קומט צו אַ תּכלית... ער וועט אַוועקפֿאָרן... און דאַן... אָבער דערווײַל... וואָס טוען זיי אין גאָרטן דאָרט?

ער איז אויפֿגעשטאַנען: ער וועט שטיל אַרויס פון סעדל, וועט זיך פֿאַרגנבֿענען צום פֿאַרקאַן פון גאָרטן: וואָס קומט דאָרט פֿאָר צווישן זיי?

קאַפּיטל דריי

געטריסט

אַצינד, און געל־רויטלעכער פּענעץ לבנה איז געהאַנגען אין טונקעלער בלויקייט נישט ווייט פון האָריזאָנט. אָבער דאָ אין גאָרטן זיינען די געוויקסן גע־שלאָפן אין פינצטערניש. לעבן פּאַרקאַן זיינען געוואַקסן בעבלעך. זיי האָבן זיך מיט גרינע אָדערן און בלעטלעך געוויקלט איבער הויכע שטעקנס, וואָס האָבן איצט פאַרמירט אַ שוואַרצע וואַנט. פון ערגעץ האָט דערבלאַנדזשעט אַ וואָי פון אַ הונט, וואָס האָט גלייך אויסגעוועפּט אין דער נאַכט. און ס'איז אויס־געקומען: דער גאָרטן איז אַ טאָל, וואָס ליגט דערווייטערט פון ישוב. משהס האַנט האָט אַ גלעט געטאָן מאַשעס אָרעם, האָט זיך אַראָפּגעגליטשט און זיינע פינגער האָבן אירע געטוליעט:

— זי לייענען עפּעס?

— כ'האָב היינט געלייענט דאָס בוך, וואָס זי האָבן מיר געגעבן.

— אַ טייער בוך.

— כ'האַלט אין מיטן. כ'ווייס נאָך נישט דעם סוף.

— דער סוף איז גאָר אַ וואונדערלעכער. —

— כ'על אַליין זען, וואָס דער סוף איז געוואָרן.

פּאָרזיכטיק האָט זיך געעפנט די טיר, וואָס פירט פון שטוב אין גאָרטן אַריין. משהס האַנט האָט אַרויסגעלאָזט מאַשעס פינגער. מאַשע האָט אויס־געדרייט דעם קאָפּ. די מוטער האָט זיך באַוויזן אין טיר:

— טאָכטערשי... ס'איז אפשר אַ ביסל קיל.

— ניין, מאַמע, ס'איז נישט קיל.

— ווערסט נעמען אויף זיך די פּאַטשיילע. —

— כ'וויל נישט. —

— וואָס אַרט דיר? — האָט זיך פון דער געעפנטער טיר אַרויסגערוקט אַ האַנט מיט אַ טוך.

— אַז כ'איז נישט קיל.

די האַנט מיט דער פאַטשיילע האָט זיך צוריקגעצויגן.

וואָלט רבקה נחומס געזען אַן אַנדער מיידל מיט אַ בחור זיצן בײנאַכט אויף אַ פּריזבע צוזאַמען, וואָלט עס איר שטאַרק נישט געפעלן. אָבער אויף איר מאַשען מעג זי זיך פאַרלאָזן. מאַשע איז אַ גאָלדן שטיל קינד, און זי איז אַ יתומה... זי האָט טאַקע געהאַט זייער אַ שיינעם טאַטן. ווען ר' נחום האָט געלעבט, האָט ער געהאַט אַזאַ שיינע ווייסע באָרד, איז געווען פון די שענסטע באַלעבאַטים. איז געווען פאַרמעגלעך. איז ער אָבער געשטאָרבן, און מאַשע איז געבליבן אַ יתומה. און דאָס ביסל געלט, וואָס ס'איז געווען, האָט ער פאַר־קרענקט... ס'איז בלויז געבליבן די שטוב מיטן גאָרטן. רבקה גייט איבער די גומנעס, האַנדלט אַ שאָק אייער, אַ ביסל ציבעלעס, אַ בינטל חזיר־האָר. מאַשע האַלט אַ סאָדע־וואַסער געוועלבל אין פאָדערהויז פון שטוב. און די גרויסע נדנען, וואָס עס זיינען פאַר איר אָנגעגרייט? — איז מילא...

— און צו שפּעט זאָלסטו אין דרויסן נישט זיצן.

— כ'ווייס, מאַמע. —

און די טיר האָט זיך צוריק פאַרמאַכט. און ווידער זיינען משה און מאַשע געבליבן אַליין. נאָר אַ שווייגעניש איז זיי פלוצלונג באַפאַלן. —

מאַשע האָט געוואָרט. זי האָט מיט אירע אויגן געגלעט משהס פּנים און אַז ער האָט אַלץ געשוויגן און געקוקט אין גערייטקייט, האָט זי צוגענומען די אויגן פון אים. האָט זיך פאַרטראַכט: פאַרשטייט ער, פאַר וואָס די מאַמע האָט איר אַרויסגעבראַכט אַ פאַטשיילע? שטויסט ער זיך אָן, פאַר וואָס די מאַמע האָט איר געוואָרנט נישט צו זיצן שפּעט אין דרויסן? זאָל נישט אַמאָל דער הויקער האָבן עפּעס אָנדערציילט? מאָדנע, ווי ער האָט היינט גערעדט צו איר, אָט דער הויקער...

— מאַשע, פון וואָס טראַכטן זי?

זי האָט צו אים צוריקגעבראַכט ערנסטע אויגן:

— ווייס איך? מען טראַכט.

— פון וואָס אַשטייגער?

— עס ווילט זיך פאַרשטיין, וואָס אַנדערע טראַכטן... עס ווילט זיך וויסן, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען.

משה האָט געקענט זען: איר פּנים איז בלאַסער; די אויגן פאַרשן... ער איז צעטומלט געוואָרן און דערפאַר געזאָגט:

— ס׳איז אַן אָנגענעמע נאַכט! די זומערדיקע נעכט זיינען אַזעלכע שטילע... וואַרעמע...

ס׳האָט זיך ביי איר אַרויסגעכאַפּט:

— ווען די נעכט וואָלטן שטענדיק געווען זומערדיקע.

דאָס האַרץ האָט זיך איר פאַרקלעמט: נאָך וואָס האָט זי עס געזאָגט? נישט געדאַרפט אַזוי זאָגן... נישט געדאַרפט. און משה האָט גלייך אונטער־געכאַפּט:

— ווען דאָס לעבן וואָלט געווען בלויז זומער!

זיין האַנט האָט געגלעט איר פּלייצע:

— אָבער דער זומער גייט פאַרביי. שפּעטער קומט דער אָסיען. עס קומען כמורנע, קאַלטע טעג; פייכטע, פינצטערע נעכט. עס טריפט אַ רעגן, דאָס שטעטל זינקט אין בלאָטע און ווערט אַ העק... ס׳ווערט אומעטיק צום שטאַרבן...

משהס האַנט האָט דערשפּירט ציטער. מאַשע האָט נישט באַוויזן איינ־צוהאַלטן דעם קרעכץ.

— וואָס איז, מאַשע?

— וואָס זאָל זיין?

— זי זיינען בלאַס.

— בלאַס?... ס׳איז פון דער לבנה. זי זיינען אויך בלאַס.

דער פּענעץ לבנה איז איצט געשטאַנען העכער אין הימל, איז געווען זילבערדיק.

און ביידע האָבן ווידער געשוויגן. משה האָט געהאַט צערודערטקייט אין פּנים. מאַשע האָט געקוקט צו דער ערד: „עפּעס פאַרשטייט ער“... דאַן — און זי האָט אויפגעהויבן די אויגן:

— משה.

— וואָס?

— אַז זי זיינען מיטן הויקער, פון וואָס רעדן זי?

— פון דער גאַנצער וועלט... דער הויקער איז דאָך אַ גאַנצער מעכאַניק. ער קען צענעמען אַ זייגער און אים צוריק צוזאַמענשטעלן. רעדט ער פון דעם ווי אַ זייגער גייט... און פון ביכער רעדט ער.

— דער הויקער לייענט ביכער?

— ער ליגט גאַנצע טעג אין סאַד און לייענט.

— ראָמאַנען?

— ער איז גראָד אַ וויסנשאַפטלעכער הויקער! ער לייענט וועגן מעדיצין. אַ גאַנצער דאָקטאָר.

— טאַקע?

— דאָ אַנומלטן, האָט ער פאַר מיר געהאַלטן אַ גאַנצע לעקציע. ער האָט געוואָלט אויסדריקגען, אַז אַ געזונטער שטעקט זיך אָן פון אַ קראַנקן, איז דער אַנגעשטעקטער מער אין סכנה פון דעם, פון וועמען ער האָט זיך אַנגעשטעקט.

— אַ, — האָט מאַשע אַריינגעגנבעט אַ קרעכצל.

משה האָט געלאַכט.

— לעצטנס איז ער געוואָרן אַ גאַנצער ווייסער, אָט־דער הויקער.

— איך קען אים נישטליידן, — האָט מאַשע געזאָגט.

— אַ קאַליקע... וויל אַלץ וויסן... וואָס ס׳טוט זיך ביי יענעם אין האַרצן וויל ער וויסן.

— און איז אַ גרויסער ליגנער אויך... ער זאָגט דאָך קיינמאָל קיין וואָרט אמת נישט.

האַ? זיי וואָלטן געקענט שווערן, אַז זיי האָבן געהערט אַ פאַרשטיקטן קרעכץ. יעדע האָבן אָנגעשטרענגט די אויגן, געקוקט אין איין ווענדונג: צו די בעבלעך־געווייקסן. אָבער — ס׳איז געווען שטיל.

— און איך וועל שוין גיין — האָט משה געזאָגט מיט נישט קיין ריין קול.

— זיצן זי נאָך אַ ביסל.

— ס׳ווערט שפּעט.

* * *

מאַשע איז אַריין אין שטוב. די מוטער איז נאָך געזעסן ביים טיש און האָט געשטריקט אַ זאָק ביי דער שיין פון אַ קליין לעמפּל, וואָס האָט געברענט מיט רויטלעך פייערל. די ווענט זיינען געווען איבערגעדעקט מיט טונקלקייט. אויף דער סטעליע איז געווען קיילעכדיקער, שיינענדיקער פלעק.

— וועסט עפּעס עסן, טאָכטער.

— ניין. דער קאָפּ טוט מיר אַ ביסל ווי. כ׳גיי שלאָפן.

— וועסט אויסטרינקען אַ גלאָז מילך.

— כ׳וויל נישט, מאַמע.

— וועסט יאָ אויסטרינקען. ס׳איז צוגעגרייט.

מיט שאַרנדיקע טריט איז רבקה אַריין אין קיך, איז צו צו דער פּליטע, האָט פון דאָרט גענומען אַן ערדן טעפּל מיט וואַרעמער מילך, האָט אָנגעגאָסן אַ גלאָז און אַריינגעבראַכט. מאַשע האָט פאַרטראַכט געזופּט די מילך. די מוטער האָט גענומען לייענען קריאת־שמע. מאַשע איז אַריין אין איר צימער.

זי האָט זיך אויסגעטאָן, זיך געלייגט, געלעגן מיט אָפענע אויגן: —

משה ווייסט עפּעס... פון וואַנען ווייסט ער? פון הויקער! דער הויקער גייט איר פאַראויס אויף איר וועג, און וועמען ער טרעפט, זאָגט ער אָן: — טרעט אָפּ! עס גייט אַ קראַנקע!...

און נאָכן זומער קומט אָסיען. אין די רעגנדיקע טעג שטאַרבן שווינד־זיכטיקע...

ס׳שטייט קוויטקער נאָסער טאָג. דער רעגן זיפּט דורך רעשעטע. די דעכער זיינען שוואַרץ, און די געסלעך זיינען בלאָטיק. קאַלטער ווינט שמייסט די פּנימער... און צום בית־המדרש ציט זיך די לויה. בערעלע ייד טרייבט אָן דאָס דאַרע פערדל... דער פערדישער קאָפּ מיט דער נאָסער גריווע איז געבויגן. די פערדישע פיס טאָפּטשען אין בלאָטע. און אויפן וואָגן ליגט די געשטאָרבענע... זי איז איבערגעדעקט מיט דער מאַמעס פאַטשיילע... נאָך דעם וואָגן גייען נאָך משה מענדלס און דוד גאָרב... ניין, פריער גייט דוד...—

מאַשע האָט אויפגעציטערט מיטן גאַנצן גוף. ניין! ס׳קען נישט זיין! זי איז נישט קראַנק!... דעם גאַנצן פרילינג, אַז זי האָט זיך קיין איין מאָל נישט פאַרהוסט... שוין וואָכן, אַז זי האָט זיך נישט פאַרהוסט... קראַנקע זיינען אויסגעצערט... זיינען הויט און ביין... און זי? —

אירע בײדע הענט האָבן געגלעט איר יונג, שטייף לייב: איר לייב איז לויטער, פול, גלאַט. אָט וועט זי עס זען מיט די אייגענע אויגן.

זי איז אַראָפּ פון בעט, האָט דערשפּאַנט צום פענצטער, האָט עס געעפנט, איז געבליבן אין ליכטיקייט פון לבנה־שיין... זי האָט לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט פון זיך דאָס העמד, אירע פולע אַקסלען האָבן געלויכטן איר אין די אויגן אַריין. זי האָט צוגעטוליעט רעכטע באַק צום רעכטן אַקסל, דאַן — לינקע באַק צום לינקן אַקסל; האָט געגלעט אירע אָרעמס, די שטייפע בריסט, און:—

ס׳האָט אין איר אויפגעזונגען: ניין! זי איז נישט קראַנק!... ניין! נישט אַזאַ שטייף, קלאָר לייב ליגט אויפן וואָגן, געפירט פון בערעלע יידס דאַר פערדל!

פון פאַרהוילענעם קוואַל האָט געפלייצט טרייסט אין האַרצן אַריין. פון האַרצן האָט די טרייסט אַריינגעזונגען פרייד אין אַלע גלידער: ס׳איז גוט! ס׳איז וואונדערלעך גוט צו לעבן! ס׳איז גוט צו זיין יונג און פריילעך!

זי האָט צעוואָרפן די ליכטיקע הענט, האָט זיך האַסטיק אַ דריי געטאָן. די צעלאָזענע האָר האָבן זיך אַ יאָג געטאָן אַרום איר קאָפּ, האָבן פאַרדעקט דאָס פּנים. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, און די האָר זיינען פון איר פּנים אָפּגעפאַלן.

ווייכער ווינט האָט זיך געגאָסן דורך צעעפנט פענצטער. זי האָט צוגעשפּאַנט גאָר נאָענט, האָט געשפּאַרט דעם קאָפּ אין דרויסן אַריין. ס׳האָט ווייך געגלעט אירע נאַקעטע אַקסלען. דאָ: —

זי האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, האָט געגעבן אַ כאַפּ־אַריין דעם קאָפּ, איז אָפּגעטראָטן פון פענצטער: ווידער האָט צו איר דערגרייכט פאַרשטיקטער זיפץ...

זי האָט געקוקט, געקוקט... האָט זי דען נישט געזען ווי דאָס געוויקסביים פאַרקאַן האָט זיך האַסטיק אַ באַוועג געטאָן?

זאָל עס זיין דער הויקער?

זי איז צוריקגעטראָטן צום בעט, האָט זיך געלייגט, זיך פאַרדעקט ביז אונטער דער גאָמבע. זי האָט צוגעמאַכט די אויגן און געזען: ביים פאַרקאַן, הינטערן געוויקס, שטייט דוד גאָרב אַ פאַרטאַיעטער... שטייט פאַרגליווערט, אָטעמט נישט. און די אויגן זיינע זיינען ברייט צעעפנט... און מאַשע האָט זיך פאַרשעמט. האָט געפילט: די באַקן פלאַמען איר. אָבער ס'איז פאָרט גוט... ס'זינגט אַזוי אין האַרצן...

זי איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן. האָט געאָטעמט אַזוי גרינג און אויף איר פּנים האָט שמייכל ווי ליכטיקער זון־פלעק געשפּילט. —

ב. עפּעלבוים

קאַפּיטל פיר

אַ זומערטאָג

דער זומער איז געווען צעוואָקסן, האָט זיך געצייטיקט. די וועגן זײַנען געלעגן זאַמדיקע, האָבן געפּרייכט מיט טרוקענער וואַרעמקייט; די פעלדער אַרום שטעטל האָבן געזונגען מיט געדיכטער תבואה, וואָס האָט שוין געבלייכט, מיט בלויע קאָרנבלימעלעך, און מיט שפּע. די סעדער זײַנען געשטאַנען שווער־באַלאָדענע, און פון צווישן גרין־געדיכטע בלעטער האָבן אַרויסגעשמייכלט באַרנעס און עפּל, וואָס האָבן זיך געררויטלט. פעטע זון איז געלעגן איבער דעכער, האָט געבאַקן מאַרק און געסלעך. הייזער זײַנען געשטאַנען אויפגעריכטע, מיט צעעפנטע פענצטער; ס׳האָט געשמעקט מיט זאַטקייט אין שטילן שטעטל, און: —

אויך דוד איז געווען אויפגעריכט און צעבליט:

אָנגעטאָן אין אַ צייגן כאַלאַטל, אין גרינגע האַלבע קאַמאַשן, אין אַקליין טוכן היטל, האָט ער אַרומגעשפּאַנט איבערן סאַד און האָט זיך געפילט העכער, שלאַנקער. די זון האָט היימיש געוואַרעמט אַקסלען און פּלייצע, ווינטל האָט דורך צעשפּילעט העמד געגלעט דאָס לייב. און — ער האָט נישט געפילט, אַז ס׳שפּאַרט אָפּ פון דער פּלייצע. ער האָט געשטעלט שטייפע טריט, געקוקט מיט שטאָלץ אויף זיין פאַרמעגן. און אָט: — די צווייגן מיט די „פּאַמעראַנצוואוקעס" וועט מען דאַרפן אונטערשפּאַרן... און דעם בוים מיט די גרויסע יעשען־עפּל, דאַרף מען טאַקע גלייך באַוואָרענען. די צווייגן ברעכן זיך דאָך שוין. —

ער האָט געהאַלטן ביידע הענט פאַררוקט אין די הויזנקעשענעס, האָט געאָטעמט גרינג און טיף. האָט צונויפגעצויגן די ברעמען: וויפיל, אַ שטייגער, וועט דער בוים געבן? שווער צו זאָגן. אָבער אַ גערעטעניש איז היי־יאָר... ס׳וועט זיין אַ סך אויבס... מען דאַרף באַר גוט היטן דעם סאַד... און — ס׳וועט שוין גוט זיין...

יאָסעלע שאַפּסעס איז איצט געווען פאַרנומען גאַנצע טעג. פון אינ־דערפרי ביז נאַכט, איז ער אַרומגעגאַנגען אין די „גומנעס" און געהאַנדלט: ווען ס׳האַלט שוין ביים אַראָפּנעמען די נייע תבואות פון די פעלדער, פאַרקויפן פויערים די לעצטע פון די פאַראַיאָריקע תבואות. אַרימערע — פאַרקויפן די נייע, וואָס מען וועט אַראָפּנעמען... דאַרף מען אויסרעכענען, געבן אַנאַדרויף... דאַרף מען זיך דינגען, זען: דער אַדרויף זאָל זיין וואָס קלענער: איינמאָל — ס׳איז וויניקער ריזיקע. צווייטנס — ס׳דאַרף בלייבן אויף נאָך אַן אַדרויף... איז ער טאַקע געווען שטאַרק פאַרנומען. און אַז ער איז אין אָוונט אַהיים גע־קומען, איז ער געווען שטאַרק מיד... און אויפשטיין דאַרף מען גלייך באַ־גינען: זישטשיקן דאַרף ער כאַפּן, איידער ער פאָרט אַרויס אין פעלד אַריין.—

האָט זיך יאָסעלע נישט געוויזן אין סעדל, און דוד האָט גאָר פאַרגעסן אָן אים. האָט נישט געדענקט, אַז דער פאָטער רעכנט אויס אויפן געלט, וואָס מען וועט אָפּלייזן פאַר אויבס...

רויזע איז געווען פאַרנומען מיטן געדונגענעם גאָרטן. זי און צלאָווע — דודס שוועסטער — זיינען גאַנצע טעג געלעגן אויפן גאָרטן, האָבן אויסגע־פּיעלעט די ווילדע גראָזן פון די „זאַגאָנעס", האָבן אונטערגענומען די אוגער־קעס, די גרינע ציבעלעס, אין די פרימאָרגנס, זיי אַרויסגעטראָגן אויפן מאַרק צו פאַרקויפן. זיינען זיי אויך אין סאָד נישט געקומען. דוד אַליין איז געווען באַלעבאָס!

פאַרנאַכט פלעגט בלויז קומען שוק — זיין קליין ברודערל, וואָס געהייסן האָט ער ברוך, נאָר די חדר־יינגלעך האָבן אים גערופן שוק. ער פלעגט דודן ברענגען וועטשערע און איז געבליבן מיט דודן נעכטיקן אין דער בודע. —

איז עס געווען בייטאָג. און דוד איז געלעגן אונטער אַ בוים. ער האָט גרינג געאָטעמט און:—

ער וועט זיינס אויספירן! עס זאָל אַפילו דונערן און בליצן, זיינס וועט ער דערגרייכן: ער וועט ווערן „אַ מענטש פאַר זיך!"... דאָס ביסל געלט, וואָס ער האָט ביז אַהער אָפּגעלייזט פאַר קאַרשן, „מאַלקעזשאַדקעס" און „פאַ־פּירוואוקעס", וועט ער היטן... ווי דאָס אויג אין קאָפּ וועט ער יעדע קאָפּיקע אָפּהיטן... און ס׳וועט צייטיק ווערן דאָס „רעכטע" אויבס, וועט מען שאָקלען, וועט ער עס אָפּפירן קיין פאַרצעווע, וועט אָפּלייזן דאָס געלט, און: — דוד ווערט אַ מענטש!

וואָס וועט ער טאָן?

ער וועט אָוועקפאָרן קיין ראַדזין. אַ ידיעה אין זייגערס האָט ער, וועט ער זיך דאָרט פאַרדינגען ביי אַ זייגערמאַכער, און אין עטלעכע וואָכן צייט וועט ער זיך צולערנען די מלאכה... אין שטעטל איז קיין זייגערמאַכער נישטאָ...

און דאָן — אַ געוועלבל אין מיטן מאַרק. איין זייגערמאַכער אין שטעטל... נייע זייגערס וועט ער פאַרקויפן, אַלטע זייגערס וועט ער פאַרריכטן, און — ער וועט האָבן דערגרייכט אַ תּכלית! ווער וועט דאַן לאַכן פון דוד גאַרב?

נאָך יענער נאַכט, ווען ער האָט געזען מאַשען אין פענצטער, האָט ער אַ סך געטראַכט. ער איז אין בודע געלעגן אַ פאַרטאַיעטער און געטראַכט, ביז ער איז געקומען צו דעם באַשלוס: ער מוז קומען צו אַ תּכלית... מאַשען צוליב. ער וועט פון איר פאַרטרייבן די קראַנקהייט! צו די בעסטע דאָקטוירים וועט ער זי נעמען... די טייערסטע רעצעפּטן וועט ער פאַר איר קריגן... מאַשע דאַרף האָבן ווער עס זאָל פאַר איר זאָרגן... די מוטער, די אלמנה, קען איר נישט פאַרזאָרגן.. וואָס זשע? דער אויסגעפּוצטער משה וועט פאַר איר זאָרגן? ער האָט דאָך אַ גלייכע פּלייצע, און טראָכט גאָר פון אַ סטודענטיש היטל און אַ מונדיר מיט גאָלדענע קנעפּ!

דוד איז געווען אַזוי פאַרזונקען אין זיין טראַכטן, אַז ער האָט נישט געהערט די טריט פון די בחורים, וואָס זיינען געווען אַריינגעקומען אין סאָד.

— אַט איז ער דאָך?!

דוד האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, האָט זיך האַסטיק אויפגעזעצט. אויף זיינע ליפּן איז נאָך געווען דער שמייכל, אָבער די אויגן זיינען אים געווען צעטומלט מיט שרעק, ווי מען וואָלט אים ביי דער האַנט געכאַפּט:

— כ׳האָב גאָר נישט געהערט.

די בחורים האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום אים.

הענעך האָן — אַט דער נידעריקער, פולער יונג, וועמענס פאָטער ס׳האָט געהאַט אַ שניט־קראָם, און ער אַליין האָט שטענדיק געהאַט אַ פּנים פול מיט אַפּעטיט — האָט אַ שמייכל געטאָן:

— אין מיטן העלן טאָג ליגט מען אַזוי פאַרגאַפט?

און מנחם קאָזע — אַ הויכער, אַ דינער, אַ פאַרטראַכטער, האָט געפרעגט:

— וואָס אַזוי פאַרזאָרגט, דוד?

— וואָס זשע? — האָט דוד צוריקגעפרעגט — נישטאָ פון וואָס צו זאָרגן?

— זאָרגן? — האָט הענעך נישט פאַרשטאַנען.

האָט דוד געקראָגן גאָר אַן ערנסט פּנים:

— נו, אוודאי, דיר, הענעך, איז גוט. דער טאַטע דיינער פאַרזאָרגט דיר מיט אַלעם גוטן, וואָס זשע האָסטו צו זאָרגן?

— און דו האָסט אַ ווייב מיט קינדער? — האָט זיך הענעך צעלאַכט.

— נאָר אַז מען האָט אַ ווייב מיט קינדער, האָט מען וואָס צו זאָרגן?

און, — ווען האָט דוד אַזוי גערעדט? בחורים זיינען געווען פאַרגאַפט: דוד האָט גערעדט ווי אַ געזעצטער עלטערער מענטש. האָט גערעדט פון תּכלית.

פון דעם, וואָס אַ מענטש מוז אין זינען האָבן אַ תּכלית. און: יעדער מענטש דאַרף און מוז איינאָרדענען זיין לעבן; יעדער איינער האָט זיך זיין פּייאַיקייט, זיך צו עפּעס צו דערשלאָגן. און אויב אַ מענטש איז פויל, האָט נישט גענוג כּוח זיך צו נעמען אין די הענט אַריין, וועט אים קיינער נישט פאַרזאָרגן...

נאָר הענעך האָט קיין געדולד נישט געהאַט:

— תּכלית, שמאַכלעס... מיר זיינען געקומען עסן „מאַלקעזשאַדקעס".

האָט דוד שוין אַ שמייכל געטאָן:

— גוט. וועט איר עסן.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינגעניש. מיט אַ וואָך צוריק האָט דוד גענומען דריי קאָפּיקעס פון אַ בחור און יענער האָט געקענט עסן קאַרשן וויפיל ער האָט נאָר געוואָלט. איצט האָט דוד געהעכערט דעם פּרייז. ער האָט פאַרלאַנגט נישט אַנדערש ווי פינף קאָפּיקעס פון אַ בחור. בחורים זיינען געוווען דערשטוינט: וואָס הייסט? אָבער דוד האָט זיך געהאַלטן ביי זיינעם: די באַרנעס זיינען אַזעלכע זיסע, זאַפטיקע, זיי צעגייען זיך אין מויל... מען קען זיי אַ סך עסן.

ס'האָבן קיין רייד נישט געהאָלפן. דוד האָט אויסגעהערט די טענות און געזאָגט:

— פינף קאָפּיקעס פון אַ פאַרשוין. און נישט אויף באָרג.

די בחורים האָבן זיך געבלאָזן, אָבער הענעך איז געוווען דער ערשטער צו באַצאָלן, און די איבעריקע האָבן אויך באַצאָלט. מנחם האָט נישט געהאַט מער פון דריי קאָפּיקעס, האָט הענעך אים אויסגעבאָרגט צוויי קאָפּיקעס. און: —

די בחורים זיינען אַוועק צום בוים, האָבן אַרויפגעקלעטערט, זיך אויסגעזעצט אויף די צווייגן און זיך גענומען צום עסן. —

דוד איז געבליבן פון וויטן. ער האָט אַריינגערוקט די האַנט אין קעשענע. זיינע פינגער האָבן באַטאַפּט די גראָבע צענערס און: —

גיי דערצייל זיי, פאַר וואָס ער האָט געהעכערט דעם פּרייז. ס'איז נישט דאָס געלט.. ס'איז עפּעס אַנדערש...

* * *

די יונגעען זיינען שווייגנדיק געזעסן אויף די צווייגן, האָבן מיט גיריקע פינגער געריסן די געדוויטלטע באַרנעס און האָבן געגעסן מיט צעברענטן אַפּעטיט. האָבן דערביי האַסטיק געאָטעמט דורך צעברייטערטע נאָזלעכער און זייערע אויגן — ווי ווינט וואָלט אין זיי געבלאָזן. די ציין האָבן געביסן מיט אימפּעט, מיט תּאווה. דער זיסער זאַפט האָט געשפּריצט איבער די ליפּן, איז

גערונען פון די מויל־ווינקלען; זיי האָבן געשלונגען מיט די קערלעך, און הענעך האָט אַזש אונטערגעקרעכצט. —

אַזוי אַ שטיק צייט. דאַן — און דער אַפּעטיט האָט זיך גענומען לעשן. מען האָט זיך שוין איבערגעוואָרפן מיט ווערטער, מיט פראַזן.

— פינף קאָפּיקעס.

— ס׳וואַקסט ביי אים.

— דער גאָרב וויל רייך ווערן.

דער ערשטער איז געווען בעריש דעם שוחטס, וואָס האָט אויפגעהערט עסן. ער איז געווען אַן אײדעלער, האָט געהאַט אַ טונקל־בלייך איינגעפאַלן פּנים, גרויע אויגן און שוואַרצע פּאות. ער האָט דערפילט אַ זיסן איבל, און ער האָט געזאָגט:

— גענוג... פאַר מיר איז גענוג.

— שוין? — האָט הענעך נישט פאַרשטאַנען.

הערשל דעם דאַזערס — אַ שלאַנקער בחור, מיט גערויטלטע באַקן און שוואַרצע פרומע אויגן, האָט זיך געכאַפּט:

— שוין צייט צו גיין אין בית־המדרש אַריין לערנען.

איינער נאָכן אַנדערן זיינען זיי אַראָפּגעשפּרונגען פון בוים. דער לעצטער איז אַראָפּ הענעך. אין ביידע הענט האָט ער געהאַלטן באַרנעס, האָט נאָך אַלץ געגעסן.

— פינף קאָפּיקעס איז צופיל — האָט ער געזאָגט פון אַ פול מויל אַרויס.

— דו, הענעך, האָסט זיך זיכער נישט אָפּגענאַרט, — האָט דוד געזאָגט.

דוד האָט די יונגען באַגלייט צום טירל אין שמאָלן געסל אַריין.

די יונגען זיינען אַוועק. דוד האָט זיי נאָכגעקוקט. דאַן האָט ער אַריבער־געקוקט אין גאָרטן קעגנאיבער. זיינע בליקן האָבן דערבלאַנדזשעט צום פענצטער פון מאַשעס צימער. ער האָט געגעבן אַ פאַרמאַך די אויגן, האָט אַ שלונג געטאָן, און די אויגן צוריקגעעפנט... —

אַ זינגנדיק קול האָט זיך דערהערט. דוד האָט זיך געגעבן אַ דריי אויס מיטן פּנים צום סעדל. ס׳איז משה. ער זינגט אַ רוסיש לידל... פון וואַנען האָט זיך משה אַהער דערנומען? און צוליב וואָס איז ער איצט אַהער געקומען? —

דוד האָט האַסטיק געשפּאַנט. איז צוגעקומען צו דער בודע. יאָ, ס׳איז משה.

אונטערן דיקן בוים מיט די ווייַנעפּל איז משה געלעגן נאַזנאַק, האָט גע־

האַלטןביידע הענט אונטערן קאָפּ פאַרלייגט, האָט געזונגען און געקוקט צום הימל אַרויף.

— משה. —

משה האָט געזונגען, ווי ער וואָלט גאָר נישט געהערט.

— ביזט שוין לאַנג דאָ?

— האָ? — האָט משה זיך אונטערגעהויבן, געבליבן אָנגעשפּאַרט מיט איין עלנבויגן אויפן גראָז. — צי איך ליג שוין לאַנג דאָ? שוין זייער לאַנג... איך בין געקומען דורך די צערוקטע שטאָכעטן... ליג איך און איך טראַכט.

— וואָס איז דאָס טראַכטעניש?

— אַ מענטש — טראַכט.

האָ? וואָס אַזוינס האָט ער געהאַט בדעה צו פרעגן משהן? דוד האָט זיך נישט געקענט דערמאָנען.

— און דו לייענסט נאָך אַלץ וועגן דאָקטאָריע?

חוזק איז געלעגן אין די ווערטער, און דוד האָט אָפּגעשוויגן.

— און אַז אַ מענטש שטעקט זיך אָן פון אַ קראַנקן, איז ער נאָך דיין מיינונג געפערלעכער פון קראַנקן?

— מיין מיינונג? דאָקטוירים האַלטן אַזוי... די וויסנשאַפט זאָגט עס.

— אַזוי... די וויסנשאַפט...

דוד האָט גענומען דערקלערן. ס'איז אַ געשיכטע פון מיקראָבן... אין אַ געזונטן קערפּער, אַנטוויקלען זיי זיך שנעלער... אין אַ געזונטן קערפּער געפינען זיי פאַר זיך אַ סך שפּייז...

— אַזוי...

די זון — אַ גערויטלטע, אַ פאַרבליפטע, האָט שוין געזשמורעט פון הינטער די ווינטמילן. געלע און רויטע פלעקן האָבן געציטערט צווישן בלעטער אויף שפּיץביימער. פון פליאַנדער וואַלד האָט זיך געשאַרט דער אָוונט. — פון באַגענטער גאַס האָט זיך געטראָגן דאָס מרוקן פון בהמות, וואָס האָבן אין אַ וואָלקן שטויב געשפּאַנט מיט פולע אייטערס צוריק פון דער פּאַשע. ס'האָט זיך דערטראָגן דאָס קנאַלן פון פּאַסטוכס לאַנגע בייטש. דיקע שאָטנס האָבן געדעקט דאָס גראָז, די שטאַמען פון ביימער, און — משה האָט זיך געגעבן אַ שטעל־אויף.

— צייט צו גיין.

— וואוהין איילסטו זיך?

— צו טרעפן אַ מיידל, — האָט משה באַרימעריש געקוקט פון אויבן־אַראָפּ אויפן גאָרב...

— מאַשע איז אַזאַ שיינע... זי זיצט געוויס איצט אין סאַדע־וואַסער־געוועלבל.

— האָסט גראָד נישט געטראָפן... מאַשע איז טאַקע אַ שיינע, אָבער אַן אַנדערע איז אויך שיין, און זייער פריילעך... און צווישן די תבואות אין אָוונט שמעקט אַזוי, אַז עס פאַרשיכורט...

דוד איז געוועזן פאַרגאַפט. האָט געהאַט אַ צעעפנט מויל... משה האָט אַלץ באַרימעריש געשמייכלט, און אַוועק איז ער נישט דורכן טירל אין געסל, נאָר — דורך די פאַנאַנדערגערוקטע שטאַכעטן אין גאָרטן. —

פון הינטער דעם פליאַנדער וואַלד, האָט זיך אויפגעהויבן אַ שוואַרצער וואָלקן, האָט די זון פאַרשלונגען, און די לעצטע רויטע פלעקן אויף ביימער האָבן אויסגעלאָשן. שאַרפער ווינט איז אָנגעלאָפן, דורכגעלאָפן, צוריקגעלאָפן און די בלעטער האָבן זיך צעצאַפּלט. — פון די ביימער האָט געדיכט שאַרכעריי געפּלייצט, ווי ס׳וואָלט זיך געשיט זאַמד דורך בלעכערנער רער. דער ווינט האָט ווייך געווישט דודס פּנים, האָט געשויבערט די שאַטענע האָר זיינע, און :—

דודן איז עפּס קלאָר געוואָרן... ס׳האָט זיך אין אים אויסגעלייטערט, און ס׳איז אים גרינג געוואָרן אויפן האַרצן : „אַן אַנדערע איז אויך שיין, און זייער פריילעך“. העניע איז זייער אַ פריילעכע... וואָס זשע דאַרף ער איצט טאָן ?

צווישן קשאַקעס ביים פּלויט, האָט גענומען שאַרווען. הינער זיינען מיט אימפּעט געלאָפן. אַ האָן מיט פאַרריסענעם רויט־באַקריינדלטן קאָפּ האָט גע־שפּאַנט מיט עלאַסטישע, דינע פיס, האָט פון זיך געטריבן אַ קייטל קרעכצעלעך, האָט גערופן און געוואָרנט. זיינען די הינער זיך צוזאַמענגעקומען אונטערן „שטשיט“ ביים דיאַקאַנס שטוב, האָבן געגנאָרעט די קעפּלעך אין די פעדערן פון האַלדז. און די שוואַרצע כמאַרעס האָבן זיך געדיכט גערוקט איבער הימל. אַ סקריפּענדיקער וואַגן איז פאַרפאָרן צו דער „סטאַדאָלע“, וואָס הינטערן הויז... פון אַ בוים האָט אַרויסגעשאָסן אַן עפּל, ווייך אין גראָז געפאַלן, און שוק — דודס ברודערל — האָט זיך דורכגעשפּאַרט צווישן די פאַנאַדערגערוקטע שטאַכעטן מיט אַ טעפּל אין די הענט. —

— געבראַכט וועטשערע, — האָט דאָס יינגל געמאָלדן.

— וועטשערע, — האָט דוד דאָס וואָרט אַרויסגעזאָגט און דערביי געהאַט אַ ביטערע־פאַרטראַכט פּנים : דוד האָט איצט געוואוסט וואָס ער דאַרף טאָן...

— קליסקעס מיט מילך... און ברויט מיט קעז, — האָט דאָס ברודערל געקוקט מיט פאַרשמאַיעטע אויגן.

איצט — און דוד האָט זיך געאיילט. ער האָט אויף גיך אָפּגעגעסן די וועטשערע זיינע. דאַן איז ער אַוועק צו דעם ברונעם, האָט זיך מיט שמעקעדיקן

זייף געוואַשן. איז צוריקגעקומען צו דער בודע, האָט אַרויסבאַקומען אַ האַנטוך, זיך גוט אָרומגעווישט, האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דאָס צייגענע כאַלאַטל, אָנגעטאָן דאָס גלאַנציקע, אַלפּאַגענע...

— זאָלסט נישט אַוועקגיין, — האָט ער אָנגעזאָגט דאָס ברודערל.

— כ׳על נישט אַוועקגיין.

— כ׳על קומען צוריק, וועל איך דיר געבן אַ צווייער. נאָר היט דעם סאָד.

— איך ׳על שוין גוט היטן.

דוד איז אַרויס דורכן טירל. האָט אַריינגערוקט די האַנט צווישן די שטאַכעטלעך, און האָט פון אינעווייניק פאַרריגלט דעם קייטל: —

„און זייער פריילעך... ס׳איז העניע... משה איז אַוועק צו העניען...“

קאַפּיטל פינף

פאַרבאָרגענע האָפענונגען

אין סאָדע־וואַסער־געוועלבל, וואָס איז געווען דאָס פּאָדערהויז פון רבקה נחומס שטוב, איז דער פאַרנאַכט שוין געזעסן אין אַלע ווינקלען. די טונקלקייט פון אָוונט איז געלעגן אויף דער סטעליע, אויף די ווענט, אויפן באַלאָן סאָדע־וואַסער, גלעזער, און פלעשער מיט רויטן און געלן סאָק. מאַשע איז געזעסן נאָענט צו דער אָפענער טיר און האָט זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון בוך, וואָס זי האָט געהאַלטן מיט ביידע הענט. אירע אויגן זיינען געווען אָנגעגאָסן מיט פאַרגאַפונג, און דאָס קלאָרע פּנים — מיט גליווער. דער גלאַט־פּאַרקעמטער קאָפּ איז איר געווען געבויגן, און די לאַנגע, טונקל־בלאָנדע צעפּ זיינען געהאַנגען פון פאָרנט, איבער אירע בריסט. זי איז געווען אין אַ העל געקווייטלט קליידל, וואָס האָט געהאַט אויפגעלאָפּענע אַרבל. די ליפּן אירע זיינען געווען פאַנאַנדערגענומען און איבער דער אויבערשטער ליפּ האָט זי געשפּירט די וואַרעמקייט פון איר האַסטיקן אָטעם. רבקה — די מוטער אירע — איז געזעסן טיפער אין געוועלבל, האָט געשטריקט אַ זאָק און איר פרום פּנים איז געווען פאַרצויגן מיט מאַמעשער זאָרג:

— ווערסט שוין אפשר האָבן גענוג געליינט, טאָכטער? —

— לאָז מיך, מאַמע, — האָט מאַשע נישט אַרויסגענומען די אויגן פון בוך.

— עס איז דאָך שוין פינצטער באַלד?

— איך זע נאָך.

דאָס ביסל שיין, וואָס האָט נאָך אַריינגעפּלייצט דורך דער אָפענער טיר, איז מיט אַמאָל פאַרשטעלט געוואָרן. האָט מאַשע געגעבן אַ הייב אויף די אויגן. און: —

אין טיר איז געשטאַנען דוד. דאָס כאַלאַטל איז אים געווען צעשפּילעט. אין האַנט האָט ער געהאַלטן דעם שטעקן מיט דער ביינערנער גאַלקע:

— גוט נאַוונט. —

מאַשע האָט זיך אויסגעגלייכט, זי האָט געקוקט אַ ווײַלע מיט וואונדער, ווי זי וואָלט דודן נישט דערקענט. דאַן האָט לייכטער שמייכל זיך באַוויזן אונטער אירע אויגן:

— אַ... ס׳איז דוד. —

— ווער דען האָבן זי געמיינט איז עס? — האָט דוד געפרעגט.

— שוין לאַנג דאָ נישט געווען. —

דוד איז אַריין אין געוועלבל. האָט אין זינען געהאַט זיך נישט אויס־צודרייען מיט דער פּלייצע צו מאַשען. האָט זיך געזעצט אויף דער באַנק:

— זי זען נאָך צו לייגען?

— איך זע שוין טאַקע נישט. —

מאַשע האָט געקוקט אין דער אָפענער טיר. האָט עפּעס נאָכגעטראַכט. און דוד האָט נישט געוואוסט, וואָס נאָך צו זאָגן. האָט רבקה פאַרפירט מיט אים אַ שמועס: ווי האַלט עס מיט אויבס דאָס יאָר? אין אַנדערע סעדער איז דאָס יאָר נישט קיין גרויס גערעטעניש. און ווי איז ביי דודן אין סעדל?

דוד האָט באַרימעריש געשמייכלט: זיין סעדל גיט מער אויבס ווי אַ גרויסער סאַד... אויסגעוואָקסענעביימער. ער האָט אַ בוים רויטע „ציבולע־כעס״, וועט ער געבן מער פון אַנדערע פינף ביימער... די עפּלביימער זיינען שטאַרק צעוואָקסענע. און אויף אַ סאַד דאַרף מען אַכטונג געבן ווי אויף אַ לעבעדיקן מענטשן. און ער האָט שוין איינמאָל אַכטונג געגעבן: ביי אים האָבן די ווערים נישט אָנגעטאָן קיין שאָדן. ביי אים איז אַ גערעטעניש. ער וועט האָבן אַ גוטן זומער... אָבער גאָר אַ גוטן זומער...

— טאַקע...

וואָס זשע? ער ווייסט נישט וואָס אַ סאָד איז? ער ווייסט נישט ווי מען דאַרף אויף אויבס אַכטונג געבן? דעם יאָר זיינען געווען שטאַרקע רעגנס בעתן בליען, זיינען געוואָרן אַ סך ווערים. האָט ער עס אין זינען געהאַט, האָט געטאָן אַלץ, וואָס מען דאַרף, און — זיין אויבס איז ריין ווי גאָלד. —

— אַזוי...

ווינט איז האַסטיק אַנגעלאָפן מיט טומל, מיט קוויטש, האָט אויפגעהויבן שטויב, און — האַלבע טיר פון געוועלבל איז מיט הילך צוגעפאַלן, גלייך אָפּגעפאַלן און צוגעקלאַפּט צו וואַנט אין דרויסן. —

מאַשע איז אויפגעשטאַנען און דודס אויגן האָבן זיך צו איר צוגעקלעפּט: דאָס דינע קליידל, וואָס איז געווען מיט אַ סך פאַלדן אַרום אירע פיס, איז געווען איינגעצויגן אין טאַליע און האָט זיך ענג געקלעפּט צו אירע פלייצעס און בריסט. זי האָט די צעפּ אירע צוריקגעוואָרפן איבער פלייצע, האָט צו־

געשפּאַנט און שטיינגעבליבן אויף דער שוועל; האָט אַרויסגעבויגן דעם אויבערשטן טייל קערפּער, האָט דערביי איין פוס צוריקגעבויגן, האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט, און דאָרט, אין דרויסן, די טיר צו דער וואַנט צוגעקייטלט. אירע מיידלשע גלידער האָבן אַ שפּיל געטאָן דורך דין קלייד און ביי דודן איז דער אָטעם פאַרשלאָגן געוואָרן. אין האַרצן איז אים געוואָרן ענג און הייסקייט האָט זיך צו די אויגן געשפּאַרט.

רבקה האָט געזאָגט:

— אָט וועל איך אַריינגיין אָנצינדן אַ לאָמפּ, ווען מען די טירן קענען פאַרמאַכן. עס האַלט ביי רעגן.

און זי איז אַריין אין שטוב.

מאַשע האָט זיך צוריקגעזעצט אויף איר שטול:

— און וואָס הערט זיך?

— משה איז נישט לאַנג צוריק אַוועק פון סאָד, — האָט זיך ביי דודן אַרויסגעכאַפּט.

— געווען אין סאָד און שוין אַוועקגעגאַנגען? — האָט זיך מאַשע גע־וואונדערט.

— ווייס איך?! עפּעס אַ „ווידזעניע” האָט ער געזאָגט, האָט ער. —

מאַשע האָט געהאַט צעעפּנט די ליפּן. אָבער זי האָט זיי צוריק פאַרמאַכט און מער נישט געפרעגט. זי האָט גענומען ברומען אַ מעלאָדיע פון אַ לידל, האָט רואיק געקוקט צום דרויסן. דאַן האָט זי צוריקגעבראַכט די אויגן צו דודס פּנים:

— מיט וועמען, ווייסן זי נישט?

— ער האָט נישט געזאָגט, נאָר איך ווייס...

— זי ווייסן יאָ? קענן זי דאָך מיר אויך זאָגן.

— צו וואָס דאַרף איך רעדן? —

מאַשע האָט זיך צעלאַכט:

— זי האָבן מורא דעם סוד צו אַנטפּלעקן?

— מיט העניען. —

— העניע אַברעמטשעס?

דוד האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ס'איז אים ענג געוואָרן אין האַלדז: נאָך וואָס האָט ער עס געדאַרפט זאָגן? זעט ער דען נישט ווי מאַשעס פּנים איז פאַרענדערט געוואָרן? זי זעט אויס אַזוי, ווי עמעצער האָט איר נאָר וואָס באַליידיקט. אירע אויגן קוקן אויף אים, דאַכט זיך, נאָר זעען אים נישט.

די מוטער איז אַרויסגעקומען מיט אַן אָנגעצונדן לעמפּל אין איין האַנט און מיט אַ טוך אין דער אַנדערער. זי האָט פאַרמאַכט די צוויי האַלבע טירן:

— אָט, עס רעגנט שוין, — האָט זי געזאָגט.

דונער האָט דורכגעקייקלט. אַ צווייטער איז דעם ערשטן נאָכגעלאָפן. און ס׳האָט גענומען שמייסן רעגן.

די מוטער האָט דערלאַנגט מאַשען די טוך: זי וועט אַריינגיין צוגרייטן עסן פאַר איר. און זי איז צוריק אַריין אין שטוב. —

מאַשע האָט זיך איינגעהילט אין טוך, האָט געשוויגן, און אירע אויגן זיינען געווען ווי ביי אַ מענטשן, וואָס פאַרבאָרגט ווייטיק. דוד האָט זיך געפילט שולדיק, און האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. ס׳איז אים געווען פיינלעך שווער דאָס זיצן דאָרט, און אַנטרינען האָט ער נישט געקענט. ער האָט זיך באַמיט צו זיצן געשטרעקט, נאָר דער הויקער האָט נישט דערלאָזט די אַקסלען זאָלן זיך צו דער וואַנט צוטוליען.

— און אַז ער האָט נישט געזאָגט, פון וואַנען זשע ווייסן זי, אַז ער איז אַוועק זיך טרעפן מיט העניען? — האָבן איצט מאַשעס אויגן געקוקט דודן אין פנים אַריין.

— ווייל ער גייט זייער אָפט צו איר... זי איז אַ שיינע און אַ פריילעכע, זאָגט ער... און היינט האָט ער אויך געזאָגט: ער גייט זיך טרעפן מיט אַ שיינער, וואָס איז אויך זייער אַ פריילעכע...

— אַזוי האָט ער געזאָגט?

דוד האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, האָט שווער אַ שלונג געטאָן, האָט געהאָט הייסקייט אין לייב. און האָט צוגעגעבן:

— איך זאָג נישט קיין ליגן... ס׳איז אמת...

מאַשע האָט זיך פאַרשעמט:

— ווער זאָגט דען? וואָס פאַלט אין איין?

ביידע זיינען שטיל געוואָרן. דודס פנים איז געווען רחמנותדיק, ווי ביי אַ מענטשן, וועמען מען איז אומזיסט חושד... און מאַשע האָט געטראַכט: „איז עס טאַקע ער געשטאַנען ביינאַכט ביים פּלויט און זיך אונטערגעהערט?" —

דוד האָט אָפּגעזיפצט ווי אַ באַליידיקטער, האָט זיך אויפגעשטעלט:

— כ׳על שוין גיין.

— וואָס איילן זי זיך?

— דער סאַד איז אַליין.

— קיינער וועט דאָס סעדל נישט צוכאַפּן... עס רעגנט דאָך.

— טאַקע ווען עס רעגנט, קען זיך עמעצער אַריינכאַפּן רייסן...

— זיצן זי נאָך אַ ווײַלע.

דוד האָט זיך צוריקגעזעצט. מאַשע האָט צוגערוקט איר שטול נעענטער. איז געוואָרן צוגעלאָזענער. און דוד איז געוואָרן אויפגעלייגטער. ער האָט

זיך פון מאַשען געלאָזט אַריינציען אין געשפּרעך. האָט כלומרשט נישט פאַר־שטאַנען, וואָס זי מיינט מיט אירע פראַגן. ער האָט גערעדט מיט היימיש קול, האָט דערציילט פון דעם, ווי העניע זוכט אַריינצוכאַפּן משהן פאַר אַ חתן. יחיאלקע — העניעס ברודער — האָט עס אים דערציילט... העניע זיצט מיט משהן אין דער פינצטער... זי זינגט לידער... זי שטיפט און לאַכט... און משה — ער לאָזט זיך נישט... אַזוי זיך, אַ שפּיל טאָן, דאָס יאָ. העניע איז אַ שיינע און אַ פריילעכע... אַזוי זאָגט ער... אָבער נישט מער... משה זוכט נדן... און איידער וואָס ווען, וויל ער ווערן אַ סטודענט... און דופּען דופּעט ער אויף אַ גרויסן נדן...

מאַשע האָט מיט אירע פראַגן געעפנט טירלעך, דורך וועלכע ס׳האָבן געפלייצט דודס רייד: שוין אַ צייט, אַז משה פאַרברענגט אָפּט מיט העניען... זיי פאַרברענגען ביי העניען... אין פעלד... אין די פאַרנאַכטן טרעפן זיי זיך הינטערן שטעטל... שפּאַצירן אַהין וואו מען לייגט רעלסן פאַר אַ באַן... —

פלוצלונג האָט דוד דערזען: מאַשע איז מער נישט פאַראינטערעסירט צו הערן זיינע רייד. און ער האָט דערשפּירט מיט אַלע אברים: ער דאַרף דאָ מער נישט זיין... איז ער אויפגעשטאַנען, און מאַשע האָט אים מער נישט פאַר־האַלטן. ער האָט זיך געזעגנט און איז אַרויס.

איצט — און דער רעגן האָט שוין נישט געשמיסן. ער האָט דריבנע זיך געזיפּט. ווען דוד האָט געעפנט די טיר — האָט פון דרויסן געגעבן אַן אָטעם אַריין קילע נאַסקייט, וואָס האָט געשמעקט מיט האַרבסט. —

דוד איז אַוועק. און מאַשע איז אומבאַוועגלעך געזעסן, און אויפן האַרצן האָט געדריקט שווערקייט. דער דרויסן שמעקט מיט אָסיען... און: —

„אין אַברעמטשעס קליינעם שטיבל זיצן איצט משה מיט העניען... אַברעמטשע איז נאָך אין בית־המדרש. יחיאלקע איז אויך נישטאָ... די אַברעמטשעכע פאַרקעט זיך אין קיך... און העניע איז אַליין מיט משהן... זי זינגט פאַר אים לידער... ליבע לידער.. העניע איז אַ געזונטע... אַ גע־פּאַקטע... די שוואַרצע אויגן אירע זיינען צעברענט. און פון שעמען זיך, ווייסט זי אויך נישט... אַז שעפּסל איז איר שוואָגער... אָט דער שעפּסל, וואָס האַנדלט מיט פערד, און נישט אַלע קויפט ער... וואָס ווייסט אַזעלכע ווי העניע פון בושה? און משה — — —"

בייזקייט האָט פאַרטרונקען מאַשעס האַרץ: און וואָס גייט עס איר אָן? זאָל ער! זאָל ער פאַרברענגען מיט העניען... זאָל ער פאַרברענגען מיט וועמען ער וויל!...

די טיר פון שטוב האָט זיך געעפנט:

— קום, טאָכטער, — האָט רבקה געזאָגט, — קום, וועסטו עסן וועטשערע.
און אין דרויסן האָט געטריפט אַ קילער, פוילער רעגן.

* * *

ס'האָט געדעגנט אַ גאַנצע נאַכט, און צומאָרגנס אַ גאַנצן טאָג. דאָס געוואַלד איז געשטאַנען פאַרמאַכט, ווי אַלע טירן און פענצטער אין שטעטל זיינען פאַרמאַכט געווען. נאַסע ליילעכער האָבן זיך געשאָקלט איבער שטעטל, האָבן פון זיך געשפּריצט אַמאָל דריבנע, און אַמאָל דיקערע טראָפּנס. דעכער און ווענט האָבן געגלאַנצט מיט טונקלקייט. און מאַשע איז געזעסן אין שטוב, האָט זיך געהילט אין דער מאַמעס פאַטשיילע און האָט געקוקט מיט אויגן פון אַ פויגל, וואָס זיצט צווישן נאַסע צווייגן פאַרבאָרגן... די מאַמע איז אויך אין הויז געבליבן, האָט זיך געפּאָרקעט ביי דער פּליטע וואַרעמענדיק מילך און קאָכנדיק אייער פאַר מאַשען; איז געזעסן שווייגנדיק, שטריקנדיק אַ זאָק און אַלע ווײַלע מיט די אויגן געפאָרשט דאָס פּנים פון דער טאָכטער.

ס'האָבן געשוויגן די ווענט, ס'האָט געבליפּט די סטעליע און מאַשע האָט פאַרגעסן צו לייענען דעם בוך. זי איז געווען פאַרנומען מיט אירע טראַכטונגען.

זי האָט געקוקט דורכן פענצטער אין גאָרטן אַריין, און איר איז אויסגעקומען: די געוויקסן שטיקן זיך מיט אַ שווערן הוסט, און אַ קאַלטער שווייס באַדעקט זיי. זי האָט געטראַכט פון דוד גאָרב, וואָס ליגט אַ פאַרוואָגלטער אין דער בודע און שווייגט ווי זי שווייגט איצט. און — ס'איז געווען רחמנות אין איר האַרץ: אַלע זיינען אין די שטיבער און נאָר ער איינער וואַלגערט זיך אין נאַסן סאַד. ביי יעדן שאַרך צאַפּלט ער אויף, רוקט זיך אַרויס פון דער בודע צו זען, צי מען גנבעט נישט פון די ביימער. שפּאַנט ער אַרום אונטערן רעגן, אַ ווינט לויפט אָן, די צווייגן גיבן זיך אַ טרייסל און — שווערע טראָפּנס פאַלן געדיכט אויף אים...

זי האָט געטראַכט פון משהן מיט העניען. האַ? ווייסט העניע, אַז זי — מאַשע — זיצט איצט געטוליעט אין דער מאַמעס פאַטשיילע, זיצט אַ שווייגנדיקע, שפּירט די ענגשאַפט אין ברוסט און דערוואַרט, אַז דער הוסט זאָל אויפרייסן? זי ווייסט, העניע.. און זי לאַכט דערפאַר אַזוי פריילעך: זי האָט פאַר קיין הוסט נישט מורא...

און וואָס טראַכט זיך משה? וועט ער זיך טאַקע קיינמאָל נישט באַשליסן? וועט ער טאַקע אייביק אַזוי בלייבן? זיצן אין בית־המדרש און קיין בית־המדרשניק נישט זיין, שטענדיק חלומען פון ווערן אַ סטודענט און די רוסישע גראַמאַטיק נישט אויסלערנען, מיט אַלע מיידלעך פאַרברענגען און צו קיין איינע זיך נישט צובינדן?

משה איז אַ שיינער. ער איז הויך און שלאַנק. האָט אַ טונקל־בלאָנדן קאָפּ האָר; בלויע, פאַרטראַכטע אויגן; די באַקן זיינען זיינען קלאָרע, און אַז ער שפּאַנט זיך מיט זיינע לאַנגזאַמע טריט, שפּילן אין אים אַלע גלידער. ווי אַ סטערינאָווע ליכט פון צווישן חלבנע, אַזוי שיינט משה אַרויס פון צווישן די שטעטלדיקע בחורים. אַ? משה... ס'אַר אַ ווייכקייט ס'איז אין זיינע פינגער. —

מאַשע האָט דערשפּירט הייסקייט אין לייב, האָט זי פון זיך אָפּגעוויקלט די פאַטשיילע. דאַן האָט זי דערפילט קילקייט, האָט זי זיך צוריק פאַרהילט אין דער פאַטשיילע און: — אָט איז עס!

ענגשאַפט האָט זיך געכומען שטופן צום האַלדז. די ענגשאַפט האָט זיך צוזאַמענגענומען און ס'האָט אויפגעריסן דער הוסט. הוסט האָט הוסט גע־שטופּט, טרוקענע קלאַנגען האָבן זיך געריסן פון צעעפנטע ליפן. זי האָט זיך געבויגן, געפילט פייכטקייט אויף ליפן און פייכטקייט אין די אויגן, און זי האָט יעדן הוסט באַגלייט מיט אַ קרעכץ. און שרעק האָט פייכטקייט אויף לייב אַרויסגעשלאָגן: און זי האָט געמיינט, אַז שוין, אַז זי איז שוין פון הוסט פּטור געוואָרן. שוין אַ צייט אַז זי טרינקט מילך מיט פּוטער, זופּט שיטערע אייער, און צום סוף — — —

די מוטער איז אויפגעשטאַנען, האָט אָוועקגעלייגט דעם זאַק, איז מיט ווייכע טריט צוגעקומען נאָענט צו דער טאָכטער... מאַשעס פּנים איז געווען רויט, די אויגן — פאַרנעצט, די טרוקענע הוסטן האָבן זיך געריסן פון הוילקייט. דאַן — מאַשע האָט צוגעטראָגן אַ טיכל צום מויל, דער הוסט איז איצט גע־קומען אַ פייכטער, אַ שטילערער. —

מאַשע האָט צוגענומען דאָס טיכל פון מויל, די מוטער האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, אוןביידע האָבן פריי אָפּגעאָטעמט: דאָס טיכל איז געווען פייכט, אָבער וויס. —

— ס'איז גאָרנישט... אַ מענטש פאַרהוסט זיך אַמאָל... אָט וועל איך דיר דערלאַנגען קאַלטע מילך. —

דער מוטערס שטים האָט געטרייסט, פאַרזיכערט. —

מאַשע האָט לאַנגזאַם געטרונקען די קאַלטע מילך. זי האָט ביי יעדן זופּ לייכט אונטערגעקרעכצט. האַ? קיל איז, נאַס איז, גיט מען אַ הוסט...

— מאַמע. —

— וואָס איז, טאָכטער?

— יעדער מענטש קען דאָך אַמאָל זיך פאַרהוסטן. נישט אַזוי?

— געוויס אַזוי. און איך — הוסט דען נישט?

— און קיין רויטס איז אויפן טיכל נישט געווען.

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן.

— בין איך דאָך נישט קיין קראַנקע.

— מיינע שונאים זאָלן קראַנק זיין.

מאַשע האָט זיך באַרואיקט. ס׳האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל אויף אירע ליפּן: „איך בין שיין... אַז איך גיי פאַרביי דאָס בית־המדרש, באַפאַלן בחורים די פענצטער... און איך שטאַם פון יחוס... מיין פאָטער איז געווען ר׳ נחום... ווען ער האָט געלעבט האָט ער געהאַט אַזאַ ליכטיקע, ווייסע באָרד — רב נחום!... און העניע ווער איז? איר פאָטער אַברעמטשע האָט אַ קורצע גרוי־שוואַרצע באָרד... האַנדלט מיט שעפּסן... און איר שוואָגער איז שעפּסל...״

מאַשע האָט שטיל געלאַכט.

די מוטער האָט געפּאָרשט מיט די אויגן:

— וואָלטסט זיך אפשר צוגעלייגט, טאָכטער?

— איך וויל נישט.

—ס׳איז דאָך שוין סיי ווי באַלד נאַכט.

— ס׳איז נאָך נישט. —

ס׳וואָלט טאַקע געווען גוט זיך אַריינצולייגן אין בעט... אָבער, וועלכער געזונטער מענטש לייגט זיך איצט אין בעט אַריין? —

דער רעגן וועט אויפהערן. די זון וועט ווידער שיינען. און משה וועט קומען. ער וועט קומען טרינקען סאָדע־וואַסער... אָבער קומען וועט ער צו איר... וואָרים: ווער איז העניע?

ס׳איז צוגעפאַלן דער אָוונט. דער רעגן האָט אויפגעהערט? — אויפ־געהערט. מאַשע האָט מיט דער שטול זיך צוגערוקט צום פענצטער און זי האָט געזען: די כמאַרעס אויפן הימל זיינען צעריסן. פון די ריסן קוקט בלוי־קייט. די געוויקסן אין גאָרטן קומען צו זיך, גלייכן זיך אויס. און ס׳איז איר גרינג געוואָרן אויפן האַרצן: מאָרגן וועט שיינען אַ זון.

די שטילקייט איז צעריסן געוואָרן. מאַשע האָט געזונגען. פון אירע ליפּן האָט זיך געגאָסן אַ ליד פון האָפענונג און ליבשאַפט. און ס׳האָט געזונגען אין האַרצן. און ס׳האָבן געשמייכלט ווענט און סטעליע. און דער מוטערס טריט זיינען געווען הילכיקער, פריילעכער:

— קום צום טיש, וועסטו אָפּעסן. —

מאַשע האָט געגעסן, געטראַכט און געשמייכלט... די פּאַטשיילע איז איצט לויז געלעגן אויף אירע אַקסלען... אין דרויסן האָבן די דעכער געבלייכט, איבער שטעטל איז געהאַנגען אויסגעוואַשענער הימל. די כמאַרעס האָבן זיך געשטויסן צום האָריזאָנט. און רבקה האָט דאָס בעט געבעט:

— ס׳איז שוין נאַכט.... לייג זיך, טאָכטער...

מאַשע האָט זיך אויסגעטאָן. מידקייט איז געווען אין איר לייב. זי האָט זיך געלייגט און געטראַכט: מאָרגן וועט שיינען די זון... און משה וועט קומען... זיכער וועט ער קומען... און וואָס איז מיט דוד גאָרב? וואָס קוקט ער לעצטנס אַזוי אויף איר? ווי אַזוי קוקט ער? מיט געבעט קוקט ער. און אַז זי שטייט נאָענט צו אים, קוקט ער צו דער ערד. אָט אַזוי ווי זי אַליין טוט עס, ווען זי איז מיט משהן ביינאַכט אין גאָרטן... האַ? איז דוד פאַרליבט אין איר? נאַרישקייטן! ווי קען אים אַזאַ זאַך איינפאַלן? —

און אין איר האָט עס געשמייכלט. אַזוי שטיל און רואיק געשמייכלט.

דער הימל אין דרויסן האָט זיך דערווייל געהאַט איבגאַנצן אָפּגערייניקט. פון האָריזאָנט האָט אַ שטיק פון אַ גרויס רויט אויג אַ קוק געטאָן. אויפן פענצטער איז רויטער גלאַנץ געפאַלן.

— מאַמע! — האָט זי מיד און פריילעך אַ רוף געטאָן.

— וואָס איז? — האָט זיך די מוטער דערנענטערט.

— טאָמער קומט ווער — זאָלסטו זאָגן, אַז איך שלאָף.

זי האָט צוגעמאַכט די אויגן. אין איר האָט שטיל געזונגען: ער וועט באַלד קומען... ער גייט שוין אַהער... נאָר איצט שלאָפט זי... מאָרגן... זאָל ער קומען מאָרגן... ער וועט זיין אַנטוישט... וועט האָבן אומעטיקע אויגן... און — ער וועט וואַרטן אויף מאָרגן... —

און זי האָט געשמייכלט, געשמייכלט און געשפּירט משהס בליקן אויף זיך...

קאַפּיטל זעקס

פּ אַ ר ש ו ו ע ר ו נ ג

ס'איז געווען שפּעט אין אָונט. פון דער הייך, האָט טונקל־בלויער הימל אַראָפּגעשוויגן מיט סאַמעטענער ווייכקייט, האָט געפינטלט מיט העל־גאָלדענע אייגלעך און האָט געקייכט מיט שטיל געלעכטער; אונטן, האָט פון הינטערן סעדל, פון פלאַקס אַרויס, זיך געגאָסן געדיכט זשומשען פון פליגן, און סוויס־טשענדיקע גרילן האָבן פון זשומשעריי געפיקט. די נאַכט איז געווען פאַר־כלינעט מיט וואַרעמקייט, און דוד — איז געווען פאַרכלינעט מיט פאַר־שווערונג:

ס'וועט מאָרגן זיין אַ שיינער טאָג. מיטן „פּאַראָבעק" האָט ער אָפּגערעדט: מיטן טאָג צוגלייך וועט ער שאָקלען. זעק האָט ער אָנגעגרייט. מאַסלאָווסקין האָט ער באַשטעלט צו קומען מיטן וואָגן. דעם דיאַקאָנס דינסט וועט העלפן קלייבן. און פיר זעקלעך אויבס שטייען שוין גרייט. האַ? ער האָט גוט געטאָן, וואָס ער האָט די זעקלעך אַוועקגעשטעלט ביים דיאַקאָן אין סטאָדאָלע. טאָמער כאַפּט זיך דער פאָטער זיינער אַריין אין סעדל... דאָס ברודערל שלאָפט שוין אין בודע. איז גוט...

דוד איז געזעסן אויף אַ בענקל נישט ווייט פון בודע. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ סענקעדיקן שטעקן, האָט געאָטעמט הייס און האָט געוואָלט טרעפן: וויפיל איז דער מקח פון אויבס איצט אין פאַרצעווע? אויב ער וועט אַוועק־פירן גאַנצע צען קערצלעך אויבס, און אויב אַפילו ער זאָל לייזן פיר קערבלעך אַ קערצל...

— דוד? דוד! —

ס'איז דעם טאַטנס קול. צעטומלעניש איז אָנגעלאָפן אין דודס האַרץ. ער האָט זיך אויפגעשטעלט:

— אַ־האַ! ווער איז עס?

— איך... איך...

— איך גיי. —

דוד האָט געשפּאַנט צווישן דיביימער, האָט זיך דורכגעשטופּט צווישן די קשאַקעס, איז צוגעקומען צום פּאַרקאַן. דער פאָטער איז געשטאַנען פון יענער זייט.

— דאָס ביזטו, טאַטע?

— ווער דען איז עס? וואָס הערט זיך?

— וואָס זאָל זיך הערן?

— ווי האַלט עס מיט די „ציטרענאָווקעס"?

דוד האָט פאַרהוילן אַ שלונג געטאָן און געענטפערט:

— כמעט צום שאָקלען.

— און מיט די ווייַנעפּל?

— מען וועט שוין באַלד קענען אַראָפּנעמען.

— אַזוי....

דער פאָטער האָט פאַרריסן דאָס בערדל, האָט מיט די פינגער אַ קראַץ געטאָן אונטער דער גאָמבע, האָט אַרויסגעלאָזט אַ קרעכצל פון מידקייט:

— וועט מען די טעג דאַרפן אַ ביסל שאָקלען, און אָוועקפירן קיין פאַר־צעווע... כ'על מוזן אָפּרייסן אַ טאָג און פאָרן... דער מאַרק איז נישט קיין שלעכטער, שמועסט מען, און געלט דאַרף איך זייער בייטיק האָבן...

דוד האָט געשוויגן. אין אים האָט עס געטראַכט: „קיין פאַרצעווע, וועט מען שוין פאָרן אָן דיר."

— וואָס זשע שוויגסטו? — האָט דער פאָטער געפרעגט און דוד האָט געפילט די בליקן זיינע.

— וואָס זאָל איך זאָגן? — איז דודס קול געוועזן אונטערגעגעבן.

— און וואָס הערט זיך מיט די שקצים פון דעריבער?

— די באָהוניקעס מיינסטו?

— ניין, די רבנישע איידעמלעך מיין איך!

— ס'איז שטיל. מען הערט זיי נישט און מען זעט זיי נישט.

— פונדעסטוועגן גיב אַכטונג, פאַף נישט גאַנצע נעכט.

— איך גיב שוין גראָד גוט אַכטונג...— האָט שמייכל געהילט די ווערטער.

יאָסעלע שאַפּסעס האָט זיך אָפּגעקערט צום אַוועקגיין, האָט צוריק אויס־געדרייט דעם קאָפּ:

— כ'האָב שיער פאַרגעסן: דאַרפסט דאָך האָבן עטלעכע קערבלעך?

ס'האָט געדויערט אַ מינוט ביז דוד האָט געענטפערט:

— יאָ. כ'האָב...

— איך דאַרף האָבן געלט.
— דאַרפסט עס גלייך?
— צו וואָס גלייך? כ׳על עס נעמען מאָרגן. אינדערפרי וועל איך קיין צייט נישט האָבן: באַלד ווי איך שטיי אויף, מוז איך לויפן אין די גומנעס... וועל איך בייטאָג קומען פון די גומנעס, וועל איך אַריינקומען אין סעדל. —

דוד האָט שווייגנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: איי, גוט... אינדערפרי האָט ער נישט קיין צייט... באַלד באַגינען מוז ער זיין אין די גומנעס.. איי, גוט.

יענע נאַכט האָט דוד נישט געטראַכט פון שלאָפן. די אויפרעגונג פון דער פאַרשווערונג האָט דעם שלאָף פון אים געטריבן. ער איז כסדר אַרומגעגאַנגען צווישן די ביימער, און האָט געהיטן. ערשט ווען ס׳איז שוין געווען גאָר שפּעט אין דער נאַכט, און די אַנגעלאָפענע קילקייט האָט אָנגעזאָגט, אַז דער טאָג דער־נעענטערט זיך צום שטעטל, האָט דוד זיך איינגעהילט אין זיין וואַטאָווע פּאַלטאָ, און האָט זיך אָוועקגעלייגט אויפן גראָז נישט ווייט פון פּאַרקאַן. ער האָט איינ־געדרימלט, אָבער זיין געהער איז געבליבן גרייט צו דערהערן דעם מינדסטן גערויש. —

* * *

דער הימל ביים האָריזאָנט האָט אויפגעמאַכט אַ גרוי אויג. אַ קיל ווינטל איז אָנגעלאָפן, און דוד האָט ביידע אויגן געעפנט. ער האָט דערשפּירט דעם טאָג, אויף וועלכן ער האָט געוואַרט מיט דער גרעסטער אומגעדולד, און ער איז האַסטיק אויפגעשטאַנען. די העלע בלויקייט האָט אַראָפּגעקוקט פאַרגאַפט אויף דודן, וואָס האָט דעם נייעם טאָג באַגריסט... ערגעץ האָט אַ טויער פון אַ סטאָדאָלע געקרעכצט, אַ פערד האָט געהירזשעט, און אַ האָן האָט געקרייעט. און דוד האָט געשמייכלט: ער האָט לאַנג געוואַרט און האָט זיך דערוואַרט: דער נייער טאָג איז אָנגעקומען!

דעם פּאַלטאָ אויף די אַקסלען אָנגעהאַנגען, האָט ער געשפּאַנט צום פּאַרקאַן פון וואַנען מען האָט געקענט זען יאַסעלעס שאַפּסעס שטיבל. ער איז געשטאַנען, געלויערט, און זעענדיק ווי דער טאַטע איז אַרויס פון שטיבל, און מיט זעקל אויף אַקסל פאַרוואָרפן אַוועקגעשפּאַנט מיט איילנדיקע טריט, האָט ער טיף אָפּגעצויגן דעם אָטעם, איז העכער געוואָרן, און פרייד איז אים באַפאַלן. און מיט דער פרייד איז געקומען רירעוודיקייט. ער האָט פלינק אָפּגעשפּאַנט פון פּאַרקאַן. און: —

וואו איז דער פּאַראָבעק? ס׳איז דאָך שוין האַלבער טאָג?

דעם דיאַקאָנס פּאַראָבעק האָט זיך באַלד באַוויזן אין סאָד. האָט דערזען דודן, האָט ער צענומען די הענט, זיך אַ שטרעק געטאָן, אַרויסגעלאָזט אַ גענעץ:

— „דזשען דאָברי״!

— „דזשען דאָברי״! — האָט דודס שטים ריין געציטערט. — ס׳ווערט שפּעט... די זון וועט באַלד אויפגיין... נישט געשטאַנען. אַהערצו... די ציטערנאַוועקעס! —

דער שייגעץ האָט מיט פוילע טריט צוגעשפּאַנט צום בוים, האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די קורטקע. געקוקט מיט פאַרזשמורעטע אויגן. —

— דער טאָג שטייט נישט. עס ווערט שפּעט, — האָט דוד אים אונטער־געאיילט.

דער שייגעץ איז געוואָרן רירעוודיק, האָט אָנגעשפּיגן איןביידע הענט, האָט אָנגעכאַפּט אַ צווייג, זיך אַ ציִ געטאָן ווי אַ קאַץ, אַרויף אויפן בוים, האָט אַרויפגעקלעטערט צו די אויבערשטע צווייגן. זיך אָפּגעשטעלט. ווידער אָנ־געשפּיגן אין די הענט, אַ נעם געטאָן דעם בוים, זיך מיט אים אַ האַסטיקן וויג געטאָן, און: —

ס׳האָט געשטראָמט מיט געלע, רונדע, פון טוי פייכטע באַרנעס. זיי האָבן געקלאַפּט אויף דודס רוקן. ס׳איז אים געווען גוט צו פילן דאָס קלאַפּן פון „זיינע״ באַרנעס. אָבער ער האָט זיך גלייך אָפּגערוקט פון בוים: זאָלן די באַרנעס פאַלן אין ווייכן גראָז...

דוד איז אַוועק צו דער בודע, האָט אויפגעוועקט דאָס ברודערל:

— מען שאָקלט! קום קלויבן! —

דאָס ייִנגל, דערהערנדיק די בשורה, איז גלייך וואַך געוואָרן.

און דער פאַראָבעק איז גלייך אַריבער צו אַ צווייטן בוים.

דאָס גראָז איז געוואָרן פאַרפּלייצט מיט געלע באַרנעס, מיט רויטע עפּל. די דינסט איז אַרויסגעקומען, און דוד האָט שוין געהאַט פון זיך דעם פּאַלטאָ אַראָפּגעוואָרפן, איז געווען צעהיצט, און די אַרבעט האָט געברענט אונטער די הענט. —

די זון האָט זיך באַוויזן, האָט זי געקוקט אַ פאַרוואונדערטע אין סאָד אַריין: וואָס דאָ טוט זיך?! האָבן גאָלדענע סטענגעס זיך געפלאָכטן איןביימער. ס׳האָבן געצאַפּלט באַגילדטע, פייכטע בלעטער. און אין געסל האָבן זיך באַוויזן עטלעכע בית־המדרש ייִנגלעך, וואָס האָבן פון דודן נאָך נעכטן געקראָגן צו וויסן פון דער געשעעניש...

זיי זיינען אַריין אין סאָד. דוד האָט באַפוילן:

— צו דער אַרבעט, חברה!

האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפן די צייגענע כאַלאַטלעך און מיט פריילעכע פּנימער זיך פליסיק גענומען צום קלויבן אין די זעק אַריין. —

דער פּאַראָבעק האָט פאַרענדיקט דאָס שאָקלען: ער מוז שוין גיין שפּאַנען דאָס פערד מיטן דיאַקאָן אין פעלד צו פאָרן. האָט איינער פון די יינגלעך געפרעגט:

— נאָך דאָ צו שאָקלען?

— כאַפּ זיך אַרויף אויף דעם בוים! — האָט דוד אָנגעוויזן.

— —

ס'איז געווען נאָך ניין דער זייגער, ווען מאַסלאָווסקי איז אָנגעקומען מיט זיין וואָגן, וואָס איז געווען אויסגעבעט מיט שטרוי. ער איז אַריינגעפאָרן אין געסל, האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים טירל.

— פאַרטיק? — האָט מאַסלאָווסקי געפרעגט.

— די זעק וואַרטן! — האָט דוד אַ צעהיצטער געענטפערט.

מאַסלאָווסקי האָט געזשוויגעט די זעקס אויבס צום וואָגן. דוד — אַ צע־רויטלטער, מיט פינקלדיקע אויגן, האָט אים נאָכגעשפּאַנט, אונטערהאַלטנדיק דעם זאַק. —

עלף זעק אויבס זיינען געלעגן אויפן וואָגן. מאַסלאָווסקי האָט צערעכט געמאַכט דאָס געזעס פאַר זיך מיט דודן. און דוד האָט דערווייל אַלץ פאַר־זאָרגט: דעם ברודערל האָט ער פאַרזאָגט היינט אין חדר נישט צו גיין. ער זאָל נישט אָפּטרעטן פון סאָד און אַכטונג געבן... די דיאַקעכע האָט ער געבעטן זי זאָל אויך האַלטן אַן אויג, און זי האָט עס אים צוגעזאָגט... די בית־המדרש יינגלעך האָט ער פאַרגעלייגט צו פאַרברענגען אין סאָד. — דאַן: —

דוד האָט גענומען זיין פּאַלטאָ, איז אַרויס דורכן טירל, האָט דעם פּאַלטאָ אויף די זעק אַרויפגעוואָרפן. איז אַרויף אויפן וואָגן. זיך אַוועקגעזעצט, און צו מאַסלאָווסקין:

— מיר פאָרן!

— מיר פאָרן, — האָט מאַסלאָווסקי פעסטגעשטעלט.

אין טיר פון סאָדע־וואַסער געוועלבל איז געשטאַנען מאַשע. זי האָט געהאַלטן אַ בעזעם אין דער האַנט, אָבער אויסגעזען האָט זי ווי אַ פּריצישע טאָכטער.

— גוט מאָרגן, מאַשע!

נצחון און צעהוליעטע פרייד איז געווען אין זיין שטים.

מאַשע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. זי איז אינגאַנצן געווען באַגאָסן מיט זון. זי איז געווען פאַרוואונדערט, און זי האָט געשמייכלט פון וואונדער.—

ווי ליכטיק זי איז... און זי שמייכלט... ווייסט זי וואָס פאַר אַ טאָג ס'איז היינט? ווייסט זי, וואָס דאָס פאָרן היינט קיין פאַרצעווע באַטייט? ס'אַר אַ הערלעכער טאָג ס'איז היינט! דאָס גאַנצע לעבן האָט ער געוואַרט אויף דעם

טאָג... מיט היינטיקן טאָג, נעמט אויפגיין אַ נייע וועלט... מאַשע ווייסט גאָר־נישט, וואָס דער היינטיקער טאָג גרייט פאַר איר... אָבער ער ווייסט... —

אַ געשטערעקטער איז דוד אויפן וואָגן געזעסן. וואו הויקער? ווען הויקער? זיין פּלייצע איז גלייך...

— כ׳פּיר סחורה צו פאַרקויפן!

מיט די אויגן, מיטן גאַנצן פּנים, האָט דוד געטרונקען מאַשעס שמייכל. ווי זיסער זאַפט האָט זיך דער שמייכל געגאָסן דורך האַלדז אין האַרץ אַריין... אָבער ער האָט געמוזט צוריקברענגען די אויגן צו מאַסלאָווסקין, וואָס האָט נאָך אַלץ געשפּאַנט ביים וואָגן:

— פאַניע! קום אַרויף אויפן וואָגן און זאָל מען געבן אַ פאָר!... ס׳איז דאָך שוין צען אַזייגער, און פאַרנאַכט דאַרף מען זיין צוריק.

— געדרעכט, — האָט מאַסלאָווסקי צוגעשטימט.

ער איז אַרויף אויפן וואָגן, זיך געזעצט לעבן דודן, האָט אַ וויאָכטש געטאָן מיט דער בייטש, און די פערד האָבן גענומען שטעלן פיס. —

מאַשע איז געשטאַנען אין טיר פון געוועלבל, האָט נאָכגעקוקט דעם וואָגן אויבס, וואָס האָט זיך אָװעקגעלאָזט צום פאַרצעווער וועג, און זי איז אַלץ געווען פאַרוואונדערט: זי האָט נישט געוואוסט, וואָס דער היינטיקער טאָג באַטייט.—

קאַפּיטל זיבן

אַ גע של ע ג

ס'איז שוין געווען אָוונט, ווען דוד איז צוריקגעקומען. די ליידיקע זעק און דעם פּאַלטאָ האָט מען איבערן פּאַרקאַן אַריבערגעוואָרפן, און דוד האָט געשפּאַנט דורכן געסל צום טירל. געוואָלט האָט זיך אים אַריינגיין אין סאָדע־וואַסער־געוועלבל, זיך הייסן דערלאַנגען אַ גלאָז וואַסער מיט סאָק, דערציילן פאַר מאַשען, אַז ער האָט היינט גוט געטראָפן מיטן אויבס... אַז מען האָט זיך פּשוט געריסן איבער זיין סחורה, אָבער: אויפגערעגטקייט האָט אים אין סעדל געטריבן: וואָס טוט זיך דאָרט? און — פריער פון אַלץ, דאַרף ער עפּעס טאָן... וואָס אַזוינס?

ער האָט געשפּאַנט אַ געשטרעקטער. האָט געשפּירט: אין קעשענע ביי אים ליגט דער פונדאַמענט פון דער נייער וועלט, וואָס ער האָט היינט אָנגעהויבן פאַר זיך בויען. דאָס האַרץ האָט געשראָקן. אָבער ער איז געווען זיכער: קיינער קאָן אים נישט אַראָפּשלאָגן פון זיין וועג. —

ער האָט געעפנט דאָס טירל, איז אַריין אין סעדל, שטיינגעבליבן, זיך צוגעהערט: ס'איז שטיל. האָט ער זיך געלאָזט צו דער בודע, געטראָפן דאָס ברודערל דאָרט:

— האָסט אַכטונג געגעבן?

דאָס ברודערל האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. האָט געהאַט אַ ביסל צעטומלעניש אין די אויגן.

— דער טאַטע איז דאָ געווען?

— געווען.

— וואָס האָט ער געזאָגט?

— געפרעגט וואו דו ביזט.

— האָסטו אים געזאָגט?

דאָס יינגל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— מען האָט געשאָקלט... דו האָסט קיין פּאַרצעווע געפּאָרן... טאַטע זיי'ער בייז געווען.

דוד האָט דערשפּירט ווי זיינע באַקן בערגלען זיך אונטער די אויגן. האָט געוואוסט, וואָס ער דאַרף טאָן. האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום דיאַקאָנס שטוב, געזען: די פענצטער פון פאַרנטיקן צימער זיינען באַלויכטן, איז ער אַהין אַוועק. ער איז אַריין אין באַלויכטענעם צימער. ס'איז דאָרט געווען ריין. ס'האָט געשמעקט מיט פרישקייט און ווייִרוך. די ווענט האָבן געשמייכלט מיט געבלימלטע טאַפּעטן, די פענצטער־ראַמען האָבן געבלאַנקט מיט ווייסער פאַרב. די שויבן — האָבן שוואַרץ געשפּיגלט. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ קופּערנער סאַמאָוואַר, האָט געסאָפּעט שלאָגנדיק פאַרע דורך אַ לעכל אין דעקל. דער דיאַקאָן און די דיאַקעכע זיינען געזעסן ביים טיש.

— „דאָברע וועטשאָר" — האָט דוד אַראָפּגענומען דאָס היטל.

דער דיאַקאָן האָט געשמייכלט אין די דיקע וואָנסן, און די דיאַקעכע האָט דערציילט: וואָס דאָ האָט זיך היינט געטאָן!... יאַסקע, דער טאַטע זיינער, איז געקומען מיט טענות: וואָס הייסט דאָס? ווי דערלאָזט מען עס אַזאַ זאַך? האָט זי אים געזאָגט: זי קען אים נישט, און זי ווייסט אים נישט. דער סאָד איז דאַווידס, קען ער טאָן, ווי אים געפעלט. האָט ער גענומען שרייען: ס'איז זיין געלט. האָט זי אים געהייסן זיך פאַרנעמען... זי האָט אים געזאָגט: אויב ער פאַרנעמט זיך נישט, רייצט זי אויף אים אָן די הינט... איז ער אַוועק.

דודן האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ. אין אים האָט געגעבן אַ טויך־אויף רחמנות, אָבער ער האָט איצט קיין צייט נישט געהאַט צו טראַכטן פון טאַטנס פאַרשעמטקייט: פריער מוז ער פאַרזיכערן, אַז דער פונדאַמענט פון זיין תכלית זאָל נישט צעשטערט ווערן:

— די פּאַניע ווייסט דאָך: איך האָב געדונגען, איך האָב געגעבן האַנט־געלט... און ווער וואַלגערט זיך גאַנצע נעכט אין סאָד, און ווערט פאַרשוואַרצט?

— זיכער ווייס איך. —

— כ'האָב צו דער פּאַניע אַ בקשה, — האָט דודס קול און דאָס פּנים זיינס געבעטן. — כ'וויל דאָ איבערלאָזן מיין טייסטער מיטן געלייזטן געלט. —

— „אָושעם". —

דוד האָט פון בוזעם אַרויסגעשלעפּט דעם טייסטער, האָט דערלאַנגט. די דיאַקעכע האָט דאָס געלט נישט געוואָלט ציילן. צו וואָס? האָט אויפגערוקט אַ שופלאָד פון קאָמאָד, האָט דעם טייסטער אַהין אַריינגעלייגט, פאַרשלאָסן:

— זאָל זיך דאַוויד זעצן, וועט ער טרינקען טיי.

און דער דיאַקאָן האָט געשמייכלט: ער קען אָנטאָן דאָס היטל.

— אַ דאַנק, פּאַנאָוויע. —

אויפן טיש איז געווען ברויט, פוטער, קעז.

— זאָל דאַוויד צובייסן, — האָט די דיאַקעכע פאַרגעלייגט.

דוד האָט געטרונקען זיסע טיי, האָט צוגעביסן טרוקן ברויט, און די מידקייט האָט אויפגעגליווערט, זיך געגאָסן אין די אברים, געגעפּלט אין קאָפּ. און מיט אָפענע אויגן האָט ער געחלומט פון אַ ציכטיק שטיבל, פון אַ ריין פריש געלעגער, און —

ער וועט זיך מוזן צושפּאַרן אויף אַ פּאָר שעה. דאָס ברודערל וועט דערוויל וואַכן. און שפּעטער: מען דאַרף היטן דאָס אויבס, מען מוז גוט אַכטונג געבן...

דוד איז אויפגעשטאַנען, האָט באַדאַנקט, געזאָגט אַ גוטע נאַכט און איז אַרויס.

די מידקייט איז געלעגן אויף די אַקסלען, אויף די אויגנדעקלעך. ער האָט געשפּאַנט מיט שווערע טריט, איז צוגעקומען צו דער בודע, און: —

די מידקייט איז ראַפּטום פון אים אָפּגעפאַלן. ענגשאַפט האָט פון ברוסט זיך אַ שטופּ געטאָן אין האַלדז אַריין: דער טאַטע איז געשטאַנען ביי דער בודע, און כאָטש ס׳איז געווען נאַכט, האָט דוד געזען: אין טאַטנס פּנים זידט עס... אַ ווײַלע האָט דוד געשוויגן, דאַן האָט ער די ענגשאַפט אַראָפּגעשלונגען, און: —

— טאַטע.. דאָס ביזטו?

דער פאָטער האָט אַרויסגעלאָזט שווערן אָטעם דורך דער נאָז:

— וואו ביזטו געווען?

— אין פאַרצעווע... כ׳האָב פאַרקויפט אַ ביסל סחורה. —

דער פאָטער האָט באַוועגט די אויגנדעקלעך. איז געווען צעטומלט פון דודס רואיקייט.

— ווי קומסטו צו פאָרן קיין פאַרצעווע מיט סחורה? — האָט ער געפרעגט.

— ווער דען זאָל פאָרן מיט מיין סחורה? — האָט דוד צוריקגעפרעגט.

— דיין סחורה? —

— וועמענס איז דער סאָד? דיינער צי מיינער? ווער האָט געדונגען דעם סאָד? איך צי דו? ווער היט דעם סאָד און וואַלגערט זיך דאָ אין די רעגנס? איך צי דו?

— האָ?... וואָס?... — האָט דער פאָטער געהאַט אַ צעעפנט מויל. ס׳איז אויסגעקומען, אַז ער פאַרשטייט נישט די ווערטער, וואָס ער הערט... און ווער רעדט דאָס צו אים אַזוי? איז עס דוד?

אַ ווײַלע איז געווען שטיל. טאַטע און זון האָבן זיך אָנגעקוקט. אויגן האָבן געפאָרשט.

— גיב אַהער דאָס געלט! — האָט יאָסעלע באַפוילן.

— וואָס פאַר אַ געלט? — האָט דוד פאַרקלעמט די ציין. באַקומען אַ פול פּנים מיט עקשנות.

ווידער שטיל אַ ווײַלע. אַ פויגל האָט פון ערגעץ אַ פּישטש געטאָן. אַ בלעטל האָט זיך צעציטערט. דאָס ברודערל האָט שטייענדיק זיך געשאָקלט.

— וויפיל האָסטו געלייזט?

— ס'איז מיר צו וויסן.

— גאָר־באַטש! וויפיל האָסטו געלייזט? — האָט יאָסעלע געציילט די ווערטער.

— כ'דאַרף דיר קיין חשבון נישט געבן.

— צו וועמען רעדסטו, דוד? — האָט יאָסעלעס שטים געציטערט.

— צו דיר... גיסט מיר אַ חשבון פון דײַנע מסחרים?

יאָסעלע האָט זיך געשטיקט מיט זײַן קול. איז געווען פײַנלעך פאַרגאַפט. דאַן: —

— זאָלסט מיר גלײַך אָוועקגעבן דאָס געלט!

— כ'על נישט געבן... איך בין אַ מענטש פאַר זיך...

— גאַרבאַטש!

דער געשריי איז געקומען ווי געוואַלדריס; ווי אויסברוך פון פלאַם, וואָס האָט גלײַך אַרומגעכאַפּט יאָסעלען. ער האָט מיט צעוואָרפענע, צעצאַפּלטע הענט זיך אַ שטופּ געטאָן אויפן זון. דוד האָט זיך געגעבן אַ רוק־אָפּ הינטער־ווײַלעכטס.

— גיי אַוועק! זאָלסט זיך נישט אַנטוועגן צו שלאָגן! גיי אַוועק, טאַטע!

— דאָס געלט גיב!

— כ'על נישט געבן.

ווידער האָט יאָסעלע זיך אַ שטופּ געטאָן אויפן זון. דוד האָט געגעבן אַ הויב־אויף דעם שטעקן זיך צו שיצן. נישט ווילנדיק האָט ער מיטן שטעקן אָנגעשלאָגן אָן פאָטערס אַקסל, און: —

ווי ס'וואָלט אין יאָסעלע שאַפּסעס אויפגעריסן. מיט ווילדער צעקאָכטקייט האָט ער זיך געוואָרפן אויף דודן. יאָסעלעס הענט האָבן זיך געוויקלט אַרום פּלייצעס, אַקסלען. קרעכצן האָבן געפּלאַצט, אָטעמס האָבן זיך געהיצט, און: —

ביידע האָבן זיך געוואַלגערט אויפן גראָז. פאָטער איז געלעגן אויף זון. יאָסעלע האָט דווקא געוואָלט צו דודס קעשענעס צוקומען, און דוד האָט בשום אופן נישט געלאָזט, כאָטש ער האָט ביי זיך דאָס געלט נישט געהאַט... ער האָט דעם פאָטער פון זיך אָפּגעוואָרפן, האָט דער פאָטער זיך געגעבן אַ שטעל אויף אַ קני, איין האַנט זײַנע האָט זיך אײַנגעגעלט אין דודס לאַצן, און די

צווייטע — האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דודס פּנים איין מאָל, אַ צווייט מאָל... דודס פּיס האָבן געדריגעט, האָבן אָנגעשטויסן און אָפּגעוואָרפן יאָסעלען, איז יאָסעלע אויפגעשפּרונגען, געכאַפּט דודס שטעקן, גענומען האַסטיק קלאַפּן, און: —

— געוואַלד! גע־וואַל־ד!

דאָס ייִנגל האָט זיך צעשריגן. ס'האָט אויפגעפּראַלט די טיר פון דיאַקאָנס שטוב, דער דיאַקאָן מיט דער דיאַקעכע זיינען אַרויס, און: —

אַ האַנט איז שווער געפאַלן אויף יאָסעלעס קאַרק. פינגער האָבן איינ־געקנייפּט אין קאַלנער. ס'האָט אים אַ ריס געטאָן און אַ שליידער האָט אים אַוועקגעוואָלגערט.

יאָסעלע איז שוין איצט געווען אָן זינען. ער איז אויפגעשפּרונגען, צוריקגעלאָפן, נאָר ווידער האָט דער דיאַקאָן אים געגעבן אַזאַ שטויס אָפּ, אַז ער איז געפאַלן.

דוד האָט געוויינט ווי אַ קליין קינד. פון דער נאָז האָט זיך וואַרעמע פליסיקייט געצויגן איבער ווינקל מויל און גאָמבע. וויינענדיק האָט ער זיך געקלאָגט פאַר דיאַקאָן און דיאַקעכע. מענטשן זיינען אַריין אין סעדל. מענטשן זיינען געשטאַנען אַרום דודן. דער הונט אויף דער קייט האָט געהאַוקעט, געוואָיעט, זיך געריסן. דער פאַראָבעק איז פון סטאַדאָלע אַרויס. יאָסעלע האָט זיך געשטופּט צו דודן:

— כ'על דיר דערמאַניתן... דאָס געלט זאָלסטו געבן.

— וואַרף אים אַרויס! — האָט דער דיאַקאָן דעם פאַראָבעק באַפוילן.

דער פאַראָבעק האָט יאָסעלען אַ פּאַק געטאָן פאַרן קאַרק, האָט אים גע־נומען שטופּן צום טירל. דאָס קליינע הינטל האָט זיך אַ וואָרף געטאָן נאָך זיי, האַוקענדיק אין איין אָטעם און אויפן אויבערשטן געלענגל. יאָסעלע האָט געצאַפּלט מיט הענט און פיס. דער שייגעץ האָט געעפנט דאָס טירל, און יאָסעלען אַרויסגעשטויסן.

בלויז אַ ווײַלע איז יאָסעלע געשטאַנען אויף יענער זייט טירל. דאַן איז ער געבויגן געוואָרן און האָט אַוועקגעשפּאַנט מיט געזונקענעם קאָפּ. ווי אַ משא האָט די בושה געדריקט אויף זיין קאַרק.

און דוד האָט שווער געאָטעמט:

— זאָל ער... זאָל ער מיך דערהרגענען... קיין געלט גיב איך נישט... איך וואַלגער זיך... איך האָב נישט קיין טאָג און נישט קיין נאַכט... כ'וויל מער פאַר אים נישט פאַרצעווען...

* * *

דוד האָט מיט אַ טיכל זיך געווישט די פאַרבלוטיקטע נאָז. די דיאַקעכע האָט געזאָגט:

— קאַלטע וואַסער... זאָל דאַוויד אויסשווענקען מיט קאַלטע וואַסער.

און איצט האָט דוד דערזען: רבקה נחומס, מאַשע, משה. זיי האָבן געקוקט אויף אים מיט פאַרגאַפונג:

— וואָס איז דאָ געווען?

— וואָס האָט דער טאַטע געוואָלט?

— וואָס איז עס פאַר אַ שלאָגן?

דוד איז נאָך אַלץ געווען צעמישט. ער האָט גערעדט און נישט פאַר־שטאַנען געננוי, וואָס ער רעדט. ער האָט געסאָפּעט ווי נאָך אַנגעשטרענגטער אַרבעט, האָט דערציילט, וואָס ס'איז פאַרגעקומען. דאַן האָט ער דערהערט מאַשעס שטים:

— אַ טאַטע זאָל אַן אייגן קינד אַזוי באַפאַלן?

אין מאַשעס ווערטער איז געווען אַזוי פיל מיטגעפיל, אַז דוד האָט דאָס לשון פאַרלוירן. ער האָט דערשפּירט אַזאַ הייסן רחמנות צו זיך, אַז די טרערן האָבן זיך אויפסנייַ אַ שטויס געטאָן אין האַלדז אַריין.

— צו מיינע שונאימס קעפּ! וואָס אַ טאַטע קען... — האָט רבקה געזאָגט. אָבער משה האָט געלאַכט. שטיל און יעכידנע געלאַכט.

דער דיאַקאָן האָט געזאָגט:

— צייט צו גיין שלאָפן.

ער האָט געבעטן מען זאָל זיך צעגיין. ער וויל אָפּלאָזן דעם גרויסן הונט פון דער קייט...

דער גרויסער הונט האָט מיט עלאַסטישע דינע פיס געשפּאַנט צווישן די ביימער. ווינטל האָט באַרוועס געשפּאַנט איבער די ביימער. בלעטער האָבן געפּליסטערט, און דוד איז געלעגן פאַרזונקען אין מידקייט, און ער האָט געטראַכט: פאַר וואָס האָט משה געלאַכט? וואָס האָט באַטייט זיין לאַכן?

אָבער מאַשע האָט נישט געלאַכט. מאַשע איז געשטאַנען אין טיר פון סאַדע־וואַסער־געוועלבל, געשטאַנען אַ באַגאָסענע מיט זון, און דאָס ווינטל האָט איר קלייד געטריבן צו אירע פיס. און דורך דער דינקייט פון קלייד האָבן די פיס זיך געצייכנט... שלאַנקע, גלייכע פיס... און דער וואָגן האָט זיך גע־טרייסלט... און ס'האָבן די זעק אויבס זיך געשטיקט מיט געלעכטער. און מאַשע האָט פון אים גענומען דעם טייסטער, אים אַריינגעלייגט אין קאַמאָד... און זי האָט געשמייכלט...

קאַפּיטל אַכט

אָרעמע מענטשן

ס׳איז שוין געווען גרויסער טאָג, ווען דוד איז אויפגעקומען פון שלאָף. ער האָט די אויגן נישט געעפנט. אין קאָפּ האָט זיך ביי אים געלייטערט, און :—

וואָס איז געווען? איז עס געווען אויף דער וואָך אָדער אין חלום? האַ? און ער האָט געדענקט: דעם פאַראָבעקס לאַפּע האָט דעם פאָטער פעסט ביים קאַרק געהאַלטן, ווי אַ ייִנגל האָט דער פאָטער זיך געצאַפּלט, און דער שייגעץ האָט אים פּראָסט־פּשוט אַרויסגעוואָרפן פון סאָד. —

דודס פּנים האָט זיך אַ קרום געטאָן, און רחמנות האָט זיין האַרץ צוזאַמענגעדריקט. אָבער גלייך האָט ער זיך דערמאָנט: נאָכדעם ווי דער פאָטער איז שוין נישט געווען אין סאָד, האָט ער דערזען לעבן זיך מאַשען מיט איר מוטער. ביידע האָבן געקוקט אויף אים מיט צערטלעכקייט און מיט היימישן רחמנות:

— וואָס איז דאָ געווען, דוד?

— דער טאַטע האָט געשלאָגן. מיט אַ שטעקן געשלאָגן.

— געשלאָגן? פאַר וואָס?

איצט האָט דוד געדענקט זיינע רייד:

— דערפאַר, וואָס איך וויל ווערן אַ מענטש... דערפאַר וואָס כ׳האָב אין זינען תכלית... כ׳האָב אָוועקגעפירט קיין פאַרצעווע אַ ביסל אויבס פון מיין סאָד... כ׳האָב געטראָפן אַ גוטן מאַרק, און כ׳האָב געלייזט אַ גוטן מקח... איז ער געקומען: נישט אַנדערש, נאָר כ׳זאָל אים אָפּגעבן דאָס געלט... האָב איך נישט געגעבן, ס׳איז מיין סאָד... איך דינג אים אַלע יאָר. איך היט אים. איך ווער פאַרשוואַרצט... בין איך נישט גערעכט? וואָס בין איך, אַ ייִנגעלע? ווער וועט זאָרגן פאַר מיין תכלית, אויב נישט איך אַליין?

— גערעכט. ביזט בפירוש גערעכט.

אַזוי האָט געזאָגט רבקה. און מאַשע האָט געהאַט צער אין איר קלאָר פּנים, און מיטגעפּיל אין די גרויסע אויגן... איז טאַקע מאַשע געווען לעבן אים? אפשר האָט זיך עס אים בלויז געחלומט? אָבער סיי ווי סיי: אין האַרצן איז ביי אים אַ שמייכל. אים איז גוט פון מאַשעס מיטגעפּיל...

און דוד האָט צעעפנט די אויגן.

אין בודע האָט עס געשמעקט מיט איבערצייטיקע עפּל און באַרנעס. פון דרויסן האָט עס אַריינגעטאָטעמט מיט פרימאָרגן־זון, געשניטן היי, און זאַפטיקע געוויקסן. דאָס ברודערל איז שוין אין בודע נישט געווען, און דוד האָט זיך צוגעהערט צו זיין לייב, האָט מיט הנאה געשפּירט די קלעפּ פון שטעקן, מיט וועלכן דער פאָטער האָט געקלאַפּט איבער פּלייצעס און אַקסלען: ס'איז געווען טרייסט אין דעם, וואָס דער פאָטער האָט אים געשלאָגן און ער האָט זיך נישט געוווערט... נאָך אַלעמען, איז ער דאָך דער טאַטע... טאַקע אַ שלעכטער טאַטע, אַ בייזער טאַטע, אָבער — זיין טאַטע!... און איז ער דען שלעכט און בייז פון נחת? אַז אָרעם איז ער, אַז פאַרשוואַרצט ווערט ער, לויפט אַרום גאַנצע טעג אין די „גומנעס", קומט אָפּ מיט אַ שטיקל שוואַרץ ברויט און אַ ציבעלע... ס'איז אים וויסט און פינצטער...

ס'האָט דודן ווי געטאָן דעם טאַטנס אָרעמקייט. אָבער וואָס זאָל ער טאָן? ווי לאַנג וועט ער זיך אַרומדרייען „שלינק און שלאַנק", אָן אַ היינט און אָן אַ מאָרגן? ער מוז דאָך זאָרגן פאַר אַ תכלית?! ער ווערט דאָך עלטער, נישט יינגער. פאַר וואָס זשע זאָל עס דער טאַטע נישט פאַרשטיין? ער דאַרף עס פאַרשטיין. ער וועט עס מוזן פאַרשטיין. אויב נישט איצט, איז שפּעטער.

דוד איז אַרויס פון דער בודע. האָט גענומען אַרומשפּאַנען צווישן די ביימער, וואָס זיינען געשטאַנען בעענטער צום פּאַרקאַן: האָט מען נישט איבער דער נאַכט געגנבעט קיין אויבס? איצט איז ער שוין געווען זיכער, אַז ער איז באַלעבאָס פון סאַד... האַ? געגנבעט האָט מען נישט... און די „ציבולעכעס" וועט מען שוין אויך באַלד דאַרפן שאָקלען... און די „וווּנגערקעס" צייטיקן זיך שוין אויך... און אויב דער מקח זאָל אַזוי אָנהאַלטן — — —

—דו־ד! ד־ו־ד!

ס'איז געווען דער מאַמעס קול. זי איז געשטאַנען ביים פּאַרקאַן אין גאָרטן.

דוד איז צוגעקומען צום פּאַרקאַן און די מוטער האָט געהאַט אַ דערשלאָגן פּנים, און איר קול איז געווען וויינענדיק:

— וואָס איז דאָ געווען, וואָס? וואָס טוט זיך מיט דיר, דוד? וואָס הייסט, דו נעמסט און טוסט אָפּ אַזאַ זאַך? ווייסט דאָך: דער טאַטע וואַרט דאָך אויף דעם געלט... מיט דעם געלט באַצאָלט ער פאַר געקויפטע תבואה, אויף וועלכער ער האָט שוין אַן אַדרויף געגעבן... וועט ער נישט קענען באַצאָלן,

וועט דער אַדרויף אויך פאַרפאַלן ווערן... און באַרגן ערגעץ אַ קערבל — קומט אָן מיטן טויט, מיינע שונאים... וואָס זשע האָסטו זיך פלוצלונג פאַרגענומען, דוד ?!

— וואָס זשע זאָל איך טאָן, מאַמע ? — האָט דוד געהאַט תשעה־באבדיקע אויגן. — איך ווייס, אַז דעם טאַטן איז נישט גוט, אָבער וואָס קען איך אים העלפן ? זעסט דאָך אַליין : איך האָרעווע, איך פּראַצעווע, און וואָס וויל איך דען ? כ׳וויל זיך קויפן שיינע קליידער ? איך וויל קומען צו אַ תכלית און ווערן אַ שטיקל מענטש... וואָס בין איך ? אַ יינגעלע פון צען יאָר ? כ׳בין אַ דערוואַקסענער מענטש... און אַ געשטראָפטער בין איך אויך... האָב איך זיך געטראַכט : כ׳על אַפּליִזן פאָרן אויבס, כ׳על צונויפנעמען די עטלעכע קערבלעך, וועל איך זיך נעמען צו אַ מלאכה... כ׳על פאָרן קיין ראַדזין, וועל זיך צולערנען זייגערמאַכעריי... בין איך נישט גערעכט ?

די מאַמע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, האָט אָפּגעזיפצט און טרער האָט געגלאַנצט אין אירע אויגן :

— גערעכט ביזטו, דוד, הלמאי זאָל איך לייקענען ? אָבער אַזוי אומגעריכט. אַפילו מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנט וועגן דעם ביז אַהער ? ווי זאָגט מען עס נישט אַ טאַטן, וואָס מען טראַכט צו טאָן ?

— ווי אַזוי האָב איך געקענט זאָגן ? ער לאָזט דען רעדן צו זיך ? ער ווייסט נאָר צו שרייען : „קאַליקע ! גאַרבאַטע בהמה !" ער פאַרצאַפּט מיר דאָס בלוט !... ער פאַרשעמט מיר פאַר פרעמדע מענטשן... וואָס איז ער מיר ?

—דוד, ער איז דיין טאַטע.

— און אַז אַ טאַטע, איז וואָס ?

— און ער האָט דיר געגעבן געלט, צו געבן אַן אַדרויף אויפן סאָד !

— און ווער האָט פאַראַיאָרן צוגענומען דאָס גאַנצע פאַרדינסט פון סאָד ? און וויפיל האָט ער עס געגעבן ? גאַנצע צען קאַרבעוואָנצעס ! ער קען זיי קריגן צוריק !

די מאַמע האָט ווידער אָפּגעזיפצט, האָט געוויגט דעם קאָפּ :

— און אים איז גוט ? מיינסט אַז ער טוט עס פון נחת ? ער ווערט נעבעך געגנוג פאַרשוואַרצט און פאַרחושכט. לויפט אַרום צווישן ערלים און האַנדלען קען מען נישט. היינטיקן צייטן זיינען די פויערים איבערגעשפּיצט : הייסן זיך געבן אַזאַ מקח, אַז מען זאָל צו זיי דערלייגן. אוי דוד, דוד, אַז מיר זיינען אָרעמע לייט. —

דוד האָט דערפילט וויכקייט אין האַרץ. די וויכקייט האָט זיך געשטויסן

צום האַלדז. ער האָט געוואוסט: די מאַמע וויל ביי אים פועלן ער זאָל אַוועק־געבן דאָס געלט... האָט ער זיך צעשריגן, זיך אַליין געוואָלט פאַרשרייען:

— און וואָס בין איך? נישט אָרעם? נישט עלנט? און ווער וועט פאַר מיר זאָרגן? און וואָס וועט זיין מיין תכלית? און וואָס הייסט עס אַזוינס שלאָגן? וויניק געשטראָפט בין איך?

די מוטער האָט געגעבן אַ דריי־אויס דעם קאָפּ: זי האָט דערהערט אַ קרעכץ פון אַ טיר. זי האָט דערזען: פון הויז דערביי קומט אַרויס יאָסעלע. האָט זי זיך געגעבן אַ רוק־אָפּ פון פאַרקאַן, און איר שטים האָט געוואָרנט:

— גיי, דוד... גיי אַוועק פון פלויט... עס קען זיך באַלד ווידער אָנהויבן...

דוד האָט אַזוי געטאָן.

פון צווישן דיביימער, וואו ער האָט זיך פאַרשטעקט, האָט דוד געהערט: דער טאַטע שרייט, און די מאַמע שרייט צוריק. דעם פאָטערס קול איז פאַר־ביסן, און דער מאַמעס — בעטנדיק... דאַן: דעם פאָטערס שטים האָט אויס־געוועפּט און די מאַמע טענהט איין מיט אים. אָרעמע מאַמע! ס'איז אַ גוטע נשמה זי איז... און דער טאַטע? ער איז גאָרנישט אַזוי שלעכט. ער איז בלויז אַן אָרעמער מענטש.

און דוד האָט געשלונגען פייכטקייט.

* * *

דעם גאַנצן טאָג האָט דוד נישט אויפגעהערט טראַכטן פון טאַטע־מאַמע, און דאָס האַרץ איז אים געווען שווער ווי שטיין. מיט אַלע אברים און מיטן גאַנצן בלוט האָט ער געפילט, אַז ביז ער וועט נישט שלום ווערן מיטן פאָטער, וועט ער קיין רו נישט האָבן און קיין זאַך וועט אים נישט איינגיין. פאַרנאַכט איז ער דורך די פאַנאַנדערגערוקטע שטאַכעטן אַרויס פון סאָד צו דער מאַמען אויפן גאָרטן.

דער גאָרטן איז געלעגן אַ געשטרעקטער, מיט לאַנגע, ברייטע בייטן. האָבן זיי אויסגעזען ווי פאַרגליווערטע גרינע כוואַליעס, וואָס שלאָפן אונטער דער זון. רויזע איז כמעט געלעגן איבער אַ בייט, האָט געריסן שלעכטע גראָזן, האָט אונטערגענומען לאַנגע אוגערקעס. לייכט ווינטל האָט געפאָכעט און דודן איז אויסגעקומען, אַז די מאַמע האַלט אין איין קרעכצן.

ער איז צו איר צוגעקומען, איז געבליבן שטיין מיט אַ פּנים פון אַ בעל־תשובה, האָט געפרעגט מיט אַ אונטיק קול:

— האָסט גערעדט מיט אים?

דער מאַמעס פלייצע האָט זיך אויפגעהויבן. זי איז געבליבן זיצן. האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים צום זון:

— יאָ, גערעדט...

— און וואָס?

— און מיינסט, אַז ער איז שולדיק? אַז מען האָרעוועט שווער און ביטער; אַז קיין מזל איז נישטאָ.

— אָבער וואָס זאָל איך טאָן? האָסט דאָך אים געקענט זאָגן?

— געזאָגט... כ׳האָב אים דערציילט, אַלץ דערציילט, זיך אַפילו געבייזערט אויף אים: ביזט שוין אַ דערוואַקסענער... דאַרפסט זאָרגן פאַר זיך אַליין... וואָס זשע? ער איז אומשטאַנד דיך צו פאַרזאָרגן? וואָס זשע וועט טאַקע זיין דער תכלית? ער אָבער שרייט איינס: מען טוט נישט אַליין! מען דאַרף פריער פרעגן! מען ווערט נישט קיין „סאַמאָוואָליץ״. און ער איז אויך גערעכט. ער איז אַ טאַטע, געדאַרפט פרעגן, זיך אַן עצה האַלטן. וואָס איז ער? אַ פרעמדער? אַ שונא? מען טוט נישט אַליין!

— ס׳איז דאָך שוין אָבער פאַרפאַלן... און ווי קומט דאָס שלאָגן?

— פאַרן שלאָגן האָב איך זיך שוין גענוג אָנגעקריגט מיט אים. ס׳עט מער נישט זיין קיין שלאָגן.

זיי האָבן דערהערט אַ טרוקן הוסטל. זיך אומגעקוקט, און דוד איז בלייך געוואָרן. ס׳איז געווען דער פאָטער. דאָס ליידיקע זעקל, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז יאָסעלע שאַפּסעס איז אַ תבואה־הענדלער, איז געלעגן איבער זיין אַקסל פאַרוואָרפן. ער איז געגאַנגען אַהיים פון די „גומנעס״, האָט דערזען דודן אויפן גאָרטן, האָט ער זיך אַהין פאַרקערעוועט, איז צוגעקומען:

— וואָס טוט ער דאָ? — האָט יאָסעלע געפרעגט.

— וואָס ווילסטו האָבן? — האָט רויזע זיך אויפגעשטעלט.

— זאָל ער אַוועקגעבן דאָס געלט, וואָס ער האָט אָפּגעלייזט.

— ער פאַרנאַשט עס דען?

— אַ גאָרבאַטע בהמה דאַרף קיין געלט נישט האַלטן.

אין דודס אויגן האָבן אויפגעשפּריצט טרערן. די מאַמע האָט עס דערזען. און: —

— גזלן! וואָס ווילסטו פון אים? וויפיק איז ער געשטראָפט פון גאָט, ביזטו אים נאָך מבזה? וואָס פאַר אַ טאַטע ביזטו? וואו איז עס געהערט געוואָרן? אַ פרעמדער וואָלט עס דאָך נישט געטאָן!

דודס שטים איז געווען מיט געוויין:

— טאַטע, וואָס ווילסטו פון מיר? וואָס האָסטו צו מיר? וואָס מיין איך דען? איך — — —

און האָט מער נישט געקענט רעדן.

איצט — און יאָסעלעס האַרץ איז ווייך געוואָרן. ער האָט געטראַכט, אַז דוד איז נישט אינגאַנצן אומגערעכט: ביי לייטן פאַרזאָרגט מען אַ קינד, היט מען אָפּ אַ קינד. און וואָס טוט ער? נישט געזונג, וואָס ער איז אָרעם און קען זיין זון נישט פאַרזאָרגן, איז ער אים נאָך מבזה: שרייט אויף אים, זידלט אים, שלאָגט אים, מאַכט אים מיט דער בלאָטע גלייך. ווי צו דעם טאַטן, וואָס פאַרשעמט זיין אייגן בלוט און פלייש...

ביי דודן האָבן ווערטער זיך געשטופּט דורך ענגן האַלדז און איינגעהאַלטן העשען: און וואָס קען ער טאָן? ס׳איז דאָך שוין פאַרט געקומען די צייט צו זאָרגן פאַר אַ תכלית? אמת טאַקע: דער טאַטע איז אַ ייד אַן אָרעמאַן, און נייטיקט זיך אין די עטלעכע קערבלעך... אָבער — וואָס טוט דען נישט אַ טאַטע פאַר אַ קינד? נעמט מען זיך צו אַ שותף צו דער געקויפטער תבואה. גייט מען צו הענעך מאַליעס, דעם גרויסן תבואה־סוחר, פאַרקויפט מען אים די תבואה פאַראויס...

געוואָלט האָט יאָסעלע שפּאַסעס אַריינקוקן דודן אין פּנים אַריין און זאָגן: „נו שוין... זאָל שוין זיין געזונג...‟ אָבער דער עקשן אין אים האָט צו דעם נישט דערלאָזט. האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— און ווער פרעגט ביי אים עצות, ווער?

און ער האָט זיך גלייך אויסגעדרייט, און האָט אוועקגעטראָגן אַ פּיינלעכן זיפץ, וואָס האָט זיך געשטופּט אין צונויפגעצויגענעם האַלדז אַריין.

דוד האָט געפילט: דעם טאַטנס כעס האָט נאָכגעלאָזט. האָט גענומען שפּראָצן אויפגעלייגטקייט אין האַרצן: איצט איז ער זיכער געוועזן, אַז יאָ: ער ווערט אַ מענטש פאַר זיך; אַז ער וועט שוין נישט געשטערט ווערן אין דעם, וואָס ער האָט זיך פאַרגענומען, און אַז ער וועט שוין דערגרייכן צו אַ תכלית. האַ? ער וועט אַפילו זיך קענען אַן עצה האַלטן מיטן פאָטער.

די מאַמע האָט געקוקט אויפן זון, האָט נאָכגעקוקט דעם מאַן, וואָס האָט אַ געבויגענער אוועקגעשפּאַנט מיט געלאָסענע טריט. זי האָט געשפּירט ביידנס אָרעמקייט, ביידנס צער: דעם צער פון אָרעמע מענטשן, וואָס ברענגט צו דעם, איינער זאָל דעם אַנדערן מבזה זיין... און גרויס רחמנות האָט אין איר געוויינט.

יאָסעלע שאַפסעס האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף צוריק:

— רויזע! — האָט ער גערופן — קום אַהער.

— אָט גיי איך.

רויזע האָט דערשפּאַנט צו איר מאַן. דוד האָט געזען: דער פאָטער שטייט מיט אַ געזונקען פּנים, רעדט צו דער מוטער, וועלכע שאָקלט צו אבלדיק

מיטן קאָפּ, און דוד האָט דערפילט פאַרשטייפטקייט אין זיך: נײן, פון זיין וועג וועט אים קיינער נישט אַראָפּשלאָגן... דאַן: —

דער פאָטער האָט זיך געלאָזט שפּאַנען צו דער שטוב און די מוטער האָט צו אים צוריקגעבראַכט אַ פול פּנים מיט געבעט: —

— איז מילא.. דו זאָגסט, אַז דו דאַרפסט אין זינען האָבן אַ תכלית... ביזטו אפשר טאַקע גערכט... אָבער אויסלייען דאָס ביסל געלט קענסטו דאָך?... ער וועט אָפּלייזן פאַר די תבואה, וועט ער דיר צוריקגעבן...

דוד האָט האַסטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף „נײן".

— איך קען נישט... איך קען נישט, מאַמע...

און ער האָט דערביי געהאַלטן די אויגן צו דער ערד...

קאַפּיטל נײַן

איבערפאַל

ס'איז געווען שבת בייטאָג. גרויער הימל האָט מיט זקנישער זאָרג אַראָפּ־געגאָפּעט איבער שווייגנדיקע הייזער און אָנגעזאָגט: דער זומער פּאַקט זיך שוין אין וועג אַריין; די תבואות זיינען שוין אין די שייערן, די פעלדער ליגן שוין נאַקעטע, און די טעג ווערן קירצער. דער דרויסן — אַן אויסגעשלאָפענער, פאַרגליווערט־שטילער — האָט געהאַט גרויסע, גרויע אויגן; האָט געשמעקט מיט צייטיקע פלוימען און איינגעמאַכטס. שאַרף, טערפּקע ווינטל האָט געצויגן און דערציילט: דאָס לעצטע אויבס צייטיקט, און די ימים־נוראים־טעג דער־שפּאַנען צום שטעטל; דאָס קול פון שופר האָט מען שוין געהערט, און ביינאַכט וועט מען זאָגן די ערשטע סליחות. —

איז יאָסעלע שאַפּסעס אַרויסגעקומען פון זיין שטוב, און אויך זיין פּנים איז געווען שטיל ווי דער דרויסן.

איצט איז ער געווען אָנגעטאָן אין דער שוואַרץ־טוכענער קאַפּאָטע, וואָס האָט שוין געגלאַנצט און געגרינט פון אַלטקייט. זיינע לענדן זיינען געווען אַרומגענומען מיט קעמלהאָרענעם גאַרטל, אויפן קאָפּ איז אים געזעסן סאַמעטן היטל, און די שטיוול זיינען געווען שוואַרץ — אויסגעשמירט מיט טראָן. ער איז געווען אויסגערוט פון שבת בייטאָגעדיקן שלאָף, אָבער אין די אויגן איז אים געזעסן אַ ביסל זאָרג. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיך אַרומגעקוקט, און:—

הענעך מאַליעס דאַרף שוין זיין אויפגעשטאַנען פון שלאָף. ער זיצט שוין איצט מסתם אין דער „סאַליע", זיצט אין שלאָפראָק, אין דער סאַמעטענער יאַרמעלקע, און — מעשה גביר — טרינקט ער סאָדעוואַסער מיט איינגעמאַכטס.

ס'איז געווען אינדערפרי, אין בית־המדרש, איידער מען האָט זיך גע־שטעלט דאַווענען. הענעך מאַליעס — אין דער שפּאָגל־נייער קאַפּאָטע, איז זיך בהרחבה געזעסן ביים ברעג טיש. איז יאָסעל צו אים צוגעגאַנגען:

— אַ גוט שבת, ר׳ הענעך.

— גוט שבת. וואָס ווערסטו זאָגן, יאָסל ?

און הענעך מאַליעס האָט זיך צוריקגעבויגן, צוגעשפּאַרט די פּלייצע צום וואַנט, האָט אָנגעקוקט יאָסלען אַזוי, ווי מען קוקט אָן אַ פרעמדן, וואָס קומט פאַר זייער קענטלעך.

— כ׳האָב פאַר אייך אַ ביסל סחורה, — איז יאָסלעס קול געווען שטיל.

— ס׳איז דאָך שבת ! — האָט הענעך צעפירט די הענט און זיין שטים איז דווקא נישט געווען שטיל.

יאָסעלע האָט נישט גלייך געענטפערט. האָט אַ טראַכט געטאָן : „אָט האָסטו דיר... אַ גרויסער פרומאַק פלוצלונג געוואָרן... צום „דזשאָנצע״ פון קאַפּינע רעדט ער אויך אַזוי ?״ דאַן האָט יאָסעלע אָפּגעזיפצט :

— כ׳האַנדל דאָך נישט... כ׳זאָג אייך בלויז. —

— וואָס זשע זאָגסטו ?

האָט זיך יאָסעלע אָנגעבויגן, האָט גערעדט שטיל, האַלבע ווערטער : ער האָט גאָר אַ שיין ביסל סחורה... דעם אמתן גוטן, ריינעם ווייץ... די מעשה איז : די גאַנצע וואָך איז מען שטאַרק פאַריאָגט... איינמאָל האָט ער זיך שוין אַריינגעכאַפּט צו הענעכן, האָט ער אים נישט געטראָפן : געווען אין קאַפּינער הויף. —

— אַהאַ.

— און דעם ווייץ מוז איך מאָנטיק אַרויסנעמען.

— נעמט מען ?

— יאָ... ער וועט אים נעמען. אָבער — — —

— מען דאַרף געלט ?

יאָסעלע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. הענעך האָט זיך אַ גלעט געטאָן דאָס געדיכטע, קורצע בערדל, האָט דורך דער נאָז אַרויסגעלאָזט אַ מבטל־שמייכל :

— וויפיל סחורה האָסטו עס ?

— כ׳רעכן אַריבער דרייסיק קערץ.

— האָ ?

— און אפשר טאַקע די גאַנצע פערציק.

דער שמייכל איז אויסגערונען פון הענעכס אויגן. זיינע ברעמען האָבן זיך אַ קנייטש געטאָן. יאָסעלע האָט איצט לייכט געשמייכלט מיט פאַר־באַרגענעם נצחון :

— קיין דאגה האָב איך נישט... יאַנקל וואַטשאַרס זון — — —

— דערמאָן מיר נישט זיין נאָמען.

הענעך האָט צוגענומען די פּלייצע פון וואַנט, און זיין שטים איז איצט שטילער געוואָרן:

— ווּעסט אַריינקומען צו מיר בייטאָג, נאָכן שלאָף.

— כ׳קען וואַרטן ביז אין אָוונט.

— אין אָוונט פאָר איך קיין בראַניץ.

יאָסעלע האָט איצט געטראַכט: דאָס פאָרן קיין בראַניץ קען גראָד זיין לאו דווקא, נאָר — אַ פּאָלע וועט ער ווּעלן שניידן...

ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער זייט, וואו ס׳איז געווען דער פּאַרקאַן פון דיאַקאָנס סאָד: ווען דער יונג וואָלט נישט געווען אַזאַ עקשן, און וואָלט אים דאָס געלט אויסגעבאָרגט, וואָלט ער געווען אומשטאַנד זיך נישט צו לאָזן שניידן אַ פּאָלע... אַזוי אָבער. —

יאָסעלע האָט זיך געלאָזט שפּאַנען מיט געלאַסענע טריט. האָט גשפּאַנט צום מאַרק: הענעך מאַליעס שטוב מיט די געפאַרבטע לאָדנס, איז געשטאַנען אויף יענער זייט מאַרק, נישט ווייט פון קלויסטער. פון אַ געסל האָט זיך דערטראָגן קלאַנג פון פּרעגט, וואָס איז געפאַלן פון געעפנטן לאָדן. אַ ייד, אַ באַלמעלאָכע, האָט שוין געשפּאַנט צום בית־המדרש צו זאָגן תהילים. און יאָסעלע האָט געהאַט אַ געקנייטשטן שטערן: —

און אפשר איז דוד גאָרנישט אַזוי אומגערעכט: האָט ער זיך שוין פאַר־גענומען צו קומען צו אַ תכלית, האָט ער מורא דאָס געלט פון דער האַנט אַרויסצולאָזן... וואָרים: ווער ווייס, וואָס עס קען זיך מאַכן? אמת: לויט ווי ס׳שטייט איצט דער מקח אויף ווייץ, איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן... אָבער ווער קען ווּיסן, וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג וועט ברענגען? טאָמער, חס ושלום, גיט פלוצלונג דער מקח אַ פאַל, האָט ער מורא... און ער איז אפשר גערעכט. איי הענעך מאַליעס וועט ווּעלן שניידן אַ פּאָלע? טאָ וואָס זאָל מען טאָן? תכלית, נאָך אַלעמען, איז אַ גרויסע זאַך. און דוד איז דאָך שוין טאַקע אַ דערוואַקסענער מענטש, און דערצו — אַ געשטראָפּטער.

יאָסעלע שאַפּסעס האָט זיך ראַפּטום געגעבן אַ שטעל אָפּ, האָט באַקומען פולע אויגן מיט פאַרגאַפּטער איבערראַשונג, און די ליפּן זיינע האָבן זיך צע־עפנט: וואָס טוט זיך דאָ אין מאַרק? וואָס מיינט דער משונהדיקער ליאַרעם?

מיט צעשפּילעטע „פאַדיאָוועס״, מיט צעשויבערטע קעפּ און בערד, האָבן זיך פון בערל בראַניצערס שענק געטראָגן קאַצאַפּעס, מיט קלאַניצעס און דרענגלעך אין די הענט. זיי זיינען געלאָפן מיט ווילדן געבריל, ווי צערייצטע חיות פון געעפנטער שטייג. זיינען צו עטלעכע געלאָפן אין אַלע זייטן, האָבן געפאָכעט מיט די קלאַניצעס, און געשליידערט מיט קוויטשענדיקע ווערטער.

אַ דריי־פיר האָבן דערגרייכט פּאַליקס שענק. די קלאַניצעס האָבן זיך

צעוויגט, די שויבן האָבן געפּלאַצט מיט געבראַזגעריי. איינער האָט פאַרלייגט ביידע הענט אויף דער קליאַמקע פון דער טיר, אַ ריס געטאָן און זי אויפגעפּראַלט. איינער נאָכן אַנדערן האָט זיך געריסן דורך דער טיר. פון אינווייניק האָט געגומען הילכן שווערע זעץ מיט צעריסענע אויסגעשרייען. —

איבער דער שענק — אויפן גאַניק, האָט זיך באַוויזן אַ מאַן. ער איז געווען בלויז אין העמד און אין הויזן. האַ? ווער איז עס? ס'איז דער נייער וואַלד־שרייבער, אָט דער, וואָס איז נישט לאַנג צוריק אָנגעקומען מיט אַ יונג ווייב אין שטעטל אַריין, און האָט זיך אַריינגעצויגן אין פאַליקס גאָרן. וואָס וויל ער טאָן?

יאָסעלע איז געשטאַנען. האָט נישט געוואוסט פאַר וואָס ער שטייט, און נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס קומט פאָר... דער וואַלד־שרייבער האָט זיך אויסגעדרייט, האָט גענומען רייסן דעם פּרענט פון די לאָדנס. און דאָ:

יאָמערלעך יידיש געשריי האָט דורכגעשפּיזט דעם דרויסן. יאָסעלע האָט האַסטיק אויסגעדרייט דעם קאָפּ, און ער האָט נאָך געזען: דער אַלטער, בלינדער איטשקע שטייט אין מיטן מאַרק מיט אויפגעהויבענע הענט:

— גע־וואַל־ד!

קאַצאַפּעשע הענט האָבן זיך פאַרמאָסטן, קלאָניצע האָט אַ זעץ געטאָן איבער איטשקעס קאָפּ, און דער אַלטער איז געפאַלן ווי אַ סנאָפּ.

— אַנטלויפט!

נאָר איידער יאָסעלע האָט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס וואָרט מיינט, איידער ער האָט געוואוסט, וואָס ער דאַרף טאָן, און: — ווילד געליאַרעם האָט אויף אים אַ פליייץ געטאָן; פון דער זייט איז שאַרפער, הייסער שניט געפאַלן אויף זיין פּנים און קאָפּ. די פיס האָבן זיך אונטערגעבראָכן, און ער איז געפאַלן אין פינצטערקייט.

— —

צעמישעניש, דערשטוינונג, און געפּרעסטער טומל, האָבן דורך טירן און פענצטער געשטראָמט אין יידישע הייזער אַריין. אויסגעשלאָפענע פּנימער האָבן זיך געקרומט, אויגן האָבן געטריפט מיט פאַרגאַפונג און שרעק. יינגלעך האָבן זיך געצאַפּלט, האַסטיק געאָטעמט, זיך פאַרכליבעט:

— מען שלאָגט...

— ווּעמען שלאָגט מען?

— יידן... און מען ברעכט שויבן.

— ווער? ווער שלאָגט?

— די קאַצאַפּעס.

— וואָסערע קאַצאַפּעס?

— וואָס בויען די נייע באָן...

געשרייען זיינען געלאָפן איבער געסלעך. פון געעפנטע טירן האָבן גע־שפּאַרט קעפּ. פּנימער האָבן געבלייכט, זיך געקנייטשט, ווי פון שווערן איבל:

— וואָס הייסט עס?

— אַזוי הייסט עס.

— מען שלאָגט...

— דעם אַלטן איטשקען האָט מען דעם קאָפּ צעפּלעט.

— יאָסעלע שאַפּסעס האָט מען צעבלוטיקט.

— ביי פאַליקן אין שענק, האָט מען צעבראָכן די פעסער, אויסגעגאָסן דעם בראָנפן.

— וואָס זשע טוט מען?

— שוין... מען טוט שוין...

ביי פאַליקס שענק האָט זיך באַוויזן חיים שמואל דער קוליאַס. אַט דער הויכער יונג מיט די ברייטע פּלייצעס און דיקע וואָנסעס. אין קאַמיראַוועקע אויף אַ יאַריד, האָט ער געוואָלט אַוועקרייטן מיט אַ פּויעריש פערד... האָבן פּויערים אים לאַנג געקלאַפּט מיט דרענגער איבער די פיס. פון דעמאָלט אָן, אַז ער איז געגאַנגען האָבן זיך זיינע פיס געצאַפּלט, ווי ער וואָלט געגאַנגען אויף שטאָלצן, און מען האָט אים צוגעזעצט אַ נאָמען: „דער קוליאַס". — האָט ער זיך איצט צוגעשאַרט צו דער אָפענער טיר, פון וואַנען ס'האָט זיך געגאָסן בראָנפן און הפקר־ליאַרעם. ער האָט אַריינגעקוקט, אַריינגעוואָרפן עטלעכע ווערטער. צעהוליעטער קאַצאַפּ איז צוגעקומען צו דער שוועל. חיים שמואלס לינקע האַנט האָט אָנגעכאַפּט די לאַצן פון דער „פּאַדיאַווקע", און ער האָט זיך געגעבן אַ לאָז אַראָפּ אויף די קניען. דעם קאַצאַפּס פּלייצע און קאָפּ האָבן זיך אָנגעבויגן... און די רעכטע האַנט האָט מיט האַרטער פויסט אַ זעץ געטאָן אין פּנים. דער קאָפּ האָט זיך אָפּגעשליידערט, צוגעשליידערט און פויסט האָט ווידער געזעצט.

פון פאַרשיכורטן פּיסק זיינען געפאַלן בלוט־טראָפּנס, ציין און ווערטער:

— האָס־פּאָ־די פּאָמילאָי"...

אַ צווייטער האָט מיט שיכורע פיס דערשפּאַנט צו שוועל:

— „עך... טי... זשידאָ — — —"

ער האָט זיך פאַרמאָסטן מיטן דרענגל, וואָס ער האָט געהאַלטן. איצט: — חיים שמואלס פויסט האָט אַ זעץ געטאָן אין צעבלוטיקטן פּרצוף און די לינקע האַנט האָט אָפּגעלאָזט די לאַצן, האָט זיך יענער אַוועקגעוואַלגערט. חיים שמואל

האָט זיך געגעבן אַ צי־אויס. ביידע הענט זיינע האָבן דעם צווייטנס פיס געכאַפּט, אַ שלעפּ, און — טראַך! יענער איז געפאַלן. חיים שמואלס הענט האָבן די פיס נישט אָפּגעלאָזט, האָבן זיי אַ שלעפּ געטאָן. באַלד — און חיים שמואלס פויסטן האָבן געזעצט הייס, צעקרומט פּנים.

ס'זיינען אַנגעלאָפן: שעפּסל דער פערדהענדלער, אַרעלע טוראַק, יואלקע ברעך. מען האָט אונטערגעשטעלט פיס. קאַצאַפּעס זיינען געפאַלן. פויסטן האָבן געציילט טרוקענע קלעפּ. צעצאַפּלטע פּיסקעס האָבן געשליידערט רענדזשענדיקע געשרייען...

— —

דער שטאָט־רב, אַ הויכער און אַ דאַרער, אַ שטאַרק קורצזיכטיקער און געשלאָגן אויפן געהער, האָט מיט געלאַסענע טריט געשפּאַנט הין און צוריק איבערן ליידיקן פּלאַץ פאַר זיין הויז, וואָס איז געווען ביי דער אַפּטייק. ער האָט מיט דינע פינגער געקעמט זיין ווייסע, שיטערע, לאַנגע באָרד. —

איז אַנגעלאָפן בינום.

בינום איז געווען אַ מיטלגעוויקסיקער און געפּאַקטער. האָט געהאַט אַ רויטע באָרד און אַ רויטן קאַרק. אין פינצטערע נעכט, און אַמאָל אויך אין ליכטיקע — האָט ער געטראָגן שעפּסן פון די „גומנעס"... און אַז ס'איז אין שטאָל געווען אַ קעלבל, האָט ער גענומען אַ קעלבל... איצט, איז זיין געבלימלטע קעשענע־פאַטשיילע געווען אַרומגעוויקלט אַרום זיין האַלדז: שבת! דערהערט, וואָס עס טוט זיך, איז ער גלייך אַוועק זען צי האָט חס ושלום גאָרנישט פּאַסירט צום רב.

— רבי! ס'איז אַ סכנה אין דרויסן... גייט אַריין אין שטוב.

— האַ? ווער איז עס?

— ס'איז איך... בינום.

— איז וואָס זשע?

— קאַצאַפּעס האָבן זיך צעווילדעוועט: ברעכן פענצטער, שלאָגן שויבן. באַפאַלן יידן...

רחמנה ליצלן... פאַר וואָס עפּעס?

— מען האָט זיי אַנגערייצט... ס'איז ליפּסקי... דאָס בראַניצער פּריצל... ער איז דער, וואָס צאָלט די קאַצאַפּעס פאַר זייער אַרבעט ביי דער באַן... גייט אַריין אין שטוב, רבי...

— אָט גיי איך.

— רבי... אַ „גאַלאַנזש" (טרוקענע צוויג) מעג איך נעמען?

— ס'הייסט?

— אַט ליגן דאָ „גאַלאַנזשעס״... ווייל איך נעמען אַ „גאַלאַנזש״ צו זיי... צו די קאַצאַפּעס. מעג איך?

— פאַר וואָס נישט?

— ס׳איז דאָך שבת?

—אַ? שבת?... ס׳איז דאָך אָבער פּקוח נפש... און פּקוח נפש איז דוחה שבת.

— גייט גלייך אַריין אין שטוב, רבי...

דער רב האָט זיך געלאָזט מיט גיכע, דריבנע טריט צום הויז. בינום האָט אויסגעקליבן אַ צווייג, האָט אַרומגעבראָכן די קליינע צווייגלעך, און ווען דער רב איז געווען אַריין אין שטוב, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צו די קאַצאַפּעס.

— —

פערדהענדלער, קצבים און שוסטער־יונגען האָבן זיך גערוקט פון די געסלעך, האָבן פאַרשטעלט דעם מאַרק פון אַלע זייטן. דער קלויסטער האָט געגלאָצט מיט שוואַרצע לאַנגע שויבן, האָט אויסגעזען, ווי ער האָט גרימעניש. צעיאָכמערטע, צעקאָכטע קאַצאַפּעס האָבן זיך געטראָגן איבערן מאַרק, געטריבן פון גרויס צעמישעניש. ס׳האָט אויסגעזען: זיי זיינען אַרומגערינגלט מיט ברענענדיקע ווענט, דורך וועלכע זיי קענען זיך נישט דורכרייסן. זיינען זיי געלאָפן אין דער זייט, און זיינען אַריין אין די פלאַמען: שוואַרצע זעץ האָבן געבריט זייערע קעפּ... האָבן טייל זיך אַוועקגעוואָלגערט און טייל זיינען מיט ליאַרעם געלאָפן אין יענער זייט. זיך ווידער אָנגעשלאָגן אָן שרפה: ס׳האָט גערעגנט איבער זיי מיט הייסע, שווערע קוילן... ביז: —

ס׳איז שטיל געוואָרן אין מאַרק. ס׳האָבן געשוויגן די געסלעך. ס׳האָבן געגאַפּעט די פאַרמאַכטע קראָמען. דער אָוונט האָט אַריינגעשלייכט אין שטעטל.

נאָר ליפּסקין האָט מען נישט געפונען.

בערל בראַניצער האָט געצויגן מיט די אַקסלען:

— איך ווייס נישט... כ׳ווייס נישט וואו ער איז פאַרפאַלן געוואָרן... ביי מיר אין שענק איז ער נישטאָ. אַדרבה: קוקט, זעט, נישטאָ.

אַרעלע טוראַק האָט אַריינגעשטאָכן צוויי שוואַרץ־שפּיזיקע אויגן אין בערלס פּנים:

— ליגט ערגעץ דאָ באַהאַלטן, דער פאָן?

האָט בערל בראַניצער מיטביידע הענט העגט אַ גלעט געטאָן די בלאָנדע, געדיכטע באָרד:

— וואָס הייסט באַהאַלטן? וואָס פאַר אַן איינפאַל? איך קען אייך שווערן...

— אַז אַ ייד שווערט — האָט שוין זלמן קצב געזאָגט.

אַרעלע טוראָקס אויגן האָבן אַלץ געברענט מיט חשד. נאָר בערל האָט פרום אָפּגעקרעכצט:

— צייט צו גיין דאַוונען מנחה, יידן. —

— —

איצט, אַז ס'איז שוין געווען אינגאַנצן שטיל, האָבן אין מאַרק זיך באַוויזן די צוויי שטעטלדיקע סטראַזשניקעס, האָבן גענומען פרעגן ביי יידן:

— וואָס איז דאָ געווען? וואָס האָט דאָ פּאַסירט?

— גאָרנישט איז געווען און גאָרנישט האָט פּאַסירט, — האָט אַרעלע טוראָק מיטגעטיילט.

— אַזוי?... ביזט אַ קלוגער?

— דו ביזט אויך אַ קלוגער, — האָט בינום געענטפערט, און אַזוי, אַז דער סטראַזשניק האָט אַרויסגעלאָזט אַ טאָפּל הוסטל און גענומען קוקן אין אַ זייט אַריין.

די צו־זיך־געקומענע קאַצאַפּעס האָבן צוזאַמענגענומען די צעקאַליעטשע־טע, דערטשמעליעטע, האַלב־פאַרקריפּלטע, האָט מען זיי אַרויפגעפּאַקט אויף די וועגענער מיט וועלכע זיי זיינען געקומען פון דאָרט וואו זיי האָבן געאַרבעט, און די סטראַזשניקעס האָבן די וועגענער אַרויסבאַגלייט פון שטעטל.

שוסטער און שניידער־יונגען האָבן נאָכגעוואונטשן:

— צו רפואה שלמה.

— אַ גלאַטן שליטוועגס.

— זאָל אייך וואויל באַקומען.

יאָסעלע שאַפּסעס האָט מען אַהיים געבראַכט אַ האַלב פאַרחלשטן. זיין קאָפּ און פּנים זיינען געווען פאַרבלוטיקט.

קאַפּיטל צען

איבערגעבעטן

שוין, אויף די ביימער ווייזן זיך שוין געלע בלעטער, דאָס ווינטל שמעקט שוין מיט קילקייט פון אָנפאַנג האַרבסט, און ביינאַכט וועט מען שוין גיין צו סליחות.

דוד איז געלעגן אין בודע, און דער קאָפּ זיינער איז געווען אין דער עפּענונג. זיין גאָמבע איז געווען אונטערגעשפּאַרט מיט די פלאַכן פון זיינע הענט, און די עלנבויגן האָבן זיך געדריקט צו דער ערד. האָט ער געקוקט מיט לויטערע אויסגעשלאָפענע אויגן, און זיין פּנים איז גווען געלייטערט: איידער מען וועט זיך רעכט אַרומקוקן, וועלן דורך די ימים־טובים... חול־המועד וועט ער פאָרן קיין ראַדזין, און וועט דאָרט מושה ווערן מיט אַ זייגער־מאַכער. דאָס געלט ליגט גרייט. ס׳האָט זיך צוזאַמענגענומען מער ווי ער האָט זיך גערעכט... און די גרויסע ווינטערעפּל האָט ער דאָך נאָך נישט גע־רירט... די גנילקעס וועט ער לאָזן דער מאַמען: נאָך ימים־טובים וועט מען זיי אָפּשאָקלען, מען וועט זיי אָפּשיטן אין פּאָדערהויז, איינדעקן מיט שטרוי, און ווינטער, וועט די מאַמע האָבן וואָס צו פאַרקויפן.

דוד האָט צוזאַמענגעצויגן די ברעמען: פון וואָס אַזוינס האָט ער געוואָלט אַ טראַכט טאָן? — מאַשע! לעצטנס איז ער געווען אַזוי פאַרקאָכט אין לייזן פאַר אויבס, אַז ער האָט גאָר פאַרגעסן צו טראַכטן פון איר... און וואָס איז מיט משהן? שוין אַ צייט, אַז ער האָט אים קיין בריוול נישט געגעבן... האַ? ער זעט אים לעצטנס אינגאַנצן נישט. וואָס זשע? קומט ער שוין גאָרנישט צו מאַשען? אויב אַזוי... הייסט עס...

ווען איז עס געווען? ס׳איז געווען מאָנטיק. דוד איז געגאַנגען פון צירולניק. בית־המדרש בחורים האָבן איינער דעם אַנדערן געשוירן, דוד אָבער האָט זיך געשוירן ביים צירולניק, וואָס איז אויך געווען פעלדשער. ביי דער

טיר פון זיין הויז זיינען געהאַנגען דריי מעשענע טאַצן... און דוד האָט געוואָלט נישט אַנדערש, נאָר ישראל פעלדשער אַליין זאָל אים שערן, נישט דער בחור זיינער:

— כ׳וויל איר זאָלט מיר אָפּשערן ווי עס באַדאַרף צו זיין. די האָר אויפן קאַרק זאָלן זיך אָנהייבן גאָר דין, און וואָס העכער זאָלן זיי ווערן דיקער...

דער פעלדשער — אַ הויכער ייד מיט אַ פול קלאָר פּנים, פאַרשווירן בערדל און פּאָמעראַנצן־קאָליר אויף די באַקן, — האָט ממזריש געשמייכלט מיט שוואַרץ־געשליפענע אויגן, און האָט געקלונגען מיט די שערל־קלינגלעך:

— קלייבסט זיך צו ווערן אַ חתן?

— און אפשר.

— וועסטו אפשר ווען אַ שמעקעדיק וואַסערל אויך?

— פאַר וואָס טאַקע נישט?

סיי ווי סיי: דוד איז געגאַנגען צוריק פון צירולניק. ער אַליין האָט געפילט דעם שמעקעדיקן ריח פון זיין גלאַט־פאַרקעמטן, פיין־געשוירענעם קאָפּ, און האָט געשפּירט די פרישקייט פון פּנים. און מאַשע איז געזעסן אויף אַ שטול אין דער אָפענער טיר פון געוועלבל. ווען זי האָט אים דערזען אָנ־קומען, איז וואונדער אַריין אין אירע אויגן: זי האָט אים נישט דערקענט, כאָטש זי האָט געוואוסט ווער ער איז:

— אָ, דוד, — האָט זי געזאָגט, ווען ער איז שוין געווען נאָענט. — וואָס מאַכן זי? פון וואַנען גייען זי? זי זעען אויס אַזוי אויסגעפּוצט...

ער האָט געשמייכלט. געשטאַנען געשטערעקט. געוועזן העכער: שטויסט זי זיך אָן פאַר וועמענס וועגן ער פּוצט זיך? ער האָט געצויגן מיט די אַקסלען: אויסגעפּוצט? דאָס גייט ער איצט פון צירולניק... אַנדערע — שערן זיך איינער דעם צווייטן... ער — האָט פיינט זיך נאַריש צו מאַכן. אז שערן, זאָל זיין געשוירן, ווי עס באַדאַרף צו זיין.

אין מאַשעס פּנים, איז געווען אַ ביסל פאַרגאַפונג. און דוד האָט געפרעגט:

— און וואָס הערט זיך?

— וואָס זאָל זיך הערן?

— און איך בין לעצטנס זייער אַ פאַרנומענער מענטש.

— מען זעט זי טאַקע נישט.

— מען דאַרף זאָרגן פאַר אַ תכלית...

מאַשע... מאַשע... אויף דודס ליפּן האָט איצט געשפּילט שמייכל ווי אַ זון־פלעק. די אויגן האָבן זיך אים פאַרשמעלערט, און ס׳איז צוריקגעקומען די שפּעטנאַכטיקע שעה, און מאַשע האָט זיך באַוויזן אין אָפענעם פענצטער, אין זילבערדיקן לבנה־שיין... און ליכטיקע הענט גלעטן ליכטיק לייב... און ס׳האָט

פֿאַרכלינעט אין האַלדז, און דאָס האַרץ האָט פֿאַרחלשט, נאָר די קלעפּ האָבן געהילכט אין די אויערן. —

—דוד! אוי, דוד!

דוד האָט געגעבן אַ צעעפֿן ברייט די אויגן, האָט דערזען: אָונט און זיין שוועסטער צלאָווע. זי איז געשטאַנען פֿאַר אים אַ נידעריקע, צעוואָקסענע, מיט דיקע פֿיס, קיילעכדיק, טונקל פּנים; אירע אויגן זיינען געווען אָנגעגאָסן מיט צעטומלעניש. זי האָט האַסטיק געאָטעמט און איר אויפֿגעלאָפֿענער בוזעם האָט זיך געהויבן און געפֿאַלן.

דוד איז אַרויס פֿון בודע:

— וואָס האָט פּאַסירט?

— דער טאַטע, אוי דער טאַטע!

— וואָס, טאַטע?

— מען האָט אים אַהיים געבראַכט... דאָס פּנים פֿאַרבלוטיקט... די קאַצאַפּעס... מען האָט אים שיער דערהרגעט!

— איך גיי שוין. —

— —

ער איז אַריין אין שטוב אַ בלייכער, אַ צעטראָגענער:

— מאַמע! וואָס איז געשען, מאַמע?

די מאַמע האָט געקרעכצט, געוויגט דעם קאָפּ. איר טרוקענע שטים האָט געוויינט:

— אוי ווי איז מיר... מען האָט דאָך אים געבראַכט צו טראָגן... ער איז דאָך געווען מער טויט ווי לעבעדיק, ווי איז מיר... מען האָט דאָך אים צעבלוטיקט... ער איז געגאַנגען צו הענעך מאַליעס... זיינען אים קאַצאַפּעס באַפֿאַלן... דער פֿעלדשער וועט באַלד קומען... דאָס קינד איז נאָך אים געלאָפֿן.

דוד איז אַריין אין אַלקער. דער פֿאָטער איז געלעגן אויפֿן בעט. ס'איז געווען שוין נאַכטיק אין אַלקער, נאָר דוד האָט געזען: פּייכטע, טונקעלע ריטשקעס האָבן אַראָפּגעגלאַנצט פֿון דער באַק, פֿון בערדל. יאָסעלע איז גע־לעגן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, האָט נישט גערירט מיט קיין אבר.

—טאַ־טע!

דוד האָט דאָס וואָרט אַרויסגעשטאַמלט מיט אַזאַ ווייכקייט, אַזאַ געטריי־שאַפֿט, אַז יאָסעלע האָט געעפֿנט די אויגן, און אַן אָפּשיין פֿון שמייכל האָט זיך געוויזן אויף זיין פּנים:

— דוד? —

דוד האָט שווער אַראָפּגעשלונגען:

— אוי ווײ... וואָס האָט מען צו דיר געטאָן? וואָס האָט מען צו דיר געהאָט? פאַר וואָס, טאַטע?

און זײן קול האָט געציטערט.

נישט דוד און נישט יאָסעלע האָבן איצט געדענקט, אַז זײ זײנען ברוגז, אַז צווישן זײ איז פאָרגעקומען אַ קריגערײ, וואָס האָט געבראַכט צו געשלעג. איצט זײנען עס געווען טאַטע און זון. דודן איז דאָס האַרץ געווען פאַרקלעמט פון ווײטיק, און יאָסעלע האָט געפילט טרייסט און וואַרעמקײט פון זונס געטרײ־שאַפט. די ווערטער זײנען פון יאָסעלעס ליפּן געפאַלן שטילע, האַרציקע, קרעכצנדיקע... ווערטער פון אַ געשלאָגענעם, וואָס רעדט זיך אויס דאָס האַרץ פאַרן נאָענטסטן: —

ער איז געגאַנגען צו הענעך מאַליעס... מען דאַרף בײ זישטשיקן אַרויס־נעמען דעם געקויפטן ווײץ... וואָס האָט אים געזאָלט אײנפאַלן? זײנען אָנ־געלאָפן די רוצחים... מיט אַ דרענגל האָט מען אים דערלאַנגט... איז ער געפאַלן...

דוד האָט געהערט די רײד. ווי האַרטע שטײנער זײנען זײ אויף אים געפאַלן, הײסקײט האָט געשפּאַרט אין די אויגן אַרײן:

— ס'איז מײן שולד, טאַטע.

— פאַר וואָס עפּעס?

— ווען איך באָרג דיר דאָס געלט, וואָלסטו דאָך נישט געווען געדאַרפט גײן צו הענעך מאַליעס!

— נאַרישקײטן, דוד. אַז מען האָט אין זינען תכלית... דאַרף מען דאָס געלט שטאַרק היטן...

— טאַ־טע!

אין דעם אויסרוף איז געווען אַזוי פיל דאַנקבאַרקײט, אַזוי פיל גערירט־קײט און וואַרעמקײט, אַז יאָסעלעס פאַרבלוטיקט פּנים האָט אינגאַנצן גע־שמײכלט...

— —

דער פעלדשער איז געקומען. מען האָט אָנגעצונדן אַ לאָמפּ.

— וואַסער, הײסע וואַסער!

אַזוי האָט אויסגערופן ישראל פעלדשער. און פון דעם ווי ער האָט דעם באַפעל געגעבן, זײנען אַלע זיכער געוואָרן: ער ווײסט שוין וואָס צו טאָן; אײנס און צוויי, און ער וועט דעם חולה שטעלן אויף די פיס.

רויזע מיט צלאָווען האָבן זיך גענומען פאַרקען בײ דער פּליטע. דער פעלדשער איז אַרײן אין אַלקער. דוד האָט געהאַלטן דעם לאָמפּ, האָט צו־

געלויכטן. דער פעלדשער האָט זיך צעשפּילעט דעם סורדוט, האָט געגעבן אַ רוק־אַרויף די אַרבל:

— איצט וועט מען זען!

ער האָט גענומען יאָסעלעס קאָפּ אין זיינע הענט, האָט מיט די פינגער געשאַרט אין די האָר. יאָסעלע האָט געקרעכצט, און דוד האָט געקנייטשט דאָס פּנים, ווי ער וואָלט געהאַט שאַרפן ווייטיק. דער קליינער שוק איז געשטאַנען אָפּגערוקט, האָט געקוקט אָנגעשטרענגט, ווי ער וואָלט געזען אַ זייער טשיקאַווע זאַך.

— נישקשהדיק צעקלאַפּט! — האָט געזאָגט דער פעלדשער און פון יאָסעלעס האָר אַרויסגענומען פאַרבלוטיקטע פינגער.

— ר׳ ישראל? — האָט דוד געהאַט פולע אויגן געבעט.

— ס׳איז נישט געפערלעך... ס׳עט אים חס ושלום גאָרנישט זיין... די קאַצאַפּעס, האָב איך מורא, האָבן אַ סך ערגער אָפּגעשניטן.

דער פעלדשער האָט אָפּגעשוירן די האָר אויף און אַרום דער וואונד, האָט מיטן גאָלמעסער צוגעגאָלט... האָט מיט הייסע וואַסער אַרומגעוואַשן אי די וואונד, אי דאָס פּנים... דערנאָך האָט ער מיט עפּעס אַ שמיר געטאָן איבער דער וואונד, און יאָסעלע האָט אַרויסגעלאָזט אַן „אוי!״ נאָר דער פעלדשער האָט געשמייכלט:

— שוין, דער ברען איז שוין אַריבער. אמת?

— יאָ.

— זעט איר שוין?! —

דוד האָט דעם פעלדשער פון אַלקער אַרויסבאַגלייט:

— ר׳ ישראל... ———

דער פעלדשער האָט אַ צי געטאָן זיין פּאַפּיראָס, האָט שטאַרק פאַרצויגן:

— ס׳עט אים גאָרנישט זיין. די וואונד איז נישט קיין טיפע... מאָרגן מעג ער אויפשטיין פון בעט.

— איך וועל אייך באַצאָלן פאַר אייער טרחה.

— זאָל זיין אַזוי.

— כ׳על צו אייך אַריינקומען מאָרגן.

— וואָס עפּעס מאָרגן?

— ס׳איז געוועזן שבת... האָב איך נישט ביי זיך דאָס געלט, וועל איך אַריינקומען מאָרגן.

— זאָל זיין מאָרגן.

דער פעלדשער איז אַוועק, און דוד איז צוריק אַריין אין אַלקער צום טאַטן. יאָסעלע איז געלעגן מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ, און זיין פּנים איז איצט געווען קלאָר און אויסגעאיידלט. דער לאָמפּ האָט געברענט ליכטיק, און עס האָט געשמעקט מיט יום־טוב. און דוד האָט גערעדט מיט זיכערקייט און מיט טרייסט: אָט וועט דער טאַטע זען. ער וועט ווערן אַ זייגערמאַכער, וועט עפענען אַ געשעפט... און אַלץ וועט אַנדערש ווערן. דער טאַטע וועט מער נישט דאַרפן אַזוי פאַרשוואַרצט ווערן, ווי ביז אַהער... וועט זיך נישט דאַרפן מכניע זיין פאַר דעם אָנגעפרעסענעם הענעך מאַליעס... ער וועט אַרויסהעלפן... ס׳וועט אַלץ גאָר אַנדערש זיין. אָט, וועט ער זען.

רויזע האָט מיט התפּעלות געוויגט דעם קאָפּ: אַ טייער קינד, דוד... אַ געטריי קינד, דוד...

— ווען, טאַטע, האָסטו געזאָגט, דאַרף מען נעמען דעם ווייץ ביי זישטשיקן?

— כ׳האָב צוגעזאָגט: מאָנטיק, דינסטיק.

— וועט מען נעמען.

— מען דאַרף באַצאָלן.

— וועט מען.

טאַטע און זון זיינען געווען איבערגעבעטן. דוד האָט געוואוסט, אַז ער מעג דעם פאָטער אויסבאָרגן דאָס געלט. ער איז געווען זיכער איצט: נישט בלויז וועט דער פאָטער זיין געלט נישט צונעמען, נאָר — ער וועט אים נאָך צולייגן פון זיינעם אויב מען וועט דאַרפן.

יאָסעלע האָט דאַן געפרעגט:

— און ווען, דוד, רעכנסטו צו פאָרן קיין ראַדזין?

— כ׳על צופאָרן חול־המועד, כ׳על זיך באַשטעלן מיט אַ זייגערמאַכער, און תיכף נאָך יום־טוב וועל איך זיך נעמען צום אויסלערנען די מלאכה.

— נישט קרום, דוד... ס׳איז גאָרנישט קרום אַזוי...

דוד האָט איצט געשמייכלט. אויך זיין פּנים איז געווען אויסגעלייטערט. און רויזע האָט געקוקט אויפן מאַן, אויפן זון, און פייכטקייט איז געווען אין אירע אויגן. —

קאַפּיטל עלף

„דאָס ליד פון דער געהאַנגענער פריילין"

די יום־טוב־טעג האָבן איינער נאָכן אַנדערן אַדורכגעשפּאַנט דאָס שטעטל, זיינען אַוועק אין ווייטן וועג אַריין, און מיט שטילע טריט איז אָנגעקומען דער האַרבסט. די ביימער אין די סעדער זיינען שוין געשטאַנען אָפּגעשאָקלטע, האָבן געגאַפּט מיט זאָרג. איינציקע, קליינע, שפּעט־דערוואָקסענע עפּל און באַרנדלעך האָבן זיך געצאַפּלט אויף צווייגן מיט שיטערע בלעטלעך. ביי האַריזאָנט האָבן זיך געזאַמלט געדראָלענע כמאַרעס, זיך געגרייט צו גייען אויף שטעטל, און די שטילקייט האָט זיך געדרייצט: ס'וועט טריפן אַ דין רעגנדל! ווי דורך אַ זיפּ וועט דאָס קאַלטע רעגנדל טריפן... די געסלעך וועלן ווערן בלאָטיק, און נאַסקייט וועט וויינען פון שוואַרצע דעכער. —

איז עס געוועזן פאַרנאַכט. הינטערן פליאַנדער וואַלד איז די זון פאַר־גאַנגען אַ רויטע, האָט פון צווישן כמאַרעס אַרויסגעקוקט מיט צעקרומט פּנים, און אין בית־המדרש איז געוועזן טונקל. ס'האָט געשמעקט מיט זויערער קיל־קייט, און די ווענט זיינען געווען באַדעקט מיט שאָטן. ביי די טישן זיינען געזעסן בחורים, האָבן געהאַט בלייכע פּנימער און נאַכטיקע אויגן, האָבן זיי זיך לאַנגזאַם געשאָקלט און געצויגן יידיש געזאַנג, לערנענדיק די נביאים. איז משה מענדלס געזעסן צווישן זיי, און איז געווען אָפּגעזונדערט פון זיי. מיט פאַרבאָרגענעם ווייטיק האָט ער געטראַכט: פאַר אים בלאָזן די קאַלטע ווינטן. זיי דערציילן אים: אין דער גרויסער שטאָט זיינען שוין אָפן די גימנאַזיעס, און ער — ער האָט נאָך אַלץ דאָס שטעטל נישט פאַרלאָזט. וואָס זשע וועט פאָרט דער תכלית זיין?

בענקשאַפט האָט געוויינט פון משהס אויגן: וואָלט ער געווען ווי די איבעריקע בחורים; נישט געוואוסט, אַז עס זיינען פאַראַן ביכער און גימנאַזיעס אויף דער וועלט, וואָלט אים געווען גוט... ווייסט ער אָבער יאָ... און באַלד

וועט דער טאַטע זיינער אָוועקשטעלן דעם קעסל אין שטוב, וועט נעמען מאַכן בראָנפן פון סיראָפּ, און ער וועט מיט די גאַנשערס בראָנפן פאָרן קיין ראַדזין, וועט אָפּלייזן פאַר דער סחורה, קומען צוריק און זיך ווידער גרייטן צו פאָרן... און די רוסישע גראַמאַטיק וועט אַלץ אַזוי ליגן און וואַרטן... איז דאָס אַ תכלית?

ווען ער וואָלט געוועזן ווי די איבעריקע, ווען ער וואָלט נישט געוואוסט, אַז אין אַברעמטשעס קליינעם שטיבל זיצט העניע און וואַרט אויף אים; אַז אַנטקעגן בית־המדרש, אין רבקה נחומס שטוב, זיצט מאַשע אַ פאַרחלומטע און בענקט נאָך אים. אַלץ האָט ער געוואָלט פאַרגעסן און זיצן רואיק, ווי עס זיצן די איבעריקע...

האָט משה געעפנט דעם ספר ישעיה און: —

זיין קול איז געווען אומעטיק, וויינעדיק, אָבער ס'איז נישט געווען ווי די שטימען פון די אַנדערע; אין זיין שטים איז געווען בענקשאַפט, ווי ס'איז די בענקשאַפט אין די אויגן פון פייגל, וואָס זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן אין קאַלטן לאַנד...

משה האָט נישט געקענט פאַרגעסן די גראַמאַטיק, וואָס ליגט אין שטוב און וואַרט אויף אים, האָט נישט געקענט פאַרגעסן, אַז אין גרויסער שטאָט זיינען שוין אָפן די גימנאַזיעס, און העניע לאַכט מיט געזונטער פריילעכקייט, און מאַשע האָט אַזאַ איידל, קלאָר פּנים...

און יידן האָבן באַצייטנס געבראַכט דעם ווינטער אין בית־המדרש אַריין: זיי זיינען אַנגעקומען מיט ערנסטע פּנימער, מיט הויך־געהויבענע ברעמען, און די אויגן אָנגעגאָסן מיט פּרנסה־זאָרג. זיי האָבן געבראַכט ריח פון יאַריד און פון קאַלטן ווינט. דאָס יאָרצייט־ליכט אויפן עמוד האָט געברענט מיט רויט פייערל און געוואָרנט: פינצטערע, לאַנגע נעכט קומען אָן... אוי, וועט זיין פינצטער; אוי, וועט עס פליוכען...

משה האָט זיך אַרומגעגאַרטלט מיטן דינעם גאַרטעלע, האָט אָפּגעכאַפּט די מנחה, איז אַרויס פון בית־המדרש און זיינע פיס האָבן אים געפירט אַהין, וואו ס'איז געשטאַנען אַברעמטשעס שטיבל... די בענקשאַפט האָט אים פון בית־המדרש געטריבן, און ער איז געגאַנגען. —

* * *

איז אַברעמטשעס שטיבל, אַ נידעריקס, אַ קליינס, געשטאַנען צווישן שטעטל און די „גומנעס", געשטאַנען באַזונדער, און האָט געחלומט דעם חלום פון אַ זקנה, וואָס חלומט שוין זייער לאַנג און קען זיך אַלץ צו קיין סוף נישט דערחלומען; דער חלום האָט זיך געצויגן פון דורות: פון אַברעמטשעס טאַטן

און זיידן. ס'איז שוין געווען נאַכט און דאָס שטיבל איז געשטאַנען מיט פינצטערע, פירשויבנדיקע פענצטערלעך. די איינגאַנג־טיר איז געווען אַ ברייטע, בלינדע און שווערע ווי ביי אַ תבואה־שפּייכלער.

העניע איז געווען אַליין אין שטיבל. זי איז געזעסן ביים פענצטער און ביזן האַלדז אין איר מיידלשן חלום. איר גוף איז געווען אָנגעגאָסן מיט גאַרונג ווי אַ קרוג מיט ווייַן וואָס „ביערט". זי האָט שטילער און העכער געצויגן „דאָס ליד פון דער געהאַנגענער פריילין":

— „איר הימלען, הערט נישט אויף צו קלאָגן,
און איר וואָלקנס — גיסט מיט טרערן.
אויף אַזעלכע יינגע יאָרן,
זאָלט איר וויינען, נישט אויפהערן.
אַ טייערע וועלט, אָבער נישט פאַר מיר,
פאַר מיר איז זי אַ גרויסע ווינד.
איך זוך זיך שוין אין דער ערד אַ טיר,
פון זיבעצן יאָר, אַ ייִנגעס קינד."

פון וואַנען האָט דאָס ליד זיך דערנומען אין שטעטל? ווער איז עס געווען דער, וואָס איז אַמאָל אין אָוונט דאָ פאַרבייגעגאַנגען און דאָס ליד פאַרפלאַנצט אין מיידלשע הערצער? קיינער האָט עס נישט געוואוסט, און העניע האָט עס אויך נישט געוואוסט. זי האָט געזונגען דאָס ליד פון דעם מיידל, וואָס איז אָפּגענאַרט געוואָרן אין איר ליבע: געהאַפּט האָט זי אויף גליק, און געקומען איז ווייטיק און פּיין; זי האָט געחלומט פון זוניקע, פריילעכע טעג, און געקומען זיינען פינצטערע נעכט. ווי אַזוי זשע קען דאָס זיבעצניאָריקע קינד לעבן אויף דער וועלט? שיין איז די וועלט, זוניק זיינען די טעג, כישופדיק זיינען די נעכט. ס'איז פאַראַן אַזוי פיל פרייד אין לעבן, אָבער וואָס פאַר אַ פרייד קען זי שוין האָבן, אַז איר „האַרצנס־געליבטער" איז פון איר אַוועק, קיינמאָל נישט צוריקצוקערן? וואָס טויג איר שוין דער ליכטיקער הימל? זאָלן זשע די הימלען פאַרוואָלקנט ווערן, באַוויינען איר יוגנט און אירע זיבעצן יאָר, וואָס ווערן פאַרשניטן.

און העניע אַליין: ווי לאַנג שוין, אַז זי חלומט פון פרייד? און משה קומט נישט. און אַז ער קומט שוין אַמאָל יאָ, ברענגט ער אויך נישט די פרייד. אַ פרעמדער בלייבט ער. ער הערט נישט ווי עס בעט צו אים איר מיידלשאַפט, הערט נישט דאָס געוויין פון אירע עטלעכע און צוואַנציק יאָר, דאָס לעכצן פון איר לייב.

— „זייט זשע מיר געזונט, מיינע פאָטער און מיטער,
דאָס לעצטע מאָל רעד איך צו אייך.
אייך וועט אויך זיין פינצטער און ביטער,
אָבער צו מיר זייט איר נישט גלייך.
איר קענט נאָך אייערע צרות פאַרגעסן,
אייערע צרות האָבן אַ גרינט,
מיך אָבער וועלן די ווערים עסן,
פון זיבעצן יאָר אַ יינגעס קינד.״

פאָטער און מוטער וועלן דאָך לעבן. זיי וועלן זייער גרויסן צער, ווען עס איז דאָך פאַרגעסן, אָבער זי — די זיבעצניאַריקע, זי וועט האָבן אַוועק פון דער וועלט איידער נאָך זי האָט געלעבט.

שוין גאַנצע פיר־און־צוואַנציק יאָר... זיי ליגן שווער אויף העניעס אַקסלען. זי איז שוין גאַרנישט קיין יונגע... און דער פאַרנאַכט איז אַזאַ אומ־היימלעכער, ס׳רוקט זיך אָן קאַלטער יעשען, און ס׳איז פיינלעך צו זיין אַליין...

— „איך זוך מיר שוין אין דער ערד אַ טיר,
פון זיבעצן יאָר אַ יינגעס קינד.״

— ווי טרויעריק זי זינגען, העניע.
העניע איז אויפגעשפרונגען:
— משה!
— ס׳איז איך.
— ווי אַזוי זיינען זי אַריין אין שטוב?
— דורך דער טיר.
— כ׳האָב דאָך גאַרנישט געהערט?
— געוועזן פאַרנומען מיט דער „געהאַנגענער פריילין״.

העניע האָט אַראָפגעשלונגען געדיכטקייט. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט דריבנע און האַסטיק, איבער פּנים האָט זיך געגאָסן פלאַם... גוט, וואָס ס׳איז שוין טונקל און מען קען די רויטקייט נישט זען...

— איך האָב דאָך אין נישט איבערגעשראָקן?

משה האָט געשמייכלט און נישט געשמייכלט: זיינע ליפן האָבן זיך מאָדנע צונויפגעלייגט. העניע איז געשטאַנען אַ העכערע, אַ פולערע, אירע הענט האָבן זיך פאַרבראָכן איבערן קאָפּ, אירע פינגער האָבן פאַריכט די פעך־שוואַרצע האָר, וואָס זיינען געווען צעקעמט מיט אַ ווייסן שרינט אין מיטן. אירע שוואַרצע אויגן האָבן איצט געשיינט מיט ליכט:

—וואָס זשע הערט זיך, משה? משה...

משה האָט געהאַלטן ביידע הענט אין די קעשענעס און אַזוי, ווי ער וואָלט זיך אַליין צוגעהאַלטן.

— דער ווינטער קומט. עס ווערט אַ העק פון שטעטל.

ער האָט זיך געזעצט. די הענט האָט ער אַלץ געהאַלטן אין די קעשענעס.

— און וואָס רעכענען זי צו טאָן, משה?

העניע איז צו אים צוגעקומען. געשטאַנען האַרט ביי אים.

— כ'על אַנטלויפן! כ'על פון דאַנען אַנטלויפן!

העניע האָט געלאַכט:

— איך גלויב עס נישט.

משה האָט זיך אַ צינד־געטאָן: אַט וועט זי זען! ער וועט דאָ אין שטעטל נישט בלייבן! וואָס האָט ער דאָ צו טאָן? מענטשן, אמתע מענטשן, זיינען שוין איצט אין דער גרויסער שטאָט: מען לערנט, מען גרייט זיך צו עקזאַמענעס, מען גייט אין גימנאַזיע, מען גרייט זיך צו ווערן עפּעס... אַט וועט זי זען: קיין צוויי וואָכן וועלן נישט פאַרביי, און ער וועט דאָ נישט זיין...

העניע האָט געשמייכלט. זי האָט געדענקט: פאַראַיאָרן אין דער צייט האָט ער אויך אַזוי גערעדט... מען לויפט נישט... און זי האָט זיך געזעצט לעבן אים. אין דער שטיל האָט איר לעבן ביי אים געבעטן: „כ'וויל זיין דיין קרבן.“ און געזאָגט האָט זי מיט מוטערלעכער געטריישאַפט:

— משה איז אַזוי בלאַס.

פון איר שטים האָט אויף אים אַן אָטעם געטאָן מיט אַ סך וואַרעמקייט. ער האָט אַריינגעקוקט אין איר פּנים, און זי:

— זי מוזן זיין פאַרליבט.

— אפשר... — האָט ער שפּילעוודיק געשמייכלט.

— זי האָבן געזען מאַשען די לעצטע טעג? ס'איז אויף איר אַ גרויס רחמנות... זי איז נעבעך אַזאַ קראַנקע... אַז דער זומער גייט פאַרביי און דער יעשען קומט אָן, כאַפּט זיך גלייך אויף איר קראַנקהייט.

העניע האָט אָפּגעזיפצט פון רחמנות... און משהס שמייכל האָט זיך אויסגעלאָשן. ער האָט זיך אָנגעבלאָזן: „אַהאַ! מאַשע איז קראַנק און זי איז געזונט... און זי האָט רחמנות...“

אין משהן האָט זיך געטראַכט:

„זיצט אַ בחור אין אַ פּוסט שטעטל. טראַכט ער אָפּט פון אַ מיידל, וואָס הייסט מאַשע. איז מאַשע קראַנק... זיצט אַן עלטער מיידל, וואָס הייסט העניע, איז זי געזונט און דערמאָנט אים: „מאַשע איז דאָך קראַנק, און אויף וואָס וואַרטסטו?“ און ער — האָט אַלץ אין זינען צו פאָרן אין דער גרויסער שטאָט,

און דערוויל פּטרט ער זיינע טעג, דרייט זיך אַ קאָפּ מיט די קליינשטעטלדיקע מיידלעך, הערט זייערע פּלאַפּלערייען און פּלאָנטערט זיך אין פּוסט־און־פּאַסטקייט."

העניע האָט געוואָגט. זיך צוגערוקט גאָר נאָענט:

— משה... וואָס טראַכטן זי?

— איך טראַכט... מען וואָלט שוין געמעגט אָנצינדן דעם לאָמפּ... ס'איז פינצטער.

— דאָס אינגאַנצן?

העניע האָט זיך צעלאַכט מיט אַלע אברים.. האָט געלאַכט מיט הייסקייט, האָט דערביי אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף משהס אַקסל:

— זי האָבן מורא פאַר פינצטערניש?

די האַנט אירע, אַ ווייכע, אַ הייסע, האָט דערבלאָנדזשעט צום האַלדז. אירע פינגער האָבן געגלעט, און דאָס גלעטן האָט אַזוי געשמעקט. און געזען האָט ער: אירע אויגן זיינען ליכטיק. איז זיין פּנים אויך ליכטיק געוואָרן. אָן זיין וויסן, האָט זיין אָרעם זיך אַ וויקל געטאָן אַרום אירע טאַליע. איר גוף האָט צו זיינעם צוגעזאָטן. געלעכטער האָט זיך געשטיקט אין איר... נאָר: —

די שטייפקייט פון משהס אָרעם האָט נאָכגעלאָזט... העניע האָט דערשפּירט קאַלטע שרעק, און:

לייכט הוסטל האָט ווי וואַסער־בלאָז געפּלאַצט. העניע איז אויפגעשפּרונגען:

— ווער איז?

— ס'איז איך...

— דוד? — האָט משה געפרעגט.

— יאָ. וואָס זייט איר אַזוי צעטומלט?

— ווער זאָגט, אַז מיר זיינען צעטומלט? — האָט העניע זיך געוואונדערט.

—מיר האָבן נישט געהערט ווי זי זיינען אַריין. זיצט, דוד... כ'על אָנצינדן דעם לאָמפּ.

דוד האָט זיך געזעצט. העניע האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, און דוד האָט געהאַט פאַרהוילענעם שמייכל אין די אויגן. משה האָט כסדר געפילט דודס בליקן. און די בליקן האָבן צערודערט: וואָס קוקט ער אַזוי, דער גאַרבאַטש?

העניע איז געווען צעטראָגן. האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. האָט זיך געפילט אַזוי, ווי זי וואָלט זיך נאָר וואָס שטאַרק באַנאַרישט, האָט זי זיך געשעמט און ס'האָט איר הנאה געטאָן...

משה האָט זיך געגעסן: העניע קען נאָך מיינען, אַז שוין... זי האָט אים

שוין אין די הענט... און אַט דער דוד האָט שפּיציקע אויגן... און מאַשע וועט זיך ברוגזן... און — אין דער היים וואַרט די גראַמאַטיק...

העניע איז צו זיך געקומען:

— און וואָס הערט זיך, דוד? שוין אַזוי לאַנג דאָ נישט געווען... וואו זיינען זי פאַרפאַלן געווען?

— נישט געווען קיין צייט.

— וואָס אַזוי שטאַרק פאַרנומען?

— איך וועל ערשט זיין פאַרנומען... איך בין טאַקע געקומען זיך געזעגענען.

— דוד, פאַרט אַוועק?

דוד האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. איז געזעסן געשטערקט: נאָך עטלעכע טעג און ער פאָרט אַוועק קיין ראַדזין... חול־המועד איז ער דאָרט געווען, זיך באַשטעלט מיטן בעסטן זייגערמאַכער... ער גייט ווערן זייגערמאַכער...

העניע איז געווען איבעראַשט: אַט דאָס הייסט אַן ענערגישער מענטש... משה האָט געהאַט אומעטיקע אויגן. און דאַן: —

— און וואָס מאַכט מאַשע? — האָט העניע אומגעריכט געפרעגט.

— וואָס זאָל זי מאַכן?

— זי איז דאָך נישט געזונט. —

— איך ווייס עס נישט.

פון העניעס פּנים האָט געשפּאַרט זאָרג: דוד ווייסט עס גאָר נישט? אַ וואונדער. זי איז דאָך נעבעך זייער און זייער קראַנק... ווי נאָר ס׳הייבט זיך אָן דער יעשען...

דודס שמייכלדיקע אויגן האָבן מיט פאַרבאָרגענעם נצחון אַ שמייס געטאָן משהס פּנים. און וואָס האָט פּאַסירט מיט משהן? ער איז האַסטיק אויפגעשטאַנען:

— און איך דאַרף שוין גיין!

— גיין? שוין?

— וואַרט, וועל איך מיט דיר גיין, — האָט דוד געזאָגט.

— איך אייל זיך! —

אַזוי האָט משה אויסגערופן און איז גלייך אַרויס.

דוד האָט שטיל געשמייכלט. אין העניען האָט געוויינט „דאָס ליד פון דער געהאַנגענער פריילין". אין דרויסן האָבן אין פינצטערקייט געציטערט די פאַרגייענדיקע קלאַנגען פון קלויסטער־גלאָק, און דאָס ווינטל האָט געצויגן מיטן ריח פון האַרבסט, וואָס האָט אַריינגעשפּאַנט אין שטעטל. —

פאַרלאָשן ליכט

קאַפּיטל צוועלף

נ צ ח ו ן

איז פון פליאַנדער וואַלד געקומען צו לויפן אַן אומעטיקער ווינט, און האָט אָנגעזאָגט: שוין, דער האַרבסט איז שוין דאָ; רעגנס גייען אַהער, און נאָך זיי — שנייען און פרעסט. האָבן ווייבער געהילט די קעפּ אין דערעס און זיינען אַרויס פון די הייזער צו באַוואָרענען טירן און פענצטער פאַרן ווינטער. —

זיינען זיי געשטאַנען ביי די נידעריקע שטיבלעך, האָבן מיט גערונצלטע הענט געקנאָטן דאָס ליים, האָבן געהאַט פולע פּנימער מיט ווינט, און פולע אויגן מיט זאָרג. זיינען געשטאַנען אויף בענקלעך, געשטופּט פלאַקס אין די שפּאַרעס פון די ווענט און פון אויבן געשמירט ליים; האָבן אַרומגעקלעפּט די ראַמען פון די פענצטער, און דערביי געשלונגען קליינע זיפצלעך.

איז מען אין די שוואַרצע אָוונטן געזעסן ביי לעמפּלעך מיט רויטע קאָפּ־טשעפּעדיקע פייערלעך און מען האָט געלאַטעט וואַטאָוועע פּאַלטאָס פאַר מענער און קינדער, און דערביי געשוויגן, טראַכטנדיק פון זאַווערוכעס; האָבן אין די פרימאָרגנס פויערישע וועגענער געסקריפּעט מיט טרוקענע אָקסן, געבראַכט „גאַלענדזשעס" אין מאַרק אַריין. האָבן ווייבער זיך געדונגען, געקויפט, האָט מען די „גאַלענדזשעס" אָפּגעוואָרפן פאַר שטעלעכלעך, זיי צעהאַקט און אין די שטעלעכלעך אַריינגעטראָגן.

האָט מען זיך אַזוי געגרייט. ביז: —

די כמאַרעס אויפן הימל זיינען געוואָרן געדיכט, אויפגעשוואָלן און שטאַרק טונקל. אַ ווינט האָט זיך צעליאַרעמט, געריסן לאָדנס און שינדלען. דאַן האָט דער ווינט זיך איינגעשטילט און עס האָט געגומען שפּריצן אַ דין רעגנדל. דער הימל איז געוואָרן אַ רעשעטע און דאָס רעגנדל האָט געטריפט רעגלמעסיק, דריבנע, ווי עס וואָלט גאָרנישט געהאַט בדעה ווען עס איז אויפצוהערן.

אַ טאָג אַזוי, אַ נאַכט אַזוי, און נאָך אַ טאָג און נאָך אַ נאַכט, און שטעטל איז אַ העק געוואָרן: זײַנען שטיבלעך געשטאַנען מיט פאַרמאַכטע טירן, זײַנען געסלעך געלעגן בלאָטיק און שוואַרץ, איז געשטאַנען דער מאַרק ליידיק, און שוואַרצער הונט איז אַרומגעלאָפן פראַנק און פריי, שלעפּנדיק נאָך זיך בלאָטיקן עק.

פויערים זײַנען נישט געקומען אין מאַרק אַרײַן, זיי האָבן נישט פאַר־לאָזט די גומנעס; האָבן זיך שווייגנדיק געפּאָרקעט אין די „סטאָדאָלעס" איבער די טעג; האָבן געמליצעט די תבואות, און אין די אָוונטן — געזעסן מיט ווייבער און קינדער אין די „כאַטעס", געשלונגען הייסע קאַרטאָפל און זיך צוגעהערט צום טריפן פון רעגנדל.

דוד גאָרב איז שוין געווען אין ראַדזין. איז דאָרט געזעסן ביי אַ וואַר־שטאַט, האָט צענומען און צונויפגעשטעלט זייגערס, האָט געקוקט דורך אַ שפּאַקטיוו אויף רעדלעך, שפּינדלס, אַנקערס און שטיינדלעך. —

און משה מענדלס האָט פאַרלאָזט די מיידלעך, איז געזעסן אין שטוב: דער טאַטע האָט געקאָכט בראָנפן, און ער איז געווען פאַרנומען מיט דער רוסישער גראַמאַטיק:

איבערן ווינטער, וועט ער „דורכגיין" די גראַמאַטיק. נאָך פּסח וועט ער אַוועק פון דעם „פינצטערן" העק, וועט קומען אין דער גרויסער שטאָט און זיך דאָרט נעמען גרייטן צו האַלטן עקזאַמען.

* * *

פיינלעך שווער האָבן די טעג זיך געצויגן פאַר מאַשען. זי איז געווען געפאַנגען אין שטוב, און די בלאָטע אין דרויסן האָט מיט פויל אַרײַנגעאָטעמט אין שטוב. ס׳האָט געוויינט איר לייב און ס׳איז איר אויסגעקומען: אייביק וועט שוין אַזוי דער הימל זיין פאַרוואָלקנט, אייביק וועט שוין אַזוי טריפן דער רעגן, און זי — וועט זיצן מיט אירע קראַנקע לונגען און וואַרטן... וועט הוסטן מיט טרוקענע הוסטן, וועט פילן שוויס אויפן לייב, ביז — ס׳וועט קומען די שעה, און דאָס לעצטע ביסל חיות וועט אויסגיין. אָט אַזוי ווי עס גייט אויס אַ לאָמפּ, ווען דאָס לעצטע ביסל נאַפט איז פאַרצערט... און דאַן — דאַן וועט זי רואיק זיין... עס וועט שוין נישט אויסמאַכן צי עס רעגנט צי נישט...

דערווייל אָבער... דערווייל זיצט זי שוין אַ סך טעג אין שטוב, און קיינער קומט נישט צו איר. משה ווייזט זיך נישט... בנ געוויס: צו וואָס זאָל ער קומען צו איר, אַז ער קען פאַרברענגען מיט העניען. העניע איז דאָך אַ געזונטע, אַ פריילעכע... העניע שרעקט זיך נישט פאַר רעגנדיקע טעג... זי וועט

זיך נישט צעהוסטן אין מיטן דעריינען... און אַז העניע וועט יאָ אַמאָל אַ הוסט טאָן, וועט אין טיכל רויט נישט ווערן... וואָלט כאָטש דוד גאָרב אַריינ־געקומען, איז ער אָבער אַוועק קיין ראַדזין.

מאַשע האָט געדענקט ווי דוד איז געקומען זיך געזעגענען. ער האָט אויס־געזען אַזוי מאָדנע: איז געווען אויסגעפּוצט, האָט געהאַט אַ נײַ קליין, טוכן היטל אויפן קאָפּ. ס׳האָט פון אים געשמעקט מיט אויפגערעגטקייט און שמעקעדיק וואַסער. זײַן פּנים איז געווען בלייך, און די אויגן האָבן אויף איר נישט געקוקט:

— איך בין געקומען זיך געזעגענען.

— וואוהין פאָרן זי?

— קיין ראַדזין.

— אויף לאַנג?

זײַן שטים האָט אונטערגעציטערט: ער וועט דאָרט פאַרבלײַבן אַזוי לאַנג ביז ער וועט זיך האָבן אויסגעלערנט זייגערמאַכערײַ. דאַן וועט ער קומען צוריק, און וועט זיך עפענען אַ זייגער־געשעפט. ער וועט אָפּדינגען אַ גרויסע שטוב אין מיטן מאַרק, ער האָט שוין אָפּילו אין זינען וועלכע שטוב... וועט ער די ווענט באַהענגען מיט נײַע זייגערס... באַקאַנטע פויערים פעלן נישט... ער וועט פאַרקויפן נײַע זייגערס, וועט פאַרריכטן אַלטע, און ער וועט ווערן אַ מענטש פאַר זיך... וועט זיך אײַנאָרדענען.

— און טאָקע חתונה האָבן אויך, — האָט מאַשע געזאָגט.

— און אפשר טאָקע, — האָט ער געענטפערט. רויטקייט האָט פאַר־פלאַמט זײַנע באַקן. ער האָט דאַן אויפגעהויבן די אויגן אויף מאַשען. אין די אויגן איז געווען געבעט, ווייכקייט. אָבער: מער האָט ער גאָרנישט געזאָגט.

און איצט האָט מאַשע צונויפגעצויגן די ברעמען: וואָס זשע אַזוינס האָט ער געוואָלט זאָגן, און נישט געזאָגט? האַ?... זאָל עס זײַן...

פון דעם אײַנפאַל איז מאַשע געוואָרן אַ ביסל איבערראַשט. האָט דער־פילט בושה... אָבער קיין פאַרדראָס איז אין איר נישט געווען... נו, איז וואָס, אַז ער האָט אַ הויכע פּלייצע? איז ער נישט אַזוי גוט ווי אַנדערע? און אַז משה האָט אַ גלײַכע פּלייצע, איז וואָס? קען ער זיך נישט קושן מיט העניען?

* * *

עס איז געווען פאַרנאַכט. איז מאַשע ווידער געזעסן און געטראַכט פון דעם, וואָס זי איז אַליין. אײַנע אַליין, און משה איז דאָרט בײַ העניען. וואָרים: וואו דען קען ער זײַן? בײַ העניען איז איצט פריילעך. מען זינגט לידער, מען לאַכט, מען שטיפט. און אוי — עס ווילט זיך נישט זײַן אַליין! ס׳איז אַזוי שווער צו זײַן אײַנע אַליין אויף דער וועלט! און: פאַר וואָס טאָקע זיצט זי

כּסדר אַליין אין שטוב? פֿאַר וואָס זאָל זי נישט אַ ביסל אַרויסגיין?

זי האָט אַרויסגעקוקט דורכן אָונטיקן פֿענצטער און געזען: דער הימל איז נאָך אַלץ פֿאַרוואָלקנט, אָבער דער רעגן האָט שוין לאַנג אויפֿגעהערט. אין דרויסן האָט איצט געבלאָזן אַ ווינט און ביים האָריזאָנט איז געלעגן אַ בלויער פּאַס. מאַשע האָט געוואוסט: די וואָלקנס וועלן איבערנאַכט זיך אָפּוויקלען פֿון הימל און אַ פֿרעסטל וועט ווערן. אין שטוב האָט זיך שוין טאַקע געפֿילט קילקייט... און די מוטער איז נאָך פֿון די „גומנעס" נישט געווען געקומען. וואָס זשע וועט זי דאָ זיצן אַליין?

ריִרעוודיקייט האָט אין איר אויפֿגעטויכט. זי איז אויפֿגעשפּרונגען מיט גרינגע טריט. אויפֿגעהייטערטקייט האָט אויף איר אַ פֿלייץ געטאָן, און זי האָט זיך גענומען אַרומוואַשן. די קאַלטע וואַסער האָט געשמעקט מיט אַזאַ פֿרישקייט, אַז זי האָט געאָטעמט טיף און לייכט. דאַן האָט זי זיך אַרומגעווישט פּנים און האַלדז, דערנאָך האָט זי זיך געקעמט די טונקל־בלאָנדע האָר, האָט דערביי געקוקט אין שפּיגל און געזען: איר פּנים איז רונד און קלאָר, די קלאָרקייט שמעקט מיט זויבערקייט און אויף די באַקן בליִען רויזן. האָבן אירע ליפּן זיך צענומען אין שמייכל. האָבן אירע רעגלמעסיקע ציין געבלאַנקט מיט ווייסקייט, האָט זי דערשפּירט נצחון, און: וואָלט דען נישט גלייך געווען אַריינצוקומען איצט צו העניען, טרעפֿן דאָרט משהן, און... געוויס וועט ער צו איר צוקומען... געוויס! —

ווען זי האָט אָנגעטאָן דאָס זשאַקעטל, האָט זי שוין געוואוסט, אַז זי גייט צו העניען. און זי האָט געשמייכלט, קלאָר געזען: משה ווערט בלאַס. זיינע אויגן זיינען אָנגעגאָסן מיט באַוואונדערונג. נאָר זי — זי רעדט, לאַכט, און באַמערקט אים נישט. דערנאָך:

— אָ, משה! זי זיינען נאָך אַלץ דאָ? און איך האָב געמיינט, אַז זי זיינען שוין אין דער גרויסער שטאָט, דאָרט, וואו עס שיינט אַ פּרעכטיקע זון, וואו דאָס לעבן איז אינטערעסאַנט און אַ סך ווערן דאָקטוירים...

אין דרויסן האָט זיך טאַקע שוין געפֿילט די פֿרישקייט פֿון טרוקן פֿרעסטל, וואָס קומט אָן, און מאַשע האָט געהערט די פֿריילעכקייט פֿון אירע גרינגע טריט.

אַריינגעקומען צו העניען, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט ביי דער טיר, האָט אַ ווײַלע געקוקט מיט צעטומלטע אויגן, האָט נישט פֿאַרשטאַנען:

אין שטיבל איז געווען טונקל. העניעס מוטער איז געזעסן געבויגן און האָט געשיילט קאַרטאָפֿל. זי האָט דערביי געוויגט דעם קאָפּ. העניע איז געזעסן און געשטריקט אַ „סטאַווקע".

וואָס זשע הייסט עס? איז ער גאָר נישטאָ דאָ?

העניע איז אויפֿגעשטאַנען, האָט געהאַט פֿולע אויגן איבעראַשונג:

— מאַשע! ס׳איז דאָך מאַשע! —
מאַשע האָט געשמייכלט:
— ווער דען זאָל איך זיין?
— זע נאַר... מאַשע — האָט העניע געשטאַמלט. — זעץ זיך, מאַשע... וואָס זשע מאַכסטו?
— וואָס זאָל מען מאַכן?
— כ׳האָב דיר שוין אַזוי לאַנג נישט געזען...
מאַשע האָט זיך געזעצט. זי האָט אַלץ געשמייכלט. און העניע איז אַלץ געווען צעטומלט.
— און וואָס הערט זיך ביי דיר, העניע? דו שטריקסט גאָר „סטאַווקעס״?
— ווייס איך?... ס׳איז דאָ צייט, שטריקט מען.
— און איך האָב געמיינט: ביי דיר איז פריילעך.
איז שוין העניע געוואָרן פאַרביסן:
— ס׳איז ווי אַמאָל... נישט שטענדיק קען מען דאָך טאַנצן.
האָט שוין מאַשע סתם געזאָגט:
— ס׳איז אַזוי אומעטיק אין דעם העק, אין דעם בלאָטיקן שטעטל. נישטאָ אַפילו וואו צו פאַרברענגען.
אין העניען האָט עס אַ ציטער געטאָן: משהס ווערטער... הייסט עס: זי זיצט און וואַרט אויף אים, און ער איז גאָר מיט מאַשען... ביטערקייט האָט צוגעפלייצט צום האַרצן.
מאַשע האָט געלאַכט:
— און איך האָב געמיינט: ביי דיר פאַרברענגט מען. מען זינגט, מען לאַכט, מען שטיפט. וואו זיינען זיי אַלע?
— זיי זיינען אויסגעטריקנט געוואָרן.
— אַזוי גאָר? איז דאָך ביי דיר טאַקע ווינטערדיק?!
— צייטן בייטן זיך.
— וואָס מיינסטו, העניע?
— כ׳מיין: אַמאָל איז ערגעץ אַנדערש ווינטערדיק... און אַמאָל — ביי מיר אויך.
— ביי מיר, — קיינמאָל נישט!
— ביי דיר איז שטענדיק פריילעך?
— כמעט.
העניע האָט געהאַט נאַכט אין די אויגן. האָט געהערט: איר האַרץ וויינט.
מאַשע האָט געשמייכלט און געהערט: עס זינגט אין איר...

שפּעטער איז אָנגעקומען יחיאלקע, העניעס ברודער. יחיאלקע איז געווען אַ נידעריק־געוויקסיקער, אַ געפּאַקטער, האָט געהאַט שוואַרץ־געשליפּענע אויגן, האָט געשפּאַנט מיט דריבנע, לאַנגזאַמע טריט, האָט אויסגעזען, אַז ער טראַכט שטענדיק פון עפּעס, וואָס נאָר ער אַליין ווייסט... ער האָט זיך דער־פריט מיט מאַשען. און מאַשע האָט געקוקט אויף אים מיט טשיקאַווערקייט: אַזאַ קליינער, אַזאַ נידעריקער, און האָט שוין אין זיך מער פון צוואַנציק יאָר... אַ לילעפּוטל מיט שוואַרצע וואָנסעלעך...

יחיאלקע האָט דערציילט און אַזוי, ווי ער וואָלט זיך עס נאָר וואָס דער־וואוסט:

— און דוד גאָרב האָט זיינס אויסגעפּירט! ער איז שוין אין ראַדזין און לערנט זיך שוין זייגערמאַכעריי... און איר וועט אַלע זען: עס וועט אים גע־ראָטן און ער וועט ווערן אַ מענטש... ער וועט אינגיכן ווערן אַ שיינער בעל־הבית אין שטאָט. ער איז זייער ענערגיש... ווען נישט דער גאָרב זיינער... דער גאָרב הרגעט אים אָוועק.... אַ רחמנות.

— וואָס איז דער רחמנות? — האָט מאַשע געפּאָרשט.

— כ׳מיין: ער איז דאָך פּאָרט אַ קאַליקע.

— אַ גאָרב הייסט נישט קיין קאַליקע...

העניע האָט זיך געשטאַרקט, האָט אַ פרעג געטאָן:

— האָסט היינט געזען משהן?

— איי, לאָז מיך צורו! משה און משה... אַז יענער איז כסדר פּאַרנומען מיט דער גראַמאַטיק, שוין איבער צוויי וואָכן אַז ער ווייזט זיך נישט אויף דער ליכטיקער שיין.

— אַזוי? זיצט כסדר ביי דער גראַמאַטיק? — האָט זיך מאַשע גע־וואונדערט, און אין איר טאָן איז געווען: „שוין גאָר נישט כסדר"... און זי האָט ווידער געשמייכלט: אָט פּאַר וואָס ער איז נישט געקומען... נאָר העניע האָט פון דעם שמייכל זיך דערפילט אַזוי געפאַלן, אַז זי האָט געשפּירט טרערן אין האַלדז...

* * *

יחיאלקע האָט מאַשען אונטערגעפּירט אַהיים, האָט געשפּאַנט ביי איר זייט און דערציילט, אַז משה האָט זיך איצט פּאַרנומען אויסצולערנען די גראַמאַטיק. אויף זומער קלייבט ער זיך אָוועקצופּאָרן אין דער גרויסער וועלט אַריין. אָבער מאַשע האָט געשמייכלט: זי האָט געוואוסט, אַז ער וועט נישט פּאָרן... און — אין גיכן וועט ער צו איר קומען...

וואָרים: איצט זיינען שוין די כמאַרעס געווען צעריסן. בלויע שטיקער זיינען געשוואומען צווישן וואָלקן, און עס האָט געשמעקט מיט פראָסט. און מאַשע האָט געוואוסט: מאָרגן וועט זיין טרוקן און פראָסטיק, עס וועט נאָך אפשר פאַלן אַ לייכטער שניי, און די לופט וועט זיין ווייך און שמעקעדיק. וועט משה לאָזן די גראַמאַטיק אינדערהיים, און ער וועט קומען צו איר. —

יענעם אָוונט איז מאַשע געווען פריילעך, שטיפעריש. זי האָט פאַרגעסן דעם הוסט, פאַרגעסן דעם שווערן אומעט פון רעגנדיקע טעג. אין איר האָט געלאַכט און געזונגען נצחון: משה איז ביי העניען נישט געווען! משה קומט נישט מער צו העניען! —

זי איז געווען רירעוודיק, איז מיט פלינקע טריט געלאָפן איבער דער שטוב. דאָס קליידל איז געלאָפן אַרום אירע שטייפע פיס. האָט די מוטער געקוקט אויף איר און נחתדיק געשמייכלט.

— מאַמעלע! — האָט מאַשע אַרומגעכאַפּט די מוטער, זיך מיט איר אַ דריי געטאָן. — מאַמע האַרציקע! עס נעמט אַ פרעסטל אין דרויסן! עס ווערט טרוקן!...

קאַפּיטל דרייצן

דער ערשטער שניי

איז אָנגעלאָפן שטרענגער ווינט פון צפון, און האָט מיט פאַרביסנקייט גענומען טרייבן די טשערעדע וואָלקנס איבער הימל. האָט זיי דורכגעטריבן דורך טויער ביים האָריזאָנט, און ביי האַלבע נאַכט איז איבער שטעטל געהאַנגען טונקל־בלויער הימל, וואָס האָט אויסגעזען ווי געשליפן בלוי גלאָז. קליינע שטערן האָבן געפינטלט מיט געזשמורעטע אייגלעך, האַרט הייטל האָט זיך געלייגט איבער בלאָטע אין געסלעך, און אין פינצטערע שטיבער האָט קעלט זיך אַרומגעדרייט. אָבער אינדערפרי איז דער הימל צוריק פאַרכמאַרעט געווען, נאָר — די כמאַרעס זיינען געווען אַנדערע: טרוקענע, שטייפע, רירעוודיקע. זיי האָבן זיך געטראָגן מיט רעגלמעסיקן אימפּעט: — גרויע נאָך שוואַרצע, טונקעלע נאָך העלערע. אַזוי ביז נאָך האַלבן טאָג. דאַן — דער ווינט איז אָפּגעלאָפן, זיך ערגעץ פאַרשטעקט, און ווייסע שניי־בלימלעך האָבן זיך גענומען צאַפּלען אין ליידיקייט. די כמאַרעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט און דער שניי איז געפאַלן אַ געדיכטער, אַ שמייכלדיקער; האָט זיך געגליטשט איבער שויבן, געזעצט אויף ראַמען פון פענצטער, געווייסט דעכער און געסלעך. ווייכער ווינט איז אָנגעלאָפן אַ צעשטיפטער, האָט געיאָגט דעם שניי אַהין, געיאָגט אים צוריק, און ס׳האָט פאַרשמעקט מיט פרישקייט, מיט פריילעכקייט. ס׳האָבן געהילכט יינגלשע שטימען, ס׳האָבן געדרויטלט מיידלשע פּנימער און ס׳האָבן געציטערט ערגעץ גלעקלעך.

ס׳איז געפאַלן דער ערשטער שניי!

ס׳האָט געליכטיקט אין שטעטל.

האָט משה מענדלס אַרויסגענומען די אויגן פון דער גראַמאַטיק, האָט געקוקט אין פענצטער און געהערט:

— די בלאָטעס זיינען פאַרפרוירן... די נאַסע דעמפּקייט האָט אויסגע־וועפּט... ס׳איז ווייס אין דרויסן. ס׳איז פריש אין דרויסן... די נאַכט וועט זיין אַ ווייסע, אַ געשמאַקע... אין וואַרימער שטוב זיצט מאַשע און וואַרט!

און משה האָט דאָס ביכל פאַרמאַכט.

פון אַלקער, וואו ס'האָט זיך געקאָכט דער בראָנפן, איז אַרויסגעקומען מענדל, האָט מיט דינע פינגער געוויקלט אַ פּאַפּיראָס טיטון. ס'האָט פון אים געזעצט ריח פון געזייערטן סירופּ און ער האָט געקוקט מיט אויגן, וואָס האָבן אויסגעזען שטאַרק אויסגעשלאָפן:

— וואוהין גייסטו, משה?

— כ'על צוגיין אַ ביסל אין בית־המדרש אַריין.

מענדל האָט מיטן צונג פאַרקלעפּט דעם פּאַפּיראָס:

— ווערסט אפשר זען אַרקע בעל־עגלה...

— יאָ?

— שוין דאָ אַ שיין ביסל סחורה... ווערסטו איבערמאָרגן צופאָרן קיין ראַדזין...

— איבערמאָרגן?

— כ'רעכן אַזוי.

אין בית־המדרש האָבן בחורים זיך אַרומגעקליבן אַרום משהן מיט וואונדער און איבעראַשונג, ווי ער וואָלט געווען צוריקגעקומען פון מרחקים; ווי מען וואָלט שוין געהאַט אויפגעגעבן די האָפענונג אים ווען עס איז צו זען. האָט מען געוואָלט וויסן, וואָס ער מאַכט, ווי אים גייט. וואו איז ער עס פאַרפאַלן געוואָרן? וואָס הייסט, אַ מענטש ווייזט זיך נישט! און משה האָט געשמייכלט מיט קלוגשאַפט, ווי עס שמייכלט אַ מענטש, וואָס איז געווען אָוועק אין דער גרויסער וועלט, און האָט זיך צוריקגעקערט מיט אַ סך חכמה: וואָס הייסט, וואו ער איז געווען? ער איז געזעסן און געלערנט. מען מוז דאָך אין זינען האָבן תכלית... נאָר איצט — ס'פעלט אים אויס אַ בוך... וועט ער מוזן ספּעציעל פאָרן קיין ראַדזין... דאַרף ער זען אַרקע בעל־עגלה... און דערווייל איז אויסגעפאַלן אַ שניי... ס'עט זיין אַ ווייסע נאַכט.

געשטאַנען איז מען אין דער ווייבערישער שול. איז דאָרט געווען פינצטער, און דער שניי האָט אַריינגעבלאַנקט דורך די פענצטער, און דעם קליינעם יחיאלקען איז איינגעפאַלן:

— איז שוין יאָ אויסגעפאַלן אַ שניי, איז דאָך שוין ווינטער.

— איז וואָס?

— דאַרף מען מאַכן אַן „אָקע"...

— אין אַזאַ אָוונט איז טאַקע גוט צו שפּילן קאָרטן.

— נישט קיין שלעכטער איינפאַל.

משה האָט געשמייכלט: ער האָט גאָר אַנדערש נישט געטראַכט: אַז עס פאַלט אויס דער ערשטער שניי, מאַכט מען די ערשטע אָקע. די פראַגע איז נאָר: וואו?

— ביי מאַשע נחומס, — האָט יחיאלקע פאַרגעלייגט.

איז אַזוי געבליבן. אָבער מען מוז אַ ביסל צוּוואַרטן. מען וועט זיך זעצן צו די גמראס אויף אַ שעה ווייניקסטנס... נאָך מעריב וועלן די טאַטעס זיך צעגיין...

משה איז דאָן געבליבן אַליין מיט יחיאלקען.

— און וואָס הערט זיך ביי אייך, יחיאלקע?

— וואָס זאָל זיך הערן?

— שוין לאַנג ביי אייך נישט געווען. העניע איז ברוגז?

— פאַר וואָס זאָל זי זיין ברוגז? — האָט יחיאלקע נישט פאַרשטאַנען... — זי איז נישט ברוגז. נאָר געפּרעגט אויף דיר האָט זי זיך.

—און וואָס האָסטו געזאָגט?

— דו לערנסט און פּטור.

משה האָט אַ ווײַלע געשוויגן. האָט געטראַכט. דאַן:

— און ווער קומט צו אייך?

— ווער זאָל קומען? —

— און מאַשען האָסטו געזען?

— נעכטן. זי איז געווען ביי אונדז.

— ביי אייך?

משה האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער. הייסט עס: זי איז נישט קראַנק... אַ? ווי זעט זי אויס? עס וועט נישט נעמען לאַנג און ער וועט זען ווי זי זעט אויס...

— צייט צו גייך.

יחיאלקע האָט אַריינגערוקט צוויי פינגער אין וועסטל-קעשענע, האָט מיט זיי געציילט דאָס געלט, וואָס ער האָט. שטענדיק האָט יחיאלקע געהאַלטן זיין געלט אין וועסטל-קעשענע. —

— וועסט אויסקומען מיטן ציילן דאָס געלט, — איז משהס קול געווען אומגעדולדיק.

— וואָס איילסטו זיך אַזוי?

— ווער זאָגט עס, אַז איך אייל זיך? נאָר אַז מען וויל שפּילן . . .

— וואַרט צו: כ׳על זאָגן, אַז מיר גייען שוין.

— טאָ גיי און זאָג...

* * *

מאַשע איז געזעסן איבער אַ בוך, ווען משה מיט יחיאלקען זיינען אַריין. זי איז געווען אין אַ העל-גרין קליידל און אַ ווייסער בלוזקע. זי האָט אויסגעזען

אַזוי, ווי זי וואַרט אויף עמעצן. משה האָט געשמייכלט: די זעלבע מאַשע... זי איז נישט קראַנק...

— גוט נאָוונט, מאַשע. —

איר נאָמען האָט ער אַרויסגעבראַכט אַזוי, ווי ער וואָלט געווען איבער־ראַשט דערזעענדיק זי אומגעריכט.

— אָ, משה, — האָט זי געזאָגט אָן איבערראַשונג. און גלייך צוגעגעבן:

— אַ שניי, זעט אויס, איז אַ גרויסע זאַך.

— ס׳הייסט? — האָט משה נישט פאַרשטאַנען. — זי מיינען: אַ ווייסע זאַך.

— כ׳מיין: דער שניי האָט זי אַרויסגעבראַכט אויף דער ליכטיקער וועלט... זיצט.

זיי האָבן זיך געזעצט.

— ס׳איז דאָך שוין ווינטער, — האָט יחיאלקע געזאָגט.

— איז וואָס?

— שפּילט מען אין קאָרטן, — האָט משה געשמייכלט.

— כ׳פאַרשטיי, — האָט אויך מאַשע געשמייכלט, נאָר פאַרביסנקייט איז געווען אין שמייכל: די קאָרטן האָבן אים אָהער געבראַכט... די פאַרביסנקייט האָט גלייך גענומען אויסוועפן: ער האָט דאָך ביי העניען אויך געקענט שפּילן...

איר פּנים איז געוואָרן ווייכער, היימישער. איר שטים איז געוואָרן פריינט־לעך: וואו איז ער געווען ביז איצט? וואָס האָט ער געטאָן? און ער האָט דערציילט. מאַשע האָט געשמייכלט: האָט ער דען פאַראַיאָרן נישט אַזוי גערעדט?

איינער נאָכן אַנדערן זיינען אָנגעקומען: העניעך האָן, מנחם קאָזע, בעריש דעם שוחטס. יחיאלקע איז געווען אומגעדולדיק. האָט זיך געפּאַרקעט ביי די וועסטל־קעשענעס, האָט איבערגעלייגט פון איין קעשענקע אין דער צווייטער. משה האָט געשמייכלט. האָט געוואוסט: דאָס טיילט ער פאַנאַנדער: די „מתים״ — זילבערגעלט, באַזונדער און דאָס קופּער באַזונדער.

מאַשע האָט אַרויסגערוקט דעם טיש אין מיטן שטוב, האָט פאַרשפּרייט אַ טישטוך, האָט אָנגעצונדן דעם גרעסערן לאָמפּ, האָט אוועקגעשטעלט צוויי טעלערלעך: איינס אויף „סטאַווקע״, דאָס צווייטע אויף „אויסצונעמעז פאַר נאַפט״. —

זי האָט עס געטאָן מיט ריטמישע לאַנגזאַמע באַוועגונגען, אירע גלידער האָבן געזונגען מיט גראַציעזקייט, און ביי די בחורים זיינען די הערצער געווען פאַרחלשט. זייערע פּנימער האָבן געגליוועט און נאָר די אויגן האָבן זיך באַוועגט...

— נו, וואָס שטייט מען? — האָט מאַשע געפרעגט.

מען האָט זיך געזעצט אַרום טיש. יעדער האָט פאַר זיך אַוועקגעלייגט אַ בערגעלע געלט. יחיאלקעס קליינע הענטלעך האָבן פלינק פאַשירט די קאָרטן, זיינע אויגן האָבן זיך גלאַנציק געשרויפט:

— שטעלט איין.

קאָפּיקעס זיינען געפאַלן אין טעלערל.

אָנפאַנג איז מאַשע אויך געזעסן ביים טיש. האָט געפּרוּווט אָנהאַלטן אַ געשפּרעך מיט משהן. די שפּיל האָט זיך צעברענט, משה איז געוואָרן פאַר־קאָכט אין די קאָרטן און מאַשע האָט שוין געשוויגן: אַז די קאָרטן ליגן אים אין זינען... זי האָט שטיל זיך אָפּגערוקט פון טיש.

משה האָט עס ענדלעך באַמערקט:

— מאַשע! קומען זי אַהער!

— וואָס זשע וועט זיין?

זי איז צוגעגאַנגען, און משה האָט באַרימעריש אויסגערופן:

— זי זעען ווי עס וואַקסט מיין קאַסע? —

האָט אָנגענומען איר האַנט:

—מאַכן זי מיט מיר שותּפות!

האָט דערשפּירט יחיאלקעס שטעכיקע אויגן. האָט אָפּגעלאָזט מאַשעס האַנט.

מאַשע איז צוגעשטאַנען פאַר אַ שותּף צו משהן. די שטימען זיינען געוואָרן טומלדיק. די אויסרופן און אויפלאַכן — הילכיק. נאָר איין יחיאלקע האָט געשוויגן, האָט מיט די אויגן געגעסן די מטבעות, און ווען ער האָט לעבן זיך דערזען אַ „מת׳ל“, האָבן זיינע פינגער זיך צו דעם פאַרגנבעט, און דאָס „מת׳ל“ איז פון טיש פאַרשוואונדן...

דער ערשטער, וואָס האָט זיך געכאַפּט, אַז ס׳איז שוין צייט אויפצוהערן, איז געווען יחיאלקע:

— שוין שפּעט... ס׳עט זיין גענוג.

בעריש דעם שוחטס, וואָס איז געווען פון די פאַרשפּילער, האָט געפרעגט:

— וואו איז שפּעט? ס׳איז דאָך ערשט עלף?

נאָר יחיאלקע האָט נישט נאָכגעגעבן:

— מער שפּיל איך נישט.

— האָט מורא ער זאָל דאָס געווינס נישט אָנווערן, — האָט משה געלאַכט.

— וואו? וואו האָב איך געוואונען? — האָט יחיאלקע געוויזן די עטלעכע קופּערנע מטבעות.

— און אין די קעשענקעלעך? —

מאַשעס מוטער, וואָס איז ביז אַהער געזעסן אין קיך דערביי, און האָט געשטריקט אַ זאָק, האָט אַרויסגעלאָזט אַ געגעץ, איז אַריין אין שטוב, און מען האָט די קאָרטן אַוועקגעלייגט. מען האָט זיך געזעגנט און מען איז זיך צעגאַנגען. —

משה איז אָבער צוריקגעקומען. מאַשע האָט אים באַגעגנט מיט וואונדער: וואָס איז ער עפּעס צוריקגעקומען?

— זי האָבן עפּעס פאַרגעסן? — האָט זי געפרעגט.

— איך פאַר קיין ראַדזין...

— דעריבער? — האָט מאַשע געפרעגט.

— כ'על דאָרט זען דעם גאָרב, — האָט ער שוין ווייטער געשטאַמלט.

— דודן מיינען זי. —

מאַשע האָט באַקומען שאַרפקייט אין די אויגן, און מיט פאַרביסנקייט האָט זי געזאָגט:

— דוד איז זייער אַן ענערגישער. אַז ער נעמט זיך עפּעס פאַר, פירט ער עס דורך.

— נו, יאָ... איז וואָס זשע זאָל איך אים זאָגן, דעם ענערגישן?

— זי וועלן אים אָפּגעבן אַ גרוס פון מיר... און... פרעגן זי אים, פאַר וואָס ער שרייבט נישט. —

— גוט. —

— פאַרגעסן זי טאַקע נישט... כ'בעט אין. —

— אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט. —

און מאַשע האָט דווקא אויסגעשטרעקט צו אים די האַנט.

— —

משה האָט האַסטיק געשפּאַנט פון רבקה נחומס שטוב. ער איז געווען צעטומלט. האָט געפילט, אַז ער האָט זיך שטאַרק באַנאַרישט: וואָס איז אים פּלוצלונג איינגעפאַלן צו דערמאָנען דעם גאָרב? וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ משוגעת? —

דאַן האָט ער גענומען שפּאַנען געלאַסן. געלאַסענער: האָט זי עס טאַקע געמיינט? דערוואַרט זי טאַקע, אַז דער גאָרב זאָל צו איר שרייבן?

„פאַרגעסן זי טאַקע נישט... כ'בעט אין...“

און אפשר מיינט זי עס... ער איז דאָך אַן ענערגישער...

ווייטיק איז געווען אין משהס האַרץ.

און דאָס שטעטל איז געווען ווייס פון ערשטן שניי, וואָס איז נאָך אַלץ געפאַלן.

ב. עפעלבוים

קאַפּיטל פּערצן

אויסגעהלומט

די שווער־באַלאָדענע קעמלען, האָבן די וואָלקנס זיך אין קאַראַוואַנען געצויגן איבער הימל; זיינען געקומען פון אַ וועג אָן אַן אָנהייב, און זיך געטראָגן אין אַ וועג אָן אַ סוף. געדיכט, צונויפגעשפּאַרט, האָבן זיי זיך גע־שלעפּט מיט שווערע פּעק זאָרג. דער ווינט האָט מיט בייטשן איבער די האַרבעס געשמיסן, האָט לאָדנס פון הייזער געריסן, שטיקער קויטיק פּאַפּיר איבער גאַסן געטראָגן, און שויבן האָבן געציטערט. פרעמדקייט האָט דורך פענצטער אַריינגעקוקט, דורך שפּאַלטן זיך אַריינגעגנבעט, זיך געשלייכט אַרום דודן, וואָס איז געזעסן ביי אַ וואַרשטאַט אַ צוגעוואַקסענער; האָט זיך געזעצט אויף זיינע אויפגעהויבענע אַקסלען, האָט אים געשעפּטשעט אין די אויערן אַריין: „ביזט אין דער פרעמד! פרעמדע שטאָט, פרעמדע מענטשן, פרעמדע גאַסן, קוקן אויף דיר מיט שפּאַטישן שמייכל.״

נאָר דוד איז זיך געזעסן רויִק. איין באַק איז אים געווען אַרויפגעשפּאַרט, האָט אונטערגעהאַלטן דאָס שוואַרצע שפּאַקטיוול אויף זיין אויג, און ער האָט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט דורכגעקוקט געווערקלעך פון זייגערלעך: האָט פאַרזיכטיק באַטראַכט יעדעס רעדעלע, באַקוקט יעדעס ציינדל; האָט מיט בערשטעלע אַרומגעפּוצט, אַרומגעגלעט, די שפּינדלען, די קליבעס, די שטיינער, און אין אים איז געווען שטיל פאַרגעניגן פון דער אַרבעט. דער פאַרגעניגן האָט אין אים געברענט מיט האָפענונג: נישט סתם זייגערלעך האָט ער פאַר־ריכט, נאָר — זיין לעבן האָט ער געבויט.

די פרעמדקייט האָט געפּאַדעט אַרום אים, אָבער אין אים האָט זי נישט געקענט אַריין. אין האַרצן האָט עס רויִק געשמייכלט:

— נאָך אַ חודש, און ער וועט זיין אַ זייגערמאַכער. און אַ גוטער זייגער־מאַכער... אַזוי פאַרזיכערט אים דער „מייסטער״... וועט ער דאָן אויפבינדן

זיין „קניפּל“... וועט איינקויפן סחורה: לאַנגע, געפּולטורטע וואַנטזייגערס, מיט מעשענע וואָגעס און אומרוען; קיילעכדיקע, זילבערגלאַנציקע וועק־זייגערס, וואָס קלינגען אַזוי ראַשיק, אַז זיי קענען טויבע פון שלאָף אויפוועקן. שוואַרצגלאַנציקע און בלויגלאַנציקע קעשענע־זייגערלעך. און דאַן: —

ער וועט צוריק קומען אין שטעטל, וועט אָפדינגען די שטוב ביי ישראל־טשען... די שטוב שטייט אין מיטן מאַרק. וועט ער אויסהענגען די זייגערס. וועט אַוועקשטעלן דעם וואַרשטאַט ביים פענצטער, וואָס קוקט אין מאַרק אַריין. וועט אַרויסהענגען די שילדן, וואָס וועלן מיט גרויסע אותיות אָנזאָגן דאָס שטעטל:

„טשאַסאָוואָי מאַסטער“!

און אַלע וועלן וויסן: דוד האָט זיינס דערגרייכט: האָט זיך דערשלאָגן צו אַ תכלית. און: —

דאָס איבעריקע איז שוין אַזוי קלאָר, אַז ס׳איז נישטאָ פון וואָס צו טראַכטן. און עס שיינט־אויף מאַשעס ליכטיק פנים. און דער שמייכל גיסט זיך אין האַרץ ווי וויים געטראַנק. און: —

— וואָס זשע? זי פאַרן טאַקע?

אַזוי האָט געפרעגט מאַשע. און אירע אויגן—האָט ער געשפּירט שמייכלען אויף זיין פּנים.

— וואָס זשע האָבן זי געמיינט? איך רעד גלאַט אין דער וועלט אַריין? אַז איך נעם זיך עפּעס פאַר...

— זי וועלן זיך מסתם גיך אויסלערנען די מלאכה. זי זיינען דאָך אַזוי ענערגיש.

— געוויס... אַ דריי מאָנאַטן וועט עס נעמען.

— און דערנאָך?

— דערנאָך עפן איך אַ געשעפט און ווער אַ מענטש פאַר זיך.

— זייער פיין, דוד.

דערביי האָט איר שמייכל אַזוי אויפגעלויכטן, אַז ער האָט געמיינט: ס׳איז פרילינג געקומען אויף דער וועלט. האָט ער דאַן אויפגעהויבן די אויגן, געזען איר שמייכל, געהערט דאָס האַסטיקע קלאַפּן פון זיין האַרץ, זיין שטים האָט לייכט אונטערגעציטערט: ער וועט שוין קומען צו אַ תכלית... אין שטעטל איז דאָך קיין זייגערמאַכער נישטאָ... און קיין אַרבעט וועט נישט פעלן.

מאַשע האָט אים אויסגעהערט. און אים איז אויסגעקומען: זי קוקט אויף אים אינגאַנצן אַנדערש. ער וואָלט געקענט שווערן: אין איר בליק איז געווען געטריישאַפט... און ס׳איז געווען וואונדער אין איר ליכטיק פּנים. זי האָט געזאָגט:

— זייער גליַיך, דוד. אַ מענטש דאַרף אין זיַינען האָבן תכלית.

ווען ער האָט זיך מיט איר געזעגנט, האָט ער לענגער געהאַלטן איר וואַרעמע האַנט אין זיַינער און זי האָט געזאָגט:

— איך ווינטש אײַך גליק.

— אַ דאַנק, מאַשע... זי זיַינען אַזאַ גוטע.

און דוד האָט איר שמייכל און איר וואונטש מיטגענומען אין דער פרעמדער שטאָט אַריַין. דערפאַר איז ער געזעסן רואיק ביַים וואַרשטאַט, זיך מיט פרייד געפּאַרקעט ביַי די זייגערלעך, און די פרעמדקייט איז געזעסן אויף זיַינע אַקסלען, זיך געשפּאַרט צו זיַינע פּלייצעס, אָבער — נישט געקענט אַריַין אין אים...

* * *

דוד האָט געאַרבעט פלייסיק און מיט גרויס עקשנות. מיט יעדן טאָג איז אים געוואָרן קלאָרער: דאָס זייגערמאַכעריי פירט אים צו איר — צו מאַשען.

דער מייסטער, וואָס איז געווען נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, מיט אומרואיקע אברים און צעשפּילטע שוואַרצע אויגן, האָט זיך שוין איינגאַנצן פאַרלאָזט מיט דער אַרבעט אויף דודן. האָט ער אים געלאָזט ביַים וואַרשטעט, און אַליין פאַרפאַלן געוואָרן אויף האַלבע טעג און גאַנצע אָוונטן. דוד האָט אָנגענומען אַרבעט, זיך געדונגען, געביטן זייגערס, און האָט געשמייכלט פון דעם, וואָס די באַלעבאָסטע — אַ יונג ווייבל מיט בלויע אויגן — גיט אַכטונג ער זאָל זיך נישט אָפּנאַרן אויפן פּרייז. ער האָט דערביַי געשמייכלט, און שפּעטער, ווען דער קונה איז שוין נישט געווען, האָט ער געפרעגט לאַכנדיק:

— וואָס זשע? זי האָבן נאָך אַלץ מורא מען זאָל מיך נישט אָפּנאַרן?

— ווייס איך? פאַרט נאָך נישט אַזוי געניט.

— וואָס קען איך דאָ נישט וויסן? פאַר אַ „פּשענזענע" טאָר איך נישט נעמען ווייניקער פון פערציק קאָפּיקעס. פאַר אַ שפּינדל — פינף־און־זיבעציק... וואָס ווייס איך דאָ נישט?

— אויך אמת. —

די טעג זיַינען לייכט דורכגעשוואומען. נאָר די פאַרנאַכטן זיַינען געווען בענקענדיקע. זיי האָבן אין דודס אויגן אַריַינגעטריבן געדיכטע פאַרטראַכט־קייט. ווען דער טאָג האָט געעקט, און די גרויסע שויב פון דער „וויסטאַווע" האָט זיך איבערגעצויגן מיט טונקלקייט, האָט דוד באַקומען פאַרשטאַרונג אין די הענט. איז ער געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך, און זיַינע אויגן זיַינען גע־שטאַנען ווי געפרוירענע. און דאָס האַרץ האָט געפאָרשט: וואָס טוט זיך איצט, דאָרט אין שטיבל, וואָס שטייט ביַים דיאַקאָנס סעדל, און אין וועלכן

מאַשע זיצט איבער די טעג און קוקט שווייגנדיק דורך די פענצטער? און משה? קומט ער נאָך אַלץ צו איר? און אפשר האָט ער זיך שוין איינגאַנצן דערווייטערט פון איר? מאַשע איז דאָך פּאַרט נישט פּאַר אים: אַ יתומה, אַ קראַנקע, אַן נדן. און ער — ער איז דאָך אַ שיינער, געזונטער יונג... און אפשר זאָל ער נעמען און אַראָפּפאָרן אויף אַ טאָג? נייך, פאָרן וועט ער נישט. ער וועט שוין אויסהאַלטן ביזן סוף און וועט צוריק קומען אַ „פאַלנער" זייגער־מאַכער... אַ מענטש דאַרף קענען אויסהאַלטן... אָבער: ווען ער וואָלט געקענט צו עמעצן רעדן וועגן איר...

דוד האָט גענומען צוואוואַרפן בליקן צו דער יונגע באַלעבאָסטע, נאָר יענע איז געווען פאַרנומען מיט אַ פאַרבאַרגענעם כעס: וואו איז איצט דער „טייערער" מאַן אירער? מיט וועמען שפּילט ער שוין איצט אין קאָרטן? — האָט זי נישט געשפּירט דודס בליקן. האָט דוד אַרויסגעלאָזט אַ זיפצל, האָט זיך אַ שטרעק געטאָן פון מידקייט, האָט זיך די יונגע באַלעבאָסטע דער־מאָנט, אַז דוד איז אין שטוב, איז זי צוגעקומען נעענטער צום וואַרשטאַט, האָט זיך אַװעקגעזעצט, באַקומען וואונדער אין פּנים, און מיט היימישקייט זיך גענומען נאָכפרעגן: וואָס, אַ שטייגער, איז דוד אַזוי פאַרטראַכט? עפּעס איז עס דאָך? די לעצטע צייט באַמערקט זי: ווי נאָר עס פאַלט צו דער אָוונט, אַזוי ווערט ער פאַרגאַפּיעט:

— וואָס זשע? דוד בענקט אַהיים?

האָט זיך דוד סודותדיק צעשמייכלט, האָט באַקומען געלייטערטקייט אין זיין מיד פּנים: אַהיים בענקט ער גראָד נישט. וואָס איז אים זיין היים? נאָר בענקען בענקט ער שוין גאָר שטאַרק...

און פון דודס שמייכלען, און פון גלאַנציקייט אין זיינע אויגן, האָט דאָס ווייבל אויך גענומען שמייכלען, נאָר מיט וואונדער און איבערראַשונג: אַזוי, הייסט עס! זי פאַרשטייט שוין... הייסט עס: דוד בענקט טאַקע... אַהאַ! איצט פאַרשטייט זי... זי איז שוין מיט די זאַכן געגוג געפּרואווט געוואָרן. איר יונה איז אַמאָל — חתנווייז — געווען אין וואַרשע... און זי ווייסט גאַנץ גוט דעם טעם דערפון...

דאָס ווייבל האָט באַקומען אַ פול פּנים מיט צוגעלאָזנקייט, און איר שטים איז געוואָרן האַרציק: דוד איז אַ מענטש. אַ געטרייער מענטש... שוין אַזאַ יאָר אויף איר, וואָס פאַר אַ מאַן ער וועט זיין... אַ ווייבל וועט ביי אים וויסן פון אַ לעבן צו זאָגן... עס וועט איר זיין גוט ווי די וועלט. דוד איז נישט פויל... האָט נישט אין זינען קיין פוסטע זאַכן. איז איבערגעגעבן צום וואַר־שטאַט. זי זעט דען נישט? און אַז ער וועט האָבן חתונה געהאַט... ער איז נישט ווי איר „אויסגעפּוצטער לײדיקגייער"... ער איז שטענדיק געווען פויל

צו אַרבעטן, כאָטש ער האָט גאָלדענע הענט... נאָך בחורווייז איז ער געווען אַ פּוסטער פּראַנט... אַזוי איז ער געווען, און אַזוי וועט ער שוין זיין... פּאַר אַ קערטל, נעמט ער איין די כפּרה. און טרעפט ער זיך מיט אַ „פריילין", מיט עפּעס אַן אויסגעסטראָקעוועטע ליאַלע, הייבט ער אָן רעדן, און קען גאָר נישט אויפהערן. ביז האַלבע נאַכט שפּאַצירט מען אַרום און מען רעדט, און אפשר ווייסט עמעצער פון וואָס מען רעדט? אָבער דוד — ער איז עפּעס אַנדערש.

דוד האָט צופרידן געשמייכלט: אַזוי זיינען זיי שוין... אַלע מענער זיינען אַזוי... און יונה האָט זיך דאָך אויף ווען צו פאַרלאָזן... דוד זיצט דאָך ביים וואַרשטאַט.

דאָס ווייבל איז געוואָרן נייגעריק: ווי זעט אויס דאָס מיידל, נאָך וועלכער דוד בענקט אַזוי שטאַרק... איז זי כאָטש אַ שיינע?

דוד האָט זיך צעשמייכלט: צי זי איז אַ שיינע? ס'איז גאָר קיין שענערע פון איר אויף דער וועלט נישטאָ!

געלאַסן און מיט גרויס הנאה פון יעדער וואָרט, האָט דוד געשילדערט איר אויסזען, איר גאַנג, איר שמייכל, און האָט פאַרענדיקט די שילדערונג:

— וואָס ווייסן זי? וואו זעט מען דען נאָך אַזוינס?

האָט דאָס ווייבל אויסגערופן:

— איז זי דאָך אַ „קראַסאַוויצע"!?

— אַלץ הייסט... —

דאָס ווייבל האָט זיך פאַרכלינעט מיט וואונדער... האָט זיך געשטיקט מיט וואונדער... איז זי געזעסן מיט צעעפנט מויל: עפּעס איז דאָ נישט גלאַט... ס'שפּילט זיך אָפּ „אַ שרעקלעכער ראָמאַן"...

און דוד האָט פאַר איר דערציילט פון ביינאַכטיקע שפּאַצירן... פון רייד, וואָס זיי האָבן גערעדט, פון פּלענער, וואָס זיי האָבן אויסגעפּלאַנעוועט... ער האָט איבערגערעדט אירע רייד... און דאָס ווייבל איז געזעסן ווי אָן אָטעם. —

דוד האָט איצט נישט געדענקט זיין הויקער, און האָט נישט געדענקט, אַז דאָס, פון וועלכן ער האָט איצט דערציילט — האָט ער אויסגעפאַנטאַזירט אין די לאַנגע, ווינטערדיקע, פרעמדע נעכט...

* * *

אין דרויסן איז געשטאַנען אַ שטיל-שמייכלענדיקער ווייסער טאָג. דער שניי איז אַ מידער געלעגן אויף גאַסן און דעכער. האָט דוד געגעבן אַ הייב־אויף די אויגן פון וואַרשטאַט, און דורכן פענצטער דערזען משהן.

דאָס בלוט האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין, אין האַרצן האָט אַ קלעם געטאָן, איז ער אויפגעשפּרונגען און גענומען האַסטיק קלאַפּן אויף דער

שויב. משה האָט אים דערזען, האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז אַריין אינעווייניק:

— דוד! —

— משה! וואָס זשע מאַכסטו, משה? ווען ביסטו געקומען? זיץ, משה... זיץ אַ ווײַלע... דער „מיינסטער" וועט באַלד אַרײַנקומען, וועל איך קענען מיט דיר אַ ביסל אַרויסגיין... וואָס זשע הערט זיך, משה?

משה האָט זיך געזעצט, געזען ווי דוד איז שטאַרק צעטומלט פון גרויס פרייד, און ער האָט געקוקט מיט היימישע און פאַרשעמדיקע אויגן:

— וואָס זאָל מען מאַכן? און דו? דו ווערסט טאַקע אַ ריכטיקער זייגער־מאַכער, זע איך...

דוד איז געווען צעטראָגן, אויפגעהייטערט, שעמעוודיק, באַרימעריש:

— נאָך אַ פּאָר וואָכן, און איך וועל האָבן פאַרענדיקט מיין לער. —

— טאַקע?

— וואָס דען האָסטו געמיינט? איך לערן זיך דאָך שוין אַ שטיק צייט.

— און דערנאָך?

— וואָס מיינסטו: דערנאָך?

— אַז דו וועסט שוין קענען די מלאכה?

— וועט שוין זיין גוט: כ'על פאָרן אַהיים, עפענען אַ געשעפט, און קומען צו אַ תכלית.

— אַ... אַ תכלית...

דוד האָט געזען: משה שמייכלט מיט פאַרהוילנקייט. דער שמייכל האָט געזאָגט: „און איך האָב דיר עפּעס צו זאָגן..." און דודן איז הויל געוואָרן אין האַרצן. האָט ער אַ ווײַלע געקוקט צום פענצטער, האָט זיך באַמיט צו בלייבן רואיק. דאָן האָט ער געפרעגט: —

— און וואָס טוסטו דאָ, אין ראַדזין?

— כ'האָב געבראַכט אַ ביסל סחורה... און דער עיקר: כ'דאַרף דאָ קויפן אַ בוך...

— אַ בוך? —

— יאָ. און פאַר דיר האָב איך אַ גרוס.

— אַ גרוס? —

— און זייער אַ האַרציקן גרוס.

דוד האָט דערשפּירט ענגשאַפט אין האַלדז: ער האָט דערשפּירט פון וועמען דער גרוס איז, און די פרייד האָט אים צונויפגעצויגן דעם האַלדז. האָט ער געשוויגן. ס'איז אים געווען אַ שאָד גלייך אָפּצונעמען דעם גרוס... ער האָט

אָבער נישט געהאַט קיין כּוח צו וואַרטן. האָט ער זיך געגעבן אַ רוק־צו נאָענט צו משהן און מיט הייסן אָטעם אַרויסגעשעפּטשעט:

— פון וועמען אַ גרוס?

— פון מאַשען.

דוד האָט אַ שלונג געטאָן. היץ האָט אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אַריין. האַ? האָט זון זיך באַוויזן אין פענצטער? שפּילט ערגעץ אַן אָרקעסטער? —

— פון מאַשען... — האָט זיין צונג געפּילט אַ וואונדערלעכן טעם. — וואָס האָט זי געזאָגט?

משה האָט ווידער געשמייכלט מיט פאַרהוילנקייט:

— זי האָט געהערט, אַז איך פאָר קיין ראַדזין, האָט זי מיר אָנגעזאָגט: איך זאָל נישט פאַרגעסן דיר אָפּצוגעבן פון איר אַ גרוס און —

— און וואָס?

— „און פרעגן זי אים, פאַר וואָס ער שרייבט נישט". אָט אַזוי האָט זי געזאָגט.

— אַזוי האָט זי געזאָגט?

— מיט אָט די ווערטער.

דודס פּנים האָט זיך פאַרגאָסן מיט ליכטיקייט. ער האָט מער נישט געקענט שטיקן אין זיך די פרייד:

— ס'אַר אַ האַרציקע זי איז... מאַשע... מען דאַרף טאַקע אָנשרייבן אַ בריוול... ווען פאָרסטו צוריק?

— היינט נאָך. —

משה האָט איצט נישט געשמייכלט. זיינע ברעמען זיינען געווען צונויפּ־געצויגן: בעפּל האָט זיך אָפּגעוויקלט, און ער האָט קלאָר דערזען... אַזוי, הייסט עס... זאָל זי עס טאַקע האָבן געמיינט?. איז דוד געפאָרן קיין ראַדזין מיט איר וויסן? איז עס געווען אַן אָפּגערעדטע זאַך? ס'איז זייער טשיקאַווע...

— ווייסטו וואָס, דוד? —

— וואָס, משה?

— כ'על דערווייל גיין... דו שרייב דערווייל אָן אַ בריוול... כ'על דער־ליידיקן מיינע זאַכן... שפּעטער וועל איך צוריק קומען... מיר וועלן נאָך האָבן צייט צו שמועסן... די פור וועט צוריקפאָרן ערשט אין אָוונט.

— גוט, משה.

ווידער האָט פאַרבאָרגענער שמייכל געשפּילט פון משהס אויגן. אָבער דוד האָט עס איצט נישט באַמערקט. די פרייד האָט געפּלייצט אין אַלע אבֿרים זיינע. אַלע כמאַרעס האָבן זיך געהאַט אָפּגעוויקלט פון זיין הימל, און זיין וועלט האָט זיך געבאָדן אין זון.

משה איז אַוועק, און דער מייסטער איז אַריינגעקומען. ער האָט דודן געטראָפן אַ פאַרענדערטן. האָט ער אים אָנגעקוקט אַזוי, ווי ער וואָלט אים נישט דערקענט:

— וואָס איז, דוד?

— וואָס זאָל זיין?

— וואָס אַזוי פריילעך און צעטראָגן?

— כ׳וויל אָנשרייבן אַ בריוו... מיינס אַ חבר איז געקומען... ער פאַרט היינט צוריק.

— —

ס׳אַר אַ טייערע מאַשע איז! זי ווייסט אַלץ, פאַרשטייט אַלץ... פאַר וואָס האָט ער איר ביז אַהער נישט געשריבן?

דוד איז געזעסן געבויגן, האָט געצירקלט די ווערטער, און היץ האָט איבער אים געשלאָגן. די היץ האָט געשמעקט מיט זומערטאָג אין סאַד. שמייכל האָט באַשיינט זיין פּנים. ער האָט פאַרזיכטיק געקליבן די ווערטער, פאַרשלייערטע ווערטער, וואָס האָבן זיך געצאַפּלט ווי לעבעדיקע באַשעפענישלעך. ער האָט געשריבן מיט אָנדייטונגען, פאַרהוילענע וואונקען. די ווערטער זיינען, דאַכט זיך, געווען פּשוטע, נאָר פונקען האָבן פון זיי אַרויסגעבליצטיקט. דורך זיי האָט געזונגען פאַרליבט האַרץ, האָט געשאַלט גליק, וואָס איז געזעסן פאַרבאָרגן אין די גלידער. —

אָנגעשריבן דאָס בריוול, האָט ער עס אַריינגעלייגט אין אַ בלויען קאָנווערט, פאַרקלעפּט, און געבליבן זיצן וואַרטנדיק אויף משהן.

ער האָט געטראַכט מיט חלום אין די אויגן. מיט אַמאָל האָט ער זיך שטיל צעלאַכט: ערשט אין אָנפאַנג זומער האָט ער פון משהן גענומען אַ בריוול צו מאַשען, און איצט . . .

ס׳איז וואונדערלעך צו לעבן אויף דער וועלט!

ער האָט געזען:

ס׳איז נאַכט. רבקה שטריקט אַ זאָק. מאַשע האַלט מיט איין האַנט אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ, די צעפּ זיינען ביידע געבויגן איבער אַקסל. זי לייענט דאָס בריוול און זי שמייכלט: וואָס שטייט דען אין בריוול? דאַכט זיך: אַ פּשוט בריוול... אָבער זי פאַרשטייט...

— פון וועמען איז דאָס בריוול, טאָכטער?

— פון דודן... ער איז אַ קלוגער, דוד...

אָבער וואו איז משה?

דער דרויסן האָט זיך געלאָשן. די שויבן האָבן געטונקלט. שאָטנס האָבן געיערט אין די ווינקלען, געקלעטערט צו דער סטעליע. און אָט איז משה!

— שוין אָנגעשריבן?
— אָנגעשריבן.
— כ׳האָב זיך פאַרשפּעטיקט... דער פורמאַן פאָרט באַלד.
— אָט איז דאָס בריוול. כ׳על דיך באַגלייטן צו דער פור.
ביידע זיינען אַרויס, האָבן געפונען די פור אין מאַרק. אַרקע האָט געזאָגט:
— באַלד פאָרט מען. —
דוד האָט געשפּאַנט ביי משהס זייט הין און צוריק אין מאַרק. דוד האָט גערעדט מיט היימישקייט, האָט דערציילט פון זיינע פּלענער. דאַן: —
— ווייסט, דוד? מאַשע, זעט אויס, זאָל זיין פאַראינטערעסירט אין דיר...
— וואָס איז דער וואונדער? — איז דוד דווקא געבליבן רואיק. — מיר קענען זיך פון קליינערהייט אָן. מיר וואוינען אין שכנות. מיר זיינען דאָך צוזאַמען אויסגעוואַקסן.
משה האָט שוין געשוויגן: היט זיך...
— מיר פאָרן! — האָט צו זיי דערגרייכט אַרקעס שטים.
— נו, זיי געזונט, דוד.
— פאָר געזונט. און ווען, אַ שטייגער, רעכנסטו דאָ ווידער צו זיין?
— דאָס ווייס איך נישט.
די פור האָט זיך גערירט. די רעדער האָבן געשניטן דעם שניי, געלאָזט נאָך זיך טיפע אָפּדרוקן. דוד איז געשטאַנען, האָט נאָכגעקוקט די פור, וואָס האָט געפירט זיין ערשט בריוול צו מאַשען.
דער הימל איז געוואָרן אָנגעדראָלן. ביים האָריזאָנט איז געווען שוואַרץ ווי טינט, ווינטלעך זיינען געלאָפן פון אַלע זייטן, האָבן זיך אויסגעמיטן, צונויפגעשלאָגן, זיך אומגעוואָרפן, אויפגעשפּרונגען און זיך צעלאָפן, האָבן געוואָרנט: פרישער שניי קומט!
און דוד האָט געשפּאַנט מיט האַסטיקע טריט, און אין אים האָט געזונגען וואונדערלעך געזאַנג.

קאַפּיטל פופצן

אומעט, פרייד, און שרעק

זיינען אָנגעקומען פּראַסטיקע טעג און זיך אָפּגעשטעלט אין שטעטל. האָבן איבער די נעכט געשניטן מעסערדיקע ווינטן, געשליידערט ווייסע פלאַכטעס איבער דעכער און פענצטער, און אינדערפרי, אַז מען האָט געעפנט די טירן, איז דער בלוילעך־ווייסער שניי געלעגן אָנגעוואַליעט פאַר די שוועלן, האָט פון דרימל געשמייכלט מיט שטעכיקער קעלט און געוואָרנט: וואַרט ביז ס׳וועלן ווערן סטעזשקעס. —

די פרימאָרגנס זיינען געשטאַנען קלאָרע און פאַרטראַכטע, אַמאָל זוניקע און עס האָט געציטערט דימענט־שטויב אין זוניקייט, אַמאָל העל־כמורנע און ווייסער פראָסט האָט זיך געזעצט אויף ברעמען און וואָנסן. פון פאַרוויִעטע וועלדער האָט זיך דערטראָגן שווער קרעכצן, און די הייזער זיינען געשטאַנען מיט פאַרבילמעטע שויבן, און האָבן זיך צוגעהערט צו סקריפּערייען. פון קוימענס האָבן זיך ווי גרייצערס געשרויפט שטילע רויכן, האָבן זיך גע־קאָרטשעט און געצויגן אַרויף. האָט עס אויסגעזען: גרויסע יאָרצייט־ליכט ברענען איבער פאַרשנייטן ישוב. —

אין די פאַרנאַכטן האָבן טריט געסקריפּעט. פון צייט צו צייט, האָט גע־קלאַנג פון גלעקלעך געדרעגנדזשעט איבער מאַרק. דאָס האָט אַ פּריצל זיך דורכגעטראָגן אויף זיין שליטל צו גאַלאָפּירנדיקע פערד געשפּאַנט, האָט דאָס געקלינגעריי זיך דערטראָגן אין הייזער אַריין, בענקשאַפט אין מיידלשע הער־צער געוועקט; האָט דאָס געקלינגעריי דערגרייכט צו בחורים אין בית־המדרש אַריין, און געוועקט די בלוטן: האַ? קען מען אפשר פועלן ביי דוד משה נטעס, ער זאָל אַרויסנעמען דעם פּאָטערס שליטן, איינשפּאַנען די פערד, וואָס דרייען גאַנצע טעג דעם ראָד פון דער „אָליאַרנע״, און אַרויספאָרן אויף ווייסע פעלדער? —

איז מאַשע געזעסן אין שטוב און האָט געוואוסט: די פּראַסטיק־טרוקענע טעג זיינען זייער גוט פאַר לונגען־קראַנקע, און די פאַרנאַכטן — ווי גוט און גרינג עס אָטעמט זיך אין די שטילע ווייסע פאַרנאַכטן. מען דאַרף זיך נאָר גוט אָנטאָן, דעם האַלדז פאַרוויקלען, זיך אַרויסלאָזן שפּאַצירן, שפּאַנען האַסטיק און גרינג און פילן ווי עס אָטעמען אַלע גלידער, עס פלאַמט דאָס פּנים, און עס רוישט דאָס בלוט אין די אָדערן.

אָבער מיט וועמען זאָל זי גיין? זי וועט דאָך אַליין נישט גיין. וואָס פאַר אַ מיידל שפּאַצירט עס מיט זיך אַליין? און משה וויזט זיך נישט. פאַר וואָס זשע קומט ער נישט? איז עס מעגלעך, אַז ער מיינט טאַקע, אַז זי האָט אין זינען דוד גאַרב? —

ס'איז געווען אין אָוונט, שוין שפּעט אין אָוונט, און משה איז אַריינגעקומען. העניע איז גראַד געווען ביי מאַשען. און משה איז געווען פאַרביסן:

— כ'האָב אין געבראַכט אַ בריוו. —

מאַשע האָט שוין געהאַט פאַרגעסן דעם גאַנצן שפּאַס און זי האָט זיך געוואונדערט:

— אַ בריוו? צו מיר?

— און זי ווייסן שוין פון וועמען.. כ'קום דאָך פון ראַדזין.

— פון דודן? — האָט זי געלאַכט.

ער האָט איר דערלאַנגט דעם בריוו. און ווייל משה האָט אויסגעזען בלייך, האָט זי געשמייכלט, האָט דעם בריוו אָוועקגעלייגט און געטראַכט: „ער איז אייפערזיכטיק"... און משה האָט געשוויגן. און העניע האָט געהאַט צעטומלטע אויגן. נאָר מאַשע האָט אין זיך געשמייכלט:

— וואָס שוויגן זי, משה? — האָט זי געפרעגט.

— וואָס זאָל איך ריידן?

— זי קומען דאָך פון שטאָט?

— האָב איך דאָך אין געבראַכט אַ בריוו...

העניע האָט דאָ אויסגעשאָסן אַ געלעכטער.

און מאַשע האָט געזאָגט זייער געלאַסן:

— כ'זע נישט, וואָס דאָ איז פאַראַן צו לאַכן.

— אַ קאָרעספּאָנדענציע מיטן הויקער?

— אַנדערע זיינען נישט אַזוי פּיאַיק און ענערגיש ווי דוד, כאָטש ער איז אַ הויקער... מיר דאַכט זיך: ס'איז מער צו לאַכן פון דעם, וואָס האָט אַ גלייכע פּלייצע און קען זיך קיין וועג נישט געפינען...

און דאַן האָט מאַשע געלאַכט. און העניע מיט משהן האָבן ביידע געשטומט...

האָט טאָקע משה נישט פאַרשטאַנען, אַז זי מיינט אים צו רייצן? פון דאַן אָן האָט זי אים נישט געזען. איז עס מעגלעך, אַז דער קלוגער משה זאָל זי נישט פאַרשטיין? און אפשר זיצט ער ווידער אין שטוב ביי דער רוסישער גראַמאַטיק?

ס׳האָט זיך דערהערט אַ פּאַרקען ביי דער דרויסנדיקער טיר. די טיר האָט זיך דאַרט געעפנט, טריט האָבן געטופּעט, און מאַשע האָט זיך אויפגעשטעלט מיט דערוואַרטונג. איין מינוט איז די פרייד גרייט געווען זיך צו צעזינגען, נאָר באַלד האָט די פרייד צוריק פאַרגליווערט: זי האָט דערקענט די שאַרנדיקע טריט פון דער מוטער. —

די מוטער איז אַריין מיט אָונט, מיט קעלט, און מיט פאַרשלאָגענעם אָטעם. זי האָט געסאָפּעט און זיך געבלאָזן אין די הענט:

— ס׳איר אַ שניי! ס׳איר אַ קעלט! —

— ס׳איז זייער קאַלט? — האָט מאַשע געפרעגט.

— אָבער די קעלט איז אַ פרישע, אַ מחיהדיקע. דער פראָסט איז נישט אַזוי שאַרף... ס׳בלאָזט אַ שטיל לינד ווינטל.

האָט שוין מאַשע געשוויגן. האָט ווידער געפילט, אַז זי איז אַליין, און מוז דערפאַר זיצן אין שטוב. —

די מוטער האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די שווערע פאַטשיילע, האָט אויסגעוויקלט דעם קאָפּ פון דער דערע, האָט דורכגעריבן די הענט און דערביי טיף געאָטעמט און געזאָגט:

— ס׳איז קיל אין שטוב.

זי האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, און זיך גענומען מאַכן פייער אין אויוון.

דאָס האָלץ האָט זיך צעפלאַקערט, געשאַרוועט, און דורך אָפענעם טירל האָט צעגאָסענער קופּער זיך געלייגט אויפן דיל. די מוטער האָט צוגערוקט אַ בענקל, זיך געזעצט קעגן פייער, זיך צעוואַרעמט די הענט. מאַשע האָט אַ פּאָר מאָל אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער אין פאַרנאַכט אַריין. האָט געהערט ווי דער שטילער שניי רופט, און פון ערגעץ האָט זיך דערטראָגן גלעקלגעקלאַנג. אַ שליטל האָט זיך דורכגעטראָגן, און גרויס אומגעדולד איז מאַשען באַפאַלן. האָט זי געשפּאַנט איבער דער שטוב, נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט זיך און געפילט: אומעט וויקלט זיך אַרום איר: זיצט ערגעץ אַ מענטש, אַן ערנסטער, אַ פייאיקער, טראַכט פון איר, איז פאַרליבט אין איר, זיצט אָבער אַ הויקער אויף זיינע פלייצעס... זיצט זי גאַנצע טעג און בענקט נאָך משהן, און ער וויזט זיך נישט. צו וואָס? העניע איז דאָך אַ געזונטע..

— וואָס זשע? זיצסט דעם גאַנצן טאָג אין שטוב, טאָכטער?

מאַשע האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער מוטער, האָט געפּרואווט שמייכלען:

— וואָס דען זאָל איך טאָן ?
— זיצן אַליין אין שטוב ?
— ס׳איז טאַקע אומעטיק.
די מוטער האָט געכאַפּט אַ קוק אויף דער טאַכטערס פּנים, געזען : ס׳איז נישט אַזוי ליכטיק ווי אַלע מאָל, האָט זי געקראַגן שרעק אין די אויגן :
— און וואו זיינען זיי ?
— וועמען מיינסטו עס מיטן „זיי״ ?
— די וואָס קומען אָפּט אַהער : העניע, משה.
מאַשע האָט אַ שמייכל געטאָן, נאָר אין שמייכל איז געזעסן שטילער ווייטיק :
— זיי מוזן דען זיצן מיט מיר ?
— כ׳מיין : פאַר וואָס זעט מען זיי נישט ?
— וואָס האָבן זיי דאָ צו טאָן ?
— גלאַט אַזוי... זיי פלעגן דאָך קומען.. איז וואָס איז פּלוצלונג ?
— ווייס איך ?
און ביידע זיינען שטיל געוואָרן. מאַשע האָט געפילט : דאָס האַרץ איז איר פאַרקלעמט, און עס ווינט אין איר אָן אַ קול... און עס וועלן דאָך אָנקומען די פאַר־פּסחדיקע בלאָטיקע טעג... און ס׳וועט זיך שטאַרקן דער הוסט, וועט רויט־פלעקן דאָס טיכל... און משה איז אַ געזונטער, שלאַנקער בחור. —
און די מוטער האָט זיך באַמיט נישט צו קוקן מיט שרעק אויף דער טאָכטער, און איר האַרץ האָט אינדערשטיל געוויינט אויף איר קינד...
— מאַמע — האָט מאַשע פּלוצלונג אָנגעהויבן און דווקא מיט אַ רואיקער שטים פון אַ פאַרלוירענעם מענטשן, און זי האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם, וואָס זי האָט געוואָלט אַרויסברענגען פון אירע ליפּן.
— וואָס איז, טאָכטער ? וואָס האָסטו געוואָלט פרעגן ?
— פון וואָס . . . איז לייזער געשטאָרבן ?
— דער ברודער דיינער ? וואָס האָסטו זיך פּלוצלונג דערמאָנט ?
— וויפיל איז ער דאַן אַלט געווען ? לייזער איז נישט געווען קיין סך עלטער פון מיר... כ׳האָב געהאַט איין ברודער, איז ער געשטאָרבן. פון וואָס איז ער געשטאָרבן ?
— פון וואָס שטאַרבן אַלע מענטשן ? ער איז קראַנק געווען.
און מאַשע האָט גערעדט רואיק, געלאַסן, ווי זי וואָלט פאַר אַ פרעמדן דערציילט, וואָס ס׳האָט פאַסירט :
— כ׳געדענק עס, ווי עס וואָלט איצט געווען : איך בין געשלאָפן... ס׳איז געווען באַלד אינדערפרי... אין שלאָף האָב איך דערהערט אַ געטומל אין

שטוב... איך בין געלעגן, געהערט, און מורא געהאַט צו עפענען די אויגן... מענטשן האָבן געזיפצט, געקרעכצט... דו, מאַמע, האָסט געוויינט מיט געשטיקט געוויין. און לייזער — ער האָט געאָכצעט אַזוי שטיל, אַזוי שטיל... וואָס איז אים געווען, מאַמע?

— ער האָט געגוססט.

— דאַכט מיר: בלוט האָט זיך געשפּירט... אַזאַ מאָדנער, שווערער ריח איז געווען אין שטוב... מען האָט געבראָכן די הענט, און אַלע האָבן געוואוסט, אַז ער שטאַרבט...

— הער אויף! הער אויף, טאָכטער! וואָס ווילסטו האָבן?

— כ׳מיין: ס׳האָט זיך אים דעמאָלט געלאָזט בלוט פון האַלדז?

די מוטער איז שטאַרק בלאַס געוואָרן, האָט זיך געגעבן אַ שטעל־אויף, האָט זיך צוריקגעזעצט, האָט גענומען שטאַמלען, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער טאַפּט מיט די פינגער אין פינצטערניש:

— דו נאַרעלע, וואָס דו ביזט... אַלע, וואָס גוססן... גייט זיי בלוט פון האַלדז... אָבער קינד מיינס? צו וואָס? צו וואָס רעדן אין אָוונט פון פאַרשטאַרבענע? אַ מענטש שטאַרבט — ווייל אַזוי איז באַשערט פון זיין ליבן נאָמען...

און ביידע זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. מאַשע האָט פאַרבאָרגן געטראַכט, און אירע אויגן האָבן געקוקט אַזוי, ווי זי וואָלט געזען זייער ווייט. די מוטער איז געווען שטאַרק צערודערט. האָט געטראַכט ווי אַזוי אָפּצוּווישן דאָס שווייגן, און אָנגעהויבן:

— אין דרויסן איז טאַקע קאַלט, נאָר ס׳איז אַ מחיה... ס׳ליגט אַזאַ פרישער, טיפער שניי, און דער ווינט איז אַזאַ ווייכער... ס׳איז קאַלט און ס׳איז וואַרעם... אַמאָל פלעג איך אין אַזאַ אָוונט ליב האָבן צו זיצן ביים אויוון. די באָבע דיינע — דיר צו לענגערע יאָר — פלעגט פליקן פעדערן און דערציילן שיינע מעשיות.

— דו געדענקסט די מעשיות?

— כ׳ווייס? טייל געדענק איך. —

דאָ האָט זיך מאַשע אַ כאַפּ געטאָן:

— וואַרט... פון וואָס איז די באָבע געשטאָרבן?

— וואָס הייסט? זי איז דאָך אַלט געווען איבער אַכציק יאָר!

— זי איז גאָרנישט קראַנק געווען?

— וואָס פרעגסטו, נאַרעלע? זי איז געוואָרן קראַנק, האָט געקרענקט אַ וואָך צייט און איז געשטאָרבן.

מאַשע האָט דאָ גענומען שמייכלען. האָט אַליין נישט געוואוסט, פאַר וואָס זי שמייכלט.

— וואונדערלעכע מעשיות פלעגט זי דערציילן. פון דאָרף, פון וואַלד . . .

דערווייל האָט גענומען קאָכן די מילך אין טעפּל. די מוטער האָט פלינק דאָס טעפּל פון פייער אַוועקגעכאַפּט:

— די אייער זיינען שוין אויך גרייט... וועסט גיין עסן, טאַכטער.

— מאַמע: לייזער איז געווען אַ שיינער?

— ער איז געווען שיין ווי גאָלד... ווי דער מאַמען.

— אַ קלאָרער?

— דאָס פּנים זיינס האָט געלויכטן ווי די זון... וואָס פרעגסטו זיך אַזוי נאָך?

— גלאַט אַזוי... כ'האָב מיך היינט דערמאָנט אָן אים, דאַכט מיר, איך האָב זיין אָנבליק...

— נעם און עס בעסער... די אייער וועלן קאַלט ווערן.

מאַשע האָט געגעסן, האָט געזופּט די שיטערע אייער, געקייט דאָס ברויט מיט פּוטער, נאָר זי איז ווי דערביי נישט געווען.

— מאַמע: לייזער איז געשטאָרבן פאַר פּסח?

— וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף מיר? — האָט די מוטער זיך צע־בייזערט. — וועסט מיך אַמאָל לאָזן צורו? עס אָפּ און גיי שלאָפן.

מאַשע האָט שוין געשוויגן. נאָר דער אומעט האָט זי שוין געהאַט פאַר־שלאָסן אַרום און אַרום, און אין האַרצן איז געווען ביטערקייט. און אין דער ביטערקייט — פאַרביסנקייט: נו, קומט נישט משה... זאָל ער נישט קומען... סיי ווי וועט אָנקומען דער ערב־פּסח מיט די רעגנס און בלאָטעס.

* * *

אומגעריכט, ראַפּטום, האָט דער אומעט זיך צעפּליקט, אָפּגעפאַלן, און די פרייד האָט ראַשיק און הייס אויפגעטויכט אין מאַשען:

— אָ, משה! וואָס מאַכן זי, משה?

אַריינגעקומען איז משה מיט העניען. נאָר מאַשע האָט אין דער ערשטער מינוט העניען נישט באַמערקט. וואָרים: משהס אויגן האָבן ליכטיק צו איר געשמייכלט, זיין פּנים האָט געשפרודלט מיט פרייד, און מאַשע האָט דערזען יענעם משה, וואָס פלעגט זיצן לעבן איר אין גאָרטן, אין די ליכטיקע, וואַרעמע זומער־נעכט.

— גוט נאָוונט, מאַשע, — איז האַרטקייט געווען אין העניעס קול.

העניע איז געווען שטאַרק פאַרהילט. איר פּנים האָט אַרויסגעקוקט פון גרויער דערע, און כעס האָט געקוקט פון אירע שוואַרצע אויגן. דערפון האָט די פרייד אין מאַשען זיך העלער צעזונגען, איז אַרויס אויף איר פּנים:

— זיצט... זיצט...

נאָר משה האָט געשמייכלט צו מאַשען מיט ווייכע ליפּן, און מאַשע האָט זיינע בליקן אויף איר לייב געשפּירט. ער האָט געזאָגט:

— מיר זיינען דאָ מיט אַ שליטן.

— מיט אַ שליטן?

— יאָ. און דוד משה נאַטעס איז דאָ... זיין פאָטערס שליטן... און יחיאלקע איז דאָ מיט אים אין דרויסן... מיר וועלן מאַכן אַ „קוליק".

— איצט אַ? — האָט מאַשע געלאַכט. — ס'איז שוין נישט פרי. איך האָב זיך שוין געוואָלט לייגן.

מאַשע האָט באַמערקט העניעס אויגן. געזען: אין זיי גייט אויף נצחון... און משה האָט זיך געבעטן מיט אַ קול, וואָס האָט געלאָזט וויסן, אַז דער גאַנצער „קוליק" איז נאָר צוליב איר... דערביי האָט ער געזאָגט:

— די נאַכט איז אַזאַ וואונדערלעך שיינע. אַ לבנה שווימט צווישן העלע וואָלקנס... און דער שניי איז אַזאַ בלענדנדיק-ווייסער...

האָט דער דורשט נאָך אַ ביסל פריידיג זיך צעשריגן מיט גאַרונג און מאַשעס קול האָט מיט לויטערקייט אַ זונג געטאָן:

— גוט! איך טו זיך גלייך אָן!

העניע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד. אויף משהס פּנים האָט זון געשיינט. רבקה האָט געזען משהס פּנים און איר געזיכט איז געוואָרן נחתדיק:

— מאַשעלע... היל זיך גוט איין... וועסט זיך דורכפאָרן אַ ביסל... נאָר נישט צו לאַנג.

— איך פאָר!

מאַשע איז אַריין אין אַלקער. מיט פלינקע טריט איז זי אַהין אַריין. יוגנט האָט געריזלט אין איר לייב, ווי זאַפט אין יונגע ביימער אין פרילינג. העניע האָט געשטיקט אַ זיפץ, און משה האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט דערהערט אַ גרויסע בשורה.

— און אָט בין איך שוין פאַרטיק!

מאַשע איז געשטאַנען אַ געשטרעקטע, אַ שלאַנקע, אַ צעלויכטענע; האָט געלאַכט מיט ווייסע ציין און די אויגן זיינען געווען וויך-צעצונדן. דורשט איז געווען אויף אירע פולע ליפּן און די חן-גריבלעך האָבן געשפּילט אין אירע באַקן.

* * *

די פערד האָבן זיך האַסטיק געיאָגט. דער שליטן האָט זיך געגליטשט מיט הילכיק קרעכצעריי: דין גלאָז האָט זיך אונטער אים געבראָכן. משה איז

געזעסן קעגנאיבער מאַשען, און מאַשע האָט געזען: זיין פּנים איז בלאַס, זיינע אויגן לייכטן. האָט געהערט: פרייד זינגט פון אים. העניע, וואָס איז געזעסן לעבן מאַשען, האָט פאַרביסן געשוויגן.

זיי זיינען אַרויס פון שטעטל.

די ווייסקייט האָט געבלענדט. די וועלט איז געווען גלאַט און ווייס. ביימער, געוויקלט אין ווייסער וואַטע, האָבן גוטמוטיק געשמייכלט. האָט אַ צווייג אַ ציטער געטאָן, זיינען געפאַלן ווייסע פליטערלעך. האָט ווינט ווייך געגלעט אויגן און העלדזער, האָט געהיצט בלוט און לייב. מאַשע האָט דערפילט משהס קני טוליעט זיך צו אירע, האָט שיכּרות אין איר אויפגעשלאָגן, האָט זי אַפילו פאַרגעסן, אַז העניע זיצט לעבן איר. האָט איר האַנט אָנגעכאַפּט משהס, זיינען פינגער צונויפגעוואָקסן, זיך געקושט... האָט איר האַנט זיינע אָפּגעלאָזט, און זי האָט זיך צעזונגען.

זי האָט געזונגען אַ ליד פון זומער און ליכטיקע נעכט; פון דערוואַרטונג און פרייד. משה האָט דאָס געזאַנג אונטערגעכאַפּט, יחיאלקע האָט מיט־געזונגען, דוד משה נאָטעס האָט צוגעהאָלפן, און קיינער האָט נישט געוואוסט, אַז העניע זיצט אַ צעכעסטע, און די פערד האָבן זיך געיאָגט, און דער שליטן האָט צוריקגעטריבן ווייסע שטראָמען.

און מאַשע האָט אויסגערופן:

— ווי גוט!... ווי גוט ס'איז זיך צו שליטלען אין ווייסער נאַכט... ווי גוט ס'איז זיך צו קושן מיט שניי... מיר וועלן זיך שטעלן... מיר וועלן זיך אַרומיאָגן איבער שניי! —

דער שליטן האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים וואַלד. משה איז דער ערשטער אַראָפּגעשפּרונגען, האָט אויסגעשטרעקט די הענט צו מאַשען, נאָר זי האָט שטיפעריש געלאַכט:

— כ'קען אַליין!

און זי איז אַראָפּגעשפּרונגען.

העניע האָט אויך פאַרגעסן איר פאַרביסנקייט, איז אויך אַראָפּגעשפּרונגען. מאַשעס געלעכטער האָט געהילכט, זי האָט זיך געלאָזט לויפן מיט אויס־געריבענעם וועג.

ס'איז געוואָרן אַ פריילעך לויפעריי.

מאַשע איז געלאָפן מיט פלינקע, שטייפע פיס. איר יוגנט איז שפּרינגענדיק געלאָפן, און משה — נאָך איר. זי האָט אין מיטן לויפן זיך אַ בייג געטאָן. איר האַנט האָט צונויפגעגריפּלט אַ ביסל שניי, זיך אויסגעדרייט אין לויפן און באַשיט משהס פּנים מיט שמעקעדיקער ווייסקייט, איז מיט פייפלדיק גע־לעכטער אַוועק. משה איז איר נאָכגעלאָפן.

ס׳האָט זיך געהערט אויך העניעס געלעכטער, וואָס איז געוואָרן ווייטער און ווייטער. איצט — און משה האָט עס קוים געהערט. ער האָט געפילט: זיינע באַקן גליען, און מאַשע איז אַלץ געלאָפן.

דאַן — משה האָט זיך האַסטיק אַ יאָג געטאָן נאָך מאַשען. ער האָט זי דערגרייכט, זיין האַנט האָט אָנגעכאַפּט אַ ברעג פון שאַרף. אַ לייכטער קוויטש, די שאַרף איז געבליבן ביי אים אין האַנט. מאַשעס האָר האָבן זיך צעפלאָטערט, משהס פּיס זיינען געוואָרן היציק. זיינע הענט האָבן זי דערגרייכט. נאָך אַ פריידקוויטש, זי איז געווען צווישן זיינע אָרעמס. זי איז שטיל געוואָרן, האָט געלייגט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל.

זיינע אָרעמס זיינען אַרומגעוואָקסן אַרום איר. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן, זיך געלאָזט פירן פון אים. געפילט: זי טרינקט זיך אין פרייד... דאָס גליק דערגרייכט ביזן האַלדז. דאַן זיינען זיי שטיין געבליבן. משהס הענט האָבן זי געגעבן אַ דריי־אויס... האָבן זיך אַרומגעשלאָסן אַרום איר. זי האָט זיך געטוליעט צו אים ציטערנדיק אין זיינע אָרעמס. זייערע ליפּן האָבן זיך צונויפגעטראָפן, האָבן געגעבן אַ וואַקס־צונויף. פאַרגעסנקייט האָט זיי ביידן פאַרטרונקען. שיכרות האָט געיובלט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מאַשעס קרעכץ האָט איבערגעריסן די פאַרגעסנקייט. זי האָט האַסטיק געאָטעמט, און געשעפּטשעט:

— כ׳בין מיד... מיד...

איר קול איז געווען געלאָשן. שרעק איז געווען אין איר שעפּטשען. הוסט האָט געגנומען שטיקן נידעריקער פון האַלדז, זי האָט שווער געפּלאָנטערט מיט די פּיס. משה האָט זי אונטערגעהאַלטן, האָט זי כמעט געטראָגן צום שליטן. זי האָט געפילט: דער הוסט עגבערט אין האַלדז אַריין. נאָר זי האָט אָנגעשטרענגט אַלע כוחות אים נישט אַרויסצולאָזן דורכן האַלדז. איר מאַנטל איז געווען צעשפּיליעט, די פאַלעס זיינען צוריקגעפאַלן, געווישט דעם שניי...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פון וואַלד האָט זיך אַרויסגעקאָטשעט אַ שאַרף סקריפּעריי פון רעדער, וואָס האָבן האַרטן שניי געשניטן. אַ פור איז אָנגעקומען, האָט זיך דערנענטערט, פאַרבייגעפאָרן.

— משה? — האָט אַ פרעמד קול דערבלאָנדזשעט.

משה האָט אויפגעהויבן די אויגן פון מאַשען, וועמען ער האָט געפירט.

מאַשע האָט זיך שטייפער געשטעלט אויף אירע פיס, האָט זיך גענומען הילן אין מאַנטל. משה האָט נאָכגעקוקט די פור:

— זאָל עס זיין דוד?

— דוד גאָרב? — האָבן מאַשעס ליפּן געציטערט.

— דאַכט זיך.

זיי זיינען אויפגעזעסן אויפן שליטן. מאַשע האָט שווער געאָטעמט:

— שנעלער... פאָרט שנעלער. —

די ווערטער האָבן בעטנדיק אַראָפּגעציטערט פון אירע ליפּן. זי איז געזעסן געבויגן. משה האָט געוויקלט דעם שאַרף אַרום איר האַלדז, האָט ענגער צוגעפּגענומען דעם מאַנטל אַרום איר. זי האָט געשוויגן: זי זאָל נאָר דערפירן דעם הוסט ביז אין שטוב אַריין.

די פערד האָבן זיך געיאָגט, האָבן פאַרבייגעיאָגט די פור, וואָס האָט פון ראַדזין געפירט דודן אַ פאַרטיקן זייגערמאַכער.

מאַשע האָט געציטערט.

— אין איז קאַלט? — האָט משה געפרעגט מיט זאָרג.

העניע האָט אַ זאָג געטאָן:

— און מיר איז גאָרנישט קאַלט.

מאַשע האָט געשוויגן, און משה האָט געענטפערט:

— איז אין גוט.

מאַשע האָט מער נישט געקענט אָפּהאַלטן דעם הוסט. ער האָט דורכ־געדרילעוועט דעם האַלדז און זיך אַרויסגעריסן.

האַרטע רינגלעך האָבן זיך געקייקלט דורך איר האַלדז. הוסט נאָך הוסט האָט זיך געשטופּט. טרוקענע, געפּרעסטע, שווערע הוסטן. מאַשע האָט גע־שפּירט: אירע אויגן, גרויסע, קיילעכדיקע שפּאַרן פון זייערע ערטער.

„נישט געדאַרפט... נישט געדאַרפט זיך אַזוי פאַרגעסן."

אַזוי האָט עס אין איר געטראַכט.

שפּעטער איז מאַשע געלעגן אַ פאַרמאַטערטע אין בעט, און האָט גע־וואוסט: ווידער האָט דער הוסט רויטע טראָפּנס פון איר אַרויסגעריסן. זי איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, און די טרערן האָבן גענעצט פון אונטער די וויעס. די שרעק איז געשטאַנען געבויגן איבער איר צוקאָפּנס, האָט באַ־דויערנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ:

„ווער ווייסט? אפשר האָט זי פאַר דעם ביסל פרייד פאַרשפּילט איר גליק? ווער ווייסט?"

קאַפּיטל זעכצן

אומגעריכט

יאָסעלע שאַפּסעס האָט אַרויסגענומען די אויגן פון משניות, האָט אויס־געדרייט דעם קאָפּ, האָט פאַרזשמורעט די אויגן מיט פאַרשונג: וואָס פאַר אַ פור האָט זיך עס אָפּגעשטעלט פאַר דער שטוב? רויזע האָט אַוועקגעשטעלט די רעשעטע מיט פעדערן, האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער:

— אָט איז ער דאָך! ס'איז דאָך דוד!

איז יאָסעלע אויך אויפגעשטאַנען, איז צו צום פענצטער, געזען: דוד שטייט ביים וואָגן, און געזאָגט:

— יאָ... דוד.

דוד איז אַריין אין שטוב, האָט מיט זיך מיטגעבראַכט שאַרפן ריח פון שניי און פראָסט. טאַטע־מאַמע האָבן אַ ווײַלע געקוקט אויפן זון אין שוואַרצן מאַנטל מיט פוטערנעם קאָלנער, און ס'איז זיי אויסגעקומען, אַז ער איז אינ־גאַנצן אַנדערש געוואָרן, דורך דער צייט, וואָס ער איז געווען אַוועק. די מאַמע וואָלט געקענט שווערן, אַז ער איז העכער געוואָרן, און דער פאָטער האָט דער־פילט דרך־ארץ צום זון. דודס פנים איז געווען ליכטיק.

— שלום עליכם! וואָס מאַכסטו, דוד?

דוד האָט זיך צעשמייכלט: צום ערשטן מאָל, אַז דער פאָטער רופט אים אָן ביים נאָמען אַזוי דרך־ארצדיק.

— עליכם שלום, טאַטע! שוין, איך בין שוין אַ זייגערמאַכער!

— קענסט שוין די מלאכה?

— אַלץ הייסט קענען!

צלאָווע איז אַ פאַרשלאָפענע אַרויסגעקומען פון אַלקער. דער קאָפּ האָר איז איר געווען צעשויבערט. זי האָט געפינטלט מיט די אויגן: איז דאָס דוד? ער האָט אויסגעזען ווי אַ מענטש, וואָס איז צוריקגעקומען פון ווייטע לענדער, וואו ער האָט לאַנג געוואַנדערט ביז ער האָט זיין גליק געפונען.

פון רויזעס פּנים האָט זיך די מרה־שחורה אָפּגעשיילט. ס׳איז געווען צום ערשטן מאָל, אַז דוד האָט געזען פריידן אין אירע אויגן.

— אַז מען לעבט, דערלעבט מען זיך, — האָט זי געזאָגט.

דוד האָט אָוועקגעשטעלט דאָס געפּולעטורטע קעסטל פון האַנט, דער בעל־עגלה האָט אַריינגעבראַכט אַ וואַליז, האָט באַקומען באַצאָלט, און איז אַוועק. רויזע האָט אָנגעצונדן דעם שבתדיקן לאָמפּ, און עס האָט פאַרשמעקט מיט יום־טוב. טאַטע־מאַמע האָבן זיך צוגעהערט צום זונס רייד, און צלאָווע האָט געהאַט פאַרגאַפטע פּנים. דוד האָט גערעדט גלאַטן, בנעימות, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מענטש, וואָס האָט דערגרייכט צו אַ תכלית.

צי ער קען די מלאכה? אַ שאלה אַ ביסל! דער „מייגסטער״, ביי וועמען ער האָט זיך געלערנט, איז דער בעסטער זייגערמאַכער אין ראַדזין. און ער אַליין האָט צוגעגעבן: דוד איז שוין אַ בעסערער בעל־מלאכה פון אים אַליין... ער האָט אים געהאָלפן באַשטעלן אַ פּאָר גרויסע שילדן. אַז מען וועט זיי אויפהענגען אין מאַרק, וועט דאָס גאַנצע שטעטל לויפן קוקן... און סחורה האָט ער שוין אויך באַשטעלט.

— שוין געקויפט זייגערס?

— און אַפילו באַצאָלט.

— טאַקע...

אין אַ פּאָר טעג אַרום, וועט מען די וואַנט־זייגערס צושטעלן... און די כלים פאַרן וואַרשטאַט האָט ער געבראַכט מיט זיך. אַט וועט ער וויזן.

דוד האָט אַרויפגענומען דאָס געפּולטורטע קעסטל אויפן טיש, האָט עס צעעפנט: אַט זיינען פאַרשיידענע צווענגלעך און שרויפּנציערס... פון ריינעם שטאָל... און אַט זיינען בערשטלעך... אַט דאָס זעגעלע? ס׳איז דאַכט זיך אַזוי דין ,און עס זעגט שטאָל... און אין אַט די קעסטלעך זיינען פאַראַן: שפּינדלעך, פּושענזענעס, האָר־פּעדערס און שטיינדלעך...

דער פאָטער האָט געקוקט מיט וואונדער און דרך־ארץ. הייסט עס: דוד האָט טאַקע דאָס געלט נישט פאַרטאַכלעוועט. ער האָט געוואוסט, וואָס ער וויל... און איצט ווערט דוד אַ מענטש... וועט עפּענען אַ געשעפט... האַ? און אפשר טאַקע? אפשר וועט דאָס לעבן אַ ביסל גרינגער ווערן... אַז גאָט וויל...

— הייסט עס, דוד: דו האָסט דיינס אויסגעפירט.

— יאָ, טאַטע... און דאָס האָב איך דאָך כסדר געטענהט: איך וויל קומען צו אַ תכלית.

רויזע האָט געשפּירט יום־טוב אין האַרצן. דער נחת האָט שטיל געזונגען פון איר. זי האָט מיט שוועריקייט איינגעהאַלטן די טרערן:

— זאָל דיר זיין מיט גליק און הצלחה, דוד. —

אירע אויגן זיינען פאַרלאָפן מיט פייכטקייט:

— איז מיר נאָך אפשר באַשערט אַ ביסל נחת.

— יאָ, מאַמע... וועסט האָבן נחת... וועסט זען, מאַמע...

דוד האָט זיך אויפגעשטעלט, געשטאַנען אַ געשטרעקטער, האָט געפילט גליק אין לייב. פאַרשוואונדן איז געווען דער הויקער... ס׳האָבן געשמייכלט זיינע אויגן, זיינע באַקן. אפילו דער האַלדז האָט געשמייכלט.

דער פאָטער האָט דאַן אונטערגעצויגן אַ סך־הכל:

— ס׳הייסט: דו ווערסט טאַקע אַ מענטש, דוד.

— וועסט זען, טאַטע: די גאַנצע שטאָט וועט דיר נאָך מקנא זיין... איצט דאַרף מען דינגען אַ שטוב, און טאַקע אין מיטן מאַרק... וועט מען איינאָרדענען דעם וואַרשטאַט... וועט מען אויסהענגען די נייע זייגערס... און איך וועל זיך אָוועקזעצן אַרבעטן... וועסט זען, טאַטע.

— ביזט דאָך אַוודאי הונגעריק, דוד! — האָט די מאַמע זיך געכאַפּט.

אויף דער פּליטע האָט געברענט פייער. עס האָט פאַרשמעקט מיט ציקאָריע. דער טיש איז געוואָרן פאַרשפּרייט מיט אַ טישטוך, באַשטעלט מיט ברויט, פּוטער און קעז. די שטוב איז געוואָרן אָנגעפילט מיט פרייד. אין אָרעמקייט האָט אויפגעלויכטן ליכטיקע בשורה. אויפגעריכטקייט איז געקומען. דוד האָט זיך געפילט צעיחוסט, דערהויבן: דאָס האָט ער געברענגט די אויפגעריכטקייט. דער פאָטער האָט אַלע ווײַלע אַ גלעט געטאָן מיט די בליקן דעם זונס פּנים. די מוטער האָט פון אים די אויגן נישט אָוועקגענומען. און צלאָוועס האָט כסדר געשמייכלט דורך דער נאָז.

שפּעטער איז געווען פינצטער אין שטוב. אַלע האָבן זיך געלייגט.

ווען דוד האָט זיך געהאַט צוגעדעקט און פאַרמאַכט די אויגן, האָט ער זיך צעשמייכלט: מאַשע... ער האָט זי דערזען אַזוי, ווי ער האָט זי געזען יענעם פרימאָרגן, ווען ער האָט דאָס ערשטע אויבס געפירט קיין פאַרצעווע. זי איז געשטאַנען אין זון און האָט געשמייכלט... פאַרשטייט זי שוין איצט, אַז אַלץ האָט ער געטאָן פאַר איר? זי האָט אים אויף זיין ברייוו נישט געענטפערט... האָט זיך פּשוט געשעמט... האַ? איז מאַשע נישט געווען מיט משהן און די איבעריקע ביים וואַלד? ס׳קען נישט זיין... מאַשע וועט אין אַזאַ שנײַ און קעלט נישט זיין ביים וואַלד אַזש...

. . . וועט ער אַריינקומען צו מאַשען, וועט אַריינקומען שטיל, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, וועט קוקן אויף איר און וועט שווייגן. זי וועט אויך שמייכלען... נאָר פייכטער גלאַנץ איז אין אירע אויגן... ער שפּירט מיט אַלע גלידער: זי האָט זיך דערפרייט מיט אים... ווען איז ער געקומען? געקומען איז ער נעכטן... וואָס רעדט ער: נעכטן? שוין עטלעכע טעג... ניין... שוין

איבער אַ וואָך... ער האָט שוין געדונגען אַ שטוב... עס הענגען שוין די שילדן... די נייע וואַנט־זייגערס... שוין... ער איז שוין געקומען צו אַ תכלית...

„טאַקע? און ווען האָבן זי חתונה?"

„ווען איך וועל האָבן אַ כלה."

„אַזוי... און ווען אַ שטייגער וועלן זי וויסן, ווער ס'איז די כלה?"

„איך ווייס שוין."

„טאַקע?"

„איך ווייס שוין פון לאַנג."

„ווער איז זי?"

„זי קענען זי אַפילו."

מאַשע ווערט שטאַרק פאַרדרויטלט. זי קען מער נישט אָנהאַלטן דעם אָנשטעל... ווי וואונדערלעך זי שמייכלט. ס'הילכיק לאַכן אירע אויגן... דאָס געלעכטער בלאָזט פון איר פּנים, ווי ווייכער ווינט, גלעט זיין האַלדז און האָר.

מיט מידקייט און מיט מאַשעס געלעכטער איז דוד אין שלאָף געזונקען.

אין אַלקער האָבן טאַטע־מאַמע געשמועסט. זיי האָבן גערעדט שטיל, נחתדיק, ווי מען רעדט אין יום־טוב־נאַכט. הייסט עס: פאַרט באַשערט אַ ביסל נחת... איצט וועט דוד נעמען פאַרדינען... און אפשר... ער האָט דאָך צוגעזאָגט... און דאָס שטיקל פּרנסה קומט אָן שוין גאָר שווער... פויערים האָבן באַקומען שכל: פירן אַליין די תבואה אין גרעסערער שטאָט אַריין... איז אפשר...

— זעסט שוין? און דו האָסט אים געזידלט, מבזה געווען.

— ווער האָט עס געקענט וויסן?

— ער האָט אָבער אַלע מאָל געטענהט: ער וויל אַ תכלית. האָסטו נישט געגלייבט.

— וואָס אמת איז אמת: כ'האָב נישט געגלייבט.

— אָבער איצט זעסטו שוין?

— דערווייל זע איך נאָך גאָרנישט. ס'הייסט: מען דאַרף וואַרטן און זען... עס קען גאָר געמאָלט זיין, אַז פאַרדינען וועט ער טאַקע, נאָר וואָס דען? דאָס פאַרדינסט זאָל ער האַלטן פאַר זיך...

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן... דוד איז אַ גוט קינד... אַ געטריי קינד...

— אפשר טאַקע.

* * *

באַגינען האָט זיך דוד אויפגעכאַפּט: ער האָט דערהערט דעם טאַטנס שעפּטשענדיק קול פון אַלקער אַרויס.

ס׳האָט זיך דערהערט שטיל קרעכצעריי, ווי פון איינעם, וואָס איז אַריין אין דערקוויקנדיקער פרישער וואַסער... דערנאָך איז דער פאָטער אַרויס־געקומען פון אַלקער, האָט אויפגעדרייט דאָס לעמפל, און זיך פאַרוואונדערט:

— שלאָפסט שוין נישט?

— ניין, איך קען מער נישט שלאָפן.

דוד האָט געשמייכלט. אים איז געפעלן דעם טאַטנס ווייך, היימיש קול.

— קענסט נאָך שלאָפן, דוד... ס׳איז נאָך פרי. פאַר וואָס זאָלסטו זיך נישט אויסרוען?

קיינמאָל האָט דער טאַטע צו אים אַזוי נישט גערעדט. אָט, וואָס עס מיינט, אַז מען ווערט אַ מענטש מיט אַ תכלית...

— ניין, טאַטע, כ׳על מיר אָנטאָן. ס׳איז דאָך שוין טאָג... ס׳איז אַ שאָד די צייט... איך וויל זען מכח אַ דירה.

— וואו אַ שטייגער רעכנסטו צו דינגען?

—ביים אַלטן ר׳ ישראלטשען... זיין פאַרנטדיקע שטוב, שטייט נאָך ליידיק?

— יאָ, דאַכט מיר.

דוד האָט זיך גלייך געגומען אָנטאָן. ער האָט דערביי גערעדט באַלעבאַטיש און שכלדיק: מען דאַרף אַריינגיין צו ישראלטשען, נאָר רעדן דאַרף מען גע־לאָסן, נישט געאיילט: זאָל ער נישט מיינען, אַז עס גייט אין לעבן... אדרבה: דירות זיינען פאַראַן אַ סך בעסערע, נאָר וואָס דען? זיין שטוב קען אויך זיין גוט. נאָר אויב ער וויל טייער . . .

יאָסעלע האָט שווייגנדיק אויסגעהערט דודס רייד, און מיט פאַרבאָרגענעם נחת געטראַכט: נישקשה, ער וועט שוין זיין אַ מענטש... און צלאָוווע איז שוין אַ דערוואָקסן מיידל... וועט דוד אפשר טאַקע אַרויסהעלפן...

— און אַז די דירה וועט נאָר זיין געדונגען, וועט שוין גאָט העלפן.

דער פאָטער האָט פאַרלאָשן דאָס לעמפל, האָט געעפנט די לאָדן, און שנייאיקער ווייסער טאָג איז אַריין אין שטוב. אויף די שויבן איז געלעגן פראָסט, ווייסע צווייגלעך מיט בלעטלעך.

דוד האָט זיך אָנגעטאָן דעם פאַלטאָ מיטן פוטערנעם קאָלנער. דער פאָטער האָט געפרעגט:

— זאָל מען שוין גיין צו ישראלטשען?

— נאָר וואָס דען? איך וואָלט געוואָלט וואָס גיכער פאַרטיק ווערן מיט דער דירה... האַ? און אפשר איז טאַקע צו פרי... ישראלטשע קען נאָך מיינען, אַז עס האָט שטאַרק צוגעשפּאַרט.

— וועלן מיר גיין פריער אין בית־המדרש אַריין דאַווענען.. און נאָכן איבערבייס וועלן מיר גיין צו ישראלטשען.

— גערעכט, טאַטע...

יאָסעלע האָט גענומען זיין טלית און תפילין, דוד — די תפילין און ביידע זייגען אַרויס פון שטוב.

רויזע האָט זיי נאָכגעקוקט מיט פייכטע אויגן. האָט זיך עס גאָרנישט געקענט גלייבן: ווי לאַנג איז עס, אַז דער אייגענער טאַטע האָט דודן געזידלט און געמאַכט מיט דער בלאָטע גלייך? איצט גייען זיי צוזאַמען, גייען געלאַסן און שמועסן צווישן זיך אַזוי באַלעבאַטיש... און זי האָט פרום אַרויסגע־שעפּטשעט:

— גאָטעניו... עס זאָל מיר נאָר נישט פאַרשטערט ווערן...

קאַפּיטל זיבעצן

דערגרייכט

גלייך נאָכן אָנבייסן, האָט זיך דוד געווענדט צום פֿאָטער:

— וואָס זשע זיצסטו? דער טאָג שטייט דאָך נישט?

איצט איז דער פֿאָטער נישט בייז געוואָרן פֿון זיין חוצפּה. פֿאַרקערט: ער האָט גוטמוטיק געשמייכלט:

— וואָס איז דאָס איילעניש אַזוי גרויס? ס'איז דאָך ערשט נאָך צען אינדערפֿרי?

— דאָס, וואָס מען האָט אָפּצוטאָן, דאַרף מען נישט אָפּלייגן!

— אויך גערעכט.

און יאָסעלע האָט גלייך גענומען אָנטאָן זיין וואַטאָוון פּאַלטאָ.

זיי זיינען אַרויס אין דרויסן, און די קעלט איז זיי באַפֿאַלן. דער שניי איז געלעגן אַ בלוילעכער, אַ קלאָרער, האָט געסקריפּעט אונטער די פֿיס. און פֿון די נעז האָבן געיאָגט פּאַסעקלעך פּאַרע, ווי זיי וואָלטן גערויכערט פּאַפּיראָסן און געלאָזט דעם רויך פֿון די נעז. און דוד האָט זיך נישט אומגעקוקט אין די זייטן. אים איז אויסגעקומען: פֿון אַלע פֿענצטער קוקט מען אים נאָך: אָט גייט דוד! ער גייט עפּעס אַ געשעפֿט... און מאַשע שטייט איצט ביים פֿענצטער. זי איז נאָר וואָס אויפֿגעשטאַנען, די אויגן אירע זיינען אַזעלכע ליכטיקע, אויסגערוטע און זיינען פֿול מיט וואונדער: פֿאַר וואָס איז דוד נאָך נישט אַריינגעקומען? נאָר — ער וועט נישט אויפֿהויבן די אויגן, נישט איצט... אַז אַלץ וועט זיין פֿאַרטיק, וועט ער דעמאָלט קומען און וועט איר אָנזאָגן:

„אַלץ איז גרייט!"...

עקשנותדיק האָט ער געהאַלטן די אויגן צו דער ערד, כאָטש ביים פֿענצטער פֿון רבקה נחומס הויז איז קיינער נישט געשטאַנען. ער האָט געשפּאַנט מיט גיכע טריט.

— וואָס זשע לויפסטו אַזוי? — האָט דער פאָטער נישט פאַרשטאַנען.

— ס'איז דאָך קאַלט!

דעם אַלטן ישראלטשען מיט דער ברייטער גרויער באָרד, האָבן זיי גע־טראָפן אינדערהיים. ער האָט געפאָרשט מיט פאַרטאָיעטע אויגן:

— צו מיר?

— יאָ. מיר גייען אַרום אָנקוקן אַ דירה... צו עפענען אַ שטיקל קרעמל... אַ סך שטובן שטייען צום פאַרדינגען... דער בחור מיינער, האָט דווקא חשק צו דינגען ביי אהרן וועלוולס. האָב איך געזאָגט: אָט שטייט דאָך ביי ישראלטשען אַ שטוב. לאָמיר אַריינגיין און אַ קוק טאָן.

ישראלטשע איז געבליבן רואיק:

— אָ? די שטוב? איך ווייס נאָך גאָר נישט צי איך וועל זי פאַרדינגען. עס קען גריילעך זיין, אַז איך וועל זי אַליין דאַרפן.

האָט דוד געגעבן אַ זשמורע־צונויף די אויגן, האָט אַריינגעשטאָכן שאַרפע בליקן אין ישראלטשעס תמעוואַטע פנים, און: —

— קום, טאַטע!

ישראלטשע איז צעטומלט געוואָרן: אויף דעם האָט ער זיך נישט געריכט;

— וואו זשע לויפט איר?

— אַז איר ווייסט נאָך נישט... אפשר וועט איר גאָר די שטוב וועלן איינ־מאַרנירן... און איך וויל גלייך דינגען. און ביי אהרן וועלוולס געפעלט מיר גאַנץ גוט, בפרט, אַז קיין סך פאַרלאַנגט ער נישט.

דער אַלטער ישראלטשע האָט אַפילו נישט פאַרשטאַנען: וואָס הייסט אהרן וועלוולס וועט פאַרדינגען די פאַרנטדיקע שטוב? נאָר אַ קשיא אויף אַ מעשה? מען שמועסט טאַקע, אַז לעצטנס גייט אים נישט גוט מיט זיין דיס־טריבוציע געוועלב...

— וויפיל פאַרלאַנגט ער? —

— פאַרלאַנגען פאַרלאַנגט ער פערציק קערבלעך אַ יאָר... נאָר נעמען וועט ער פינף־אונדרייסיק.

דוד האָט עס אָפּגעזאָגט אַזוי גלאַט, שאַרף, און זיכער, אַז דער פאָטער זיינער האָט מיט באַגייסטערונג אַ טראַכט געטאָן: אַהאַ! ער קען דאָך טאַקע די מלאכה פון האַנדלען!...

— מילא... פאַר פערציק קערבלעך, וואָלט איך שוין אויך פאַרדונגען.

אָבער דוד איז קנאַפּ־וואָס נתפעל געוואָרן:

— טאַקע? אַ שיינער פאַרגלייך אַ ביסל: אהרן וועלוולס שטוב און אייער שטוב.

— וויפיל דען?

— פינף־און־דרייסיק גיב איך.

מען האָט זיך אָנגעהויבן דינגען. יאָסעלע האָט זיך נישט געוואָלט מישן:

— ס׳איז זיין געלט... דינגט אייך מיט אים.

אַ פּאָר מאָל איז דוד געשטאַנען ביי דער טיר, גרייט צו גיין. אַ פּאָר מאָל האָט ישראלטשע אויסגעשפּיגן: איידער אַזוי, זאָל די שטוב שטיין ליידיק. זאָל זי אַפילו ברענען... לסוף איז מען מושווה געוואָרן: זיבן־און־דרייסיק קערבלעך... דוד האָט אַרויסגעצויגן פון בוזעם זיין נייעם טייסטער, האָט אַרויסגעצויגן פינף קערבלעך.

ער האָט דאָס פינפערל אַרויסגעצויגן געלאָסן, האָט עס גוט באַטאַפּט מיט די פינגער. דאָס נייע פּאַפּירל האָט זיך געבראָכן, געקנאַקט מיט קלאַנג פון בלעך. ישראלטשע האָט געהאָט הונגעריקע אויגן... דוד האָט דערלאַנגט:

— דאָס איבעריקע אַלע קוואַרטל... אַכט קערבלעך אַ קוואַרטל.

— פאַר וואָס נישט פאַר אַ האַלב יאָר פאָראויס?

— ווער מיינט איר בין איך? ראָטשילד? כ׳על צאָלן פאַר יעדן קוואַרטל אין מיטן פון קוואַרטל.

ישראלטשע האָט געשמייכלט. געוועזן זיכער: „דער גאַרב וועט צאָלן״... האָט דאָס פּאַפּירל אַריינגערוקט אין בוזעם־קעשענע. מען האָט זיך געגעבן די הענט, זיך געוואונטשן:

— זאָל זיין מיט מזל און הצלחה!

דוד האָט גענומען דעם שליסל, איז ער מיטן פאָטער אַרויס פון דער העלפט הויז, וואו ישראלטשע האָט געוואוינט, און אויפגעשלאָסן די אַנדערע העלפט, וואָס איז געשטאַנען ליידיק.

דאָס איז געווען איין גרויסער, ברייטער צימער. אין פראָנט, צום מאַרק, אַ גלעזערנע טיר מיט אַ פענצטער, און צוויי פענצטער ביי דער זייט, צו דער אַפּטייק. דוד האָט אַרומגעקוקט די שטוב, ווי זי וואָלט געווען געקויפט, נישט געדונגען. ער איז דערביי געוואָרן העכער, פולער, געזונטער:

— טאַטע!... דו גיי גלייך אַהיים, און זאָל די מאַמע מיט צלאָווען תיכף קומען. מען דאַרף גלייך די שטוב ריין מאַכן.

— וועסט נישט אויסקומען?

— כ׳על נישט וואַרטן ביז מען וועט מיר די סחורה צושטעלן. מאָרגן פאָר איך נאָך דער סחורה און די שילדן.

דעם גאַנצן טאָג איז שוין דוד פון דער געדונגענער שטוב נישט אָפּ־געטראָטן. ס׳האָט אויסגעזען: אַ לאַנגע צייט האָט דוד זיך געטראָגן אין סכנות איבער שטורעמדיקע וואַסערן, זיך ענדלעך דערשלאָגן צו אַן אינדזל. דערפאַר

שטייט ער אַזוי פעסט אויפן טרוקענעם באָדן, קען זיך גאָרנישט אָנזעטיקן פון באַטראַכטן דאָס אינדזל.

די מוטער און צלאָווע האָבן געראַמט די שטוב. די צעוואַקסענע מויד האָט כסדר געכיקעט אין זיך, האָט מיט צערויטלטע הענט געווישט די שויבן, געוואַשן די טירן. די מוטער האָט געשייערט דעם דיל.

ס'איז שוין געווען פאַרנאַכט, און דער דיאַקאָן האָט געגעבן אַ וואָגן מיט אַ פאַראַבעק, האָט מען אויפן וואָגן אַרויפגעלייגט דודס שלאָפבאַנק מיטן געלעגער, אַ טיש, צוויי שטולן, אַ לאַנגע נישט־געפאַרבטע באַנק, וואָס רויזע האָט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק געקויפט. דוד האָט פאַרכאַפּט אַ לאָמפּ, און מען האָט די זאַכן איבערגעפירט און אַריינגעשטעלט אין דודס דירה. —

ווען אַלץ איז שוין געווען איינגעשטעלט, איז דוד געבליבן שטיין אין מיטן שטוב, און די אויגן האָבן ביי אים געלויכטן. ער האָט דערפילט אין זיך אַזאַ פרייד, אַז ס'איז אים שווער געוואָרן צו אָטעמען.

ער איז געווען אויסגעוואַקסן. דער הויקער איז געווען פאַרשוואונדן. ס'איז גוט און וואויל! ס'איז אַ מחיה צו לעבן!...

דאַן — און ער האָט זיך גענומען צורעכטמאַכן דאָס געלעגער. און ווי ליכטיק עס ברענט דער לאָמפּ, און ווי עס שמעקן די ווענט, און ווי עס שמייכלט די סטעליע... יאָסעלע, וואָס איז דערביי געווען, האָט געלאַכט:

— וואָס טוסטו, וואָס? נאַרישער בחור! וואָס פאַלט דיר איין? וועסט דאָ שלאָפן? עס איז דאָך אַ שטאַרקער פראָסט, די שטוב איז נישט געהייצט, וועסט דאָך געפרוירן ווערן? און איינהייצן? וואו וועסטו איצט נעמען האָלץ?

דוד האָט זיך פאַרשעמט:

— ווער זאָגט דען? מיר איז אַפילו נישט איינגעפאַלן דאָ צו נעכטיקן. וואָס זשע? כ'בין משוגע?

ער האָט פאַרמאַכט די שטוב, האָט פאַרשלאָסן, אַריינגעלייגט דעם שליסל אין קעשענע, און: —

ס'איז נישט געווען קיין שליסל צו אַ פּוסטער שטוב... ס'איז געווען דער שליסל צו זיין גליק...

אין דרויסן האָט זיך געפילט: לינדקייט טראָגט זיך פון ווייטקייטן צום שטעטל. —

גייענדיק אַהיים מיטן פאָטער, זיינען זיי פאַרבייגעגאַנגען רבקה נחומס שטוב. ס'האָט דודן שטאַרק אַ צי געטאָן אַהין. אים האָט זיך פאַרוואָלט אַהין אַריינגיין. אָט וועט ער אַריינקומען און זאָגן: שוין, כ'האָב שוין אַן אייגענע דירה... מאָרגן פאַר איך נאָך דער סחורה, און איבערמאָרגן בין איך שוין אין מיין אייגן געשעפט!

— דוד!

— אַ?

— וואָס זשע ביזטו שטיינגעבליבן?

— כ׳האָב זיך ווענן עפּעס פאַרטראַכט.

דוד האָט געשפּאַנט לעבן פאָטער און האָט געטראַכט: פריער זאָלן די זייגערס הענגען אויף די ווענט, און די שילדן אויף די לאָדן־טירן. זאָל יעדער זען, אַז ער האָט זיינס דערגרייכט. דערנאָך וועט ער אַריינגיין צו מאַשען, און ער וועט שוין גאַרנישט דאַרפן זאָגן. זי וועט שוין אַלץ וויסן און זי וועט שמייכלען...

שפּעטער איז דוד געזעסן אין שטוב ביים טיש, און דער פאָטער איז לעבן אים געזעסן. עס האָט געברענט דער שבתדיקער לאָמפּ, דער מוטערס פּנים איז געווען געליטערט און דוד האָט מיט אַ בלייפעדער געשריבן און גערעכנט: צו דער סחורה וועט ער דאַרפן צוצאָלן... פאַר די שילדן וועט ער אויך דאַרפן באַצאָלן. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען זיין טייסטער, האָט געציילט דאָס געלט. טאַטע־מאַמע האָבן מיט די אויגן געהאָלפן ציילן, און ס׳איז אויסגעקומען, אַז יאָסעלע וועט מוזן צולייגן עטלעכע קערבלעך...

— כ׳על דיר אָפּצאָלן מיט פּראָצענט, טאַטע.

— מאַך זיך נישט נאַריש, דוד... וואָס איז שייך? כ׳על דיר געבן וויפיל נאָר כ׳האָב.

— ער איז דאָך עפּעס אַ טאַטע! — האָט די מוטער אויסגערופן.

ווען איז געווען אַזוי ליכטיק ביי יאָסעלע שאַפּסעס אין שטוב? קיינמאָל נישט! און די פּנימער האָבן געשיינט, און — ס׳האָט געזונגען אין דודן, אַרום דודן. ער האָט דערגרייכט! זיין שטוב וואַרט שוין אויף אים, און אויף . . . מאַשען!

ווען ער וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט ער אַרומגעכאַפּט דער מאַמען, וואָלט זי געגומען קושן און — וויינען הויך אויף אַ קול...

* * *

מיטן טאָג צוגלייך האָט אַ שאַרף סקריפּען זיך צוגעגליטשט צו יאָסעלע שאַפּסעס שטוב, און דער שליטן האָט זיך אָפּגעשטעלט. יאָסעלעס קול האָט גערופן פון אַלקער:

— דוד? דוד!

דוד איז שוין געווען וואַך:

— כ׳הער. דער שליטן איז שוין דאָ.

ס׳איז געוואָרן אַ שטיל גערודער אין שטוב. דוד האָט זיך האַסטיק אָנגעטאָן. רויזע האָט אַריינגעלאָזט מאַסלאָווסקין, דעם אָנטרייבער; האָט גע־

מאַכט פייער. דוד האָט אָפּגעכאַפּט דאָס דאָווענען, האָט שטייענדיק אויס־געטרונקען אַ הייסע גלאָז מילך, האָט צוגעקייט ברויט מיט פּוטער. דאַן — זיך אָנגעטאָן דעם פּאַלטאָ.

— נאָ, דוד... נעם מיין פּאַטשיילע, — האָט די מוטער געזאָגט.

דוד האָט גענומען, איז אַרויס מיט מאַסלאָווסקין צום שליטן.

יאָסעלע האָט געשמייכלט:

— און ווער וואָלט עס זיך אויף אים געריכט? שטענדיק געווען אַזאַ פוילער, אַזאַ פּעפּער, און איצט . . .

— ער וועט שוין זיין אַ מענטש, — איז רויזע געווען זיכער.

— און צום יאַריד, וועט ער שוין גרייט זיין מיט סחורה.

— אַ פּאָלנער מענטש...

בייטאָג איז דוד צוריקגעקומען. דער שליטן איז פאַרפאָרן צו זיין דירה אין מאַרק. מאַסלאָווסקי האָט געהאָלפן אַריינטראָגן די סחורה, די שילדן. דאַן האָט דוד געזאָגט צו מאַסלאָווסקין:

— פאַרפאָר צו אונדזער שטוב. זאָג דאָרט: זאָל דער טאַטע גלייך קומען אַהער.

און אַליין האָט ער זיך גענומען אויספּאַקן די נייע וואַנט־זייגערס.

לינדקייט איז געקומען צום שטעטל. דער הימל האָט זיך געשוואַרצט. דריבנע שנייעלעך האָבן געבלאַנדזשעט אין ליידיקייט. דער מאַרק האָט גע־גאַפּעט. פון קראָמען האָבן קעפּ געשטעקט: האַ? וואָס טוט זיך? אַ ייד, וואָס האָט געאיילט צו מנחה אין בית־המדרש אַריין, האָט אין מיטן איילעניש זיך אָפּגעשטעלט: וואָס מיינט עס? יאָסעלע מיט דודן האָבן געשלאָגן האָקעס אין די לאָדן־טירן פון ישראלטשעס שטוב.

ס'איז צוגעפאַלן דער אָוונט. די שנייעלעך זיינען געוואָרן געדיכטער. אין אַ קרעמל האָט זיך רויטלעך פייערל אָנגעצונדן, און: —

אויף די לאָדן־טירן פון ישראלטשעס שטוב האָבן זיך באַוויזן לאַנגע רויטע שילדן. אויף איינעם איז געווען אויסגעמאָלט אַ ברוינער וואַנט־זייגער מיט גאָלדענע וואָגעס און אומרו, אויפן צווייטן — צוויי זילבערנע וועק־זייגערס, אוןביידע האָבן געמאָלדן מיט גרויסע ווייסע בוכשטאַבן:

„דאַוויד גערשנזאָן“.

„טשאַסאָוואָי מאַסטער“.

קאַפּיטל אַכצן

דערנענטערט

ס'איז געווען אַ שטיק אין אָוונט, און דוד איז געווען אַליין אין זיין שטוב, אין זיין געשעפט. אין אויוון האָט געפלאַקערט. דאָס האָלץ, וואָס דער פאָטער האָט דאָ פאַר אים אָפּגעלייגט, איז געווען שטאַרק טרוקן, האָט עס געקנאַקט און די פלאַמען האָבן פריילעך געשאָרעוועט. דער לאָמפּ — וועלכן ער האָט מיטגעבראַכט פון ראַדזין — האָט געברענט מיט קלאָרער ליכטיקייט, און ער האָט מיט פרומער הנאה אויפן פּנים געקוקט אויף די נייע זייגערס, וואָס זיינען געהאַנגען אויף די ווענט. האָט זיך צוגעהערט צום טיקן פון די אומרועז, און געזען מאַשעס ליכטיק פּנים מיט די שמייכלענדיקע אויגן. —

פאַר דער צייט, וואָס ער איז געווען אין ראַדזין און זיך געלערנט זייגער־מאַכעריי, האָט ער פון מאַשען אַזוי פיל געטראַכט דורך די טעג, געחלומט דורך די נעכט, אַז חלום מיט וואָר האָבן זיך אויסגעמישט: דאָס, וואָס איז געווען חלום, איז געוואָרן וואָר; דאָס, וואָס ער האָט געטראַכט, איז געוואָרן פאַקט. וואָרים: צוליב וועמען האָט ער זיך אַזוי פלייסיק געיאָגט נאָך אַ תכלית?

און אָט איז ער שוין געקומען צום תכלית: עס שלאָגן די אומרועז פון די זייגערס, דער וואַרשטאַט שטייט ביים פענצטער, אויף אים ליגן: בערשט־לעך, צווענגלעך, שרויפנציער... אין דרויסן, אויף די טירן הענגען די שילדן, און: — ביי מאַשען איז ער נאָך נישט געווען. האָט אַפילו נישט נאָכגעפרעגט זיך, וואָס זי מאַכט, און צי איז זי ביים געזונט. מאָדנע: ווי ער איז עס געווען פאַרנומען מיט איינאָרדענען זיין געשעפט, און איז געווען פאַרקאָכט אין די זייגערס. כאָטש וואָס? זיינען דאָך די אַלע זייגערס און דאָס גאַנצע געשעפט נאָר צוליב איר...

ס׳וועט אויסברענען דאָס האָלץ אין אויוון, וועט ער דאָס טירל פאַרמאַכן, וועט די שטוב פאַרשליסן, דעם שליסל אין קעשענע נעמען און וועט גיין צו איר. מאַשען פאַרדריסט שוין געוויס, פאַר וואָס ער איז נאָך ביי איר נישט געוועזן. וואָרים: ווייסט זי דען נישט, אַז ער איז שוין געקומען און דאָס געשעפט געעפנט?

דאָ האָט אַ רודער געטאָן די קליאַמקע פון דער טיר. דוד האָט זיך געגעבן אַ דריי־אויס:

— ווער איז?

און גלייך:

— אָ! משה! זע נאָר ווי פאַרשנייעט דו ביזט!

משה האָט געריעדט שטיל און ס׳איז געווען זאָרג אין זיין קול, אין זיין פּנים, אין די אויגן:

— כ׳בין פאַרבייגעגאַנגען, געזען די שילדן... געזען ס׳איז ליכטיק אין פענצטער, בין איך אַריינגעגאַנגען. וואָס זשע מאַכט מען?

— גוט, זייער גוט האָסטו געטאָן, משה. זעץ זיך... וואָס זשע הערט זיך?

דוד האָט עס געפרעגט מיט רואיק, באַלעבאַטיש קול פון אַ מענטשן, וואָס איז בטבע שטאַרק פאַרנומען, אַפילו ווען ער האָט צייט.

— וואָס זאָל זיך הערן? דער ווינט טרייבט דעם שניי צו די שויבן... טרויעריק, דוד... טרויעריק אויפן האַרצן.

דוד איז געווען פאַרוואונדערט: וואָס איז משה אַזוי ערנסט און פאַר־זאָרגט? האָט ער לייכט געקנייטשט דעם שטערן, און האָט פאַרשטאַנען: אַליין גייט מען אַרום פּוסט און פאַסט... און אַז מען זעט: אַן אַנדערער האָט זיך דערשלאָגן צו אַ תכלית, אַרט עס... ווערט מען טרויעריק.

— און וואָס הערט זיך אין שטעטל? שוין אַריבער דריי חדשים, אַז איך בין געווען אַוועק. וואָס זשע הערט זיך?

— וואָס זאָל זיך הערן אין דעם העק? דערווייל שנייעט. שפּעטער וועט דער פראָסט לאָזן, וועט דער שניי צעגיין, וועט ווערן בלאָטיק און נאַס.

דוד האָט געשמייכלט:

— און שפּעטער וועלן זיך די בלאָטעס אויסטרוקענען, די זון וועט שיינען, די ביימער וועלן זיך צעוואַקסן, וועט זיין זומער.

— אין דעם העק וועט, דאַכט זיך, שטענדיק זיין ווינטער... אַלץ איז דאָ נודנע און לאַנגווייליק.

— נו? — האָבן דודס אויגן געשמייכלט.

— וואָס הייסט „נו“? מיינסט מען כאַפּט אַזוי גרינג און מען לויפט אין דער גרויסער שטאָט אַריין?

— ווער האַלט דיר צו?
— מען לויפט נישט.
— וואָס דאַרף מען לויפן? מען פאָרט.
— נישט יעדערן וויל זיך ווערן אַ זייגערמאַכער.
— ווערט מען אַ דאָקטאָר.
— דאָס איז נישט אַזוי גרינג.

האָט שוין דוד אָפּגעשוויגן, איז צוגעגאַנגען צום אויוון, האָט זיך אָנגעבויגן און אַריינגעקוקט אין פייער. דער פלאַם האָט פאַרגאָסן זיין פּנים מיט קופּער. ער האָט מיט דער קאָטשערע צעשאָרט די דינע גלאָווניעס, די קוילן, געצויגן אַ פריילעכן טאָן: באַלד וועט ער זען מאַשען...

משה האָט דערווייל געשפּאַנט איבער דער שטוב, וואָס האָט געשמעקט מיט ריינקייט. האָט זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט אויף די זייגערס. דאַן איז ער צוגעגאַנגען צו דודן, וואָס האָט שוין געהאַט פאַרמאַכט דאָס טירל פון אויוון, און: —

— ווי עס זעט אויס: ביזטו שטאַרק צופרידן.. האַ?

דוד האָט בלויז געשמייכלט... דאַן האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— און וואָס מאַכט עפּעס מאַשע?

— מאַשע? — האָט משה איבערגעפרעגט און די צערודערונג אין זיין פּנים איז שטאַרקער געוואָרן. — ביזט נאָך ביי איר נישט געווען?

— נאָך נישט... כ׳בין געווען זייער שטאַרק פאַרנומען.

— מאַשע איז קראַנק.

— קראַנק? — איז שרעק באַפאַלן דודס פּנים און אויגן. — וואָס הייסט?

— ס׳הייסט: זי האָט זיך פאַרקילט און איז קראַנק.

— שוין לאַנג?

— עטלעכע טעג שוין.

דוד איז געווען צעטומלט, און אין דער צעטומלטקייט איז געווען באַהאַלטן צופרידנקייט: דאָס, וואָס מאַשע איז קראַנק, האָט איר דערווייטערט פון משהן, און דערנענטערט צו אים... ער האָט זיך גלייך גענומען אָנטאָן דעם מאַנטל:

— מען דאַרף צוגיין אַהין זען, וואָס זי מאַכט... קום: דו גייסט אויך?
— ניין.
— פאַר וואָס?
— כ׳בין ערשט נעכטן דאָרט געווען.
— און ווי זעט זי אויס?

אין משהס בליק איז אַנגעלאָפן וואונדער. און דוד האָט דערשפּירט זיין הויקער. ביז אַהער האָט ער גאָרנישט געדענקט אָן אים... איצט האָט דער הויקער געשפּאַרט דורכן מאַנטל... האָבן זיך זיינע אויגן געווענדט צו די נייע זייגערס... און ער האָט דערפילט טרייסט...

דוד האָט אַראָפּגעדרייט דעם לאָמפּ, האָט פריער דורכגעלאָזט משהן דורך דער טיר, דערנאָך אַליין אַרויס, און פאַרשלאָסן. ער האָט געפּרואווט די קליאַמקע: יאָ, ס׳איז פאַרשלאָסן. האָט ער אַריינגערוקט דעם שליסל אין קעשענע, אָנגעטאָן די הענטשקעס, נייע, לעדערנע הענטשקעס, אוןביידע האָבן זיך צעשיידט. משה איז אַוועק אין דער ריכטונג, צום געסל, וואָס פירט צום נידעריקן שטיבל מיטן שטרוי־געדעקטן דעכל, אין וועלכן ס׳האָט זיך געפונען העניע אברהמטשעס, און דוד איז געגאַנגען מיט איילנדיקע טריט צום הויז, אין וועלכן ס׳האָט געוואוינט מאַשע. —

קיין הימל איז איצט נישט געווען צו זען. די ליידיקייט איז געווען פול מיט ווייסע פעדערלעך. דער שניי איז געפאַלן געדיכט און לאַנגזאַם. די הייזער זיינען געשטאַנען נידעריקע, פאַרשנייעטע, ווי פאַרלאָזטע „סטויגעס" היי אין פעלד. פון פענצטער האָבן געוואונקען קליינע פלעמלעך, און עס האָבן גע־קרעכצט טרוקענע צווייגן פון עלנטעביימער. דוד האָט געשפּאַנט האַסטיק, האָט געשפּאַנט מיט זיין שטעקן, און ס׳האָבן אים באַגלייט די קלאַפּעריען פון די זייגער־אומרוען. ער האָט געטראָגן די בשורה צו מאַשען:

— שוין. איך בין שוין געקומען צו אַ תכלית... איצט וועסטו פאָרן צו די גרעסטע דאָקטוירים... און דו וועסט געזונט ווערן. אין געלט וועט קיין מניעה נישט זיין... די זייגערס הענגען שוין אין דער נייער דירה...

ווען ער איז צוגעקומען צום הויז, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, און די דרייסטקייט האָט אויסגעוועפּט. די בשורה, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיינע ליפּן, האָט פאַרקילט: ער האָט געדענקט משהס בליק און האָט ווידער דער־פילט: דער הויקער שפּאַרט פון זיינע פּלייצעס... איצט האָט ער נישט געהערט דאָס טיקן פון זיינע זייגערס...

איז ער אַ ווײַלע געשטאַנען צעשראָקן. אָבער: —

ער האָט אָנגעקלאַפּט אָן טיר פון פאָדערהויז. פון אינעווייניק האָט גע־שפּאַרט געדיכטע שטילקייט. האָט ער ווידער אָנגעקלאַפּט, און דערביי אַ טראַכט געטאָן: אפשר אַוועקגיין? נאָר דאָ: ער האָט געהערט ווי עס עפנט זיך די טיר פון שטוב אין פאָדערהויז אַריין, ס׳האָבן געשאַרפּיעט טריט. דער־נאָך איז געקומען רבחהס קול:

— ווער איז?

— ס׳איז איך... דוד.

— דוד? דוד רויזעס?

— יאָ.

די טיר האָט זיך געעפנט. דוד איז אַריין:

— גוט נאָווענט.

— גוט נאָווענט, גוט יאָר.

אָבער רבקה האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. זי האָט אויסגעזען צעטומלט, האָט זיך געהילט אין דער פאַטשיילע, האָט געפינטלט מיט די אויגן:

— מאַשעלע פילט זיך נישט מיט אַלעמען...

— זי איז נישט געזונט?

— זי האָט זיך אַ ביסל פאַרקילט... ליגט זי שוין אין בעט. וועסטו מוחל זיין, דוד...

— נו, געוויס... געוויס...

— וועסט אַריינקומען אַן אַנדערש מאָל.

— אַ גוטע נאַכט...

— אַ גוטע נאַכט... אַ גוט יאָר.

דוד איז אַרויס. די טיר האָט זיך נאָך אים פאַרמאַכט. איצט איז דוד געווען פול מיט צערודערונג און אים האָט ווי געטאָן דאָס האַרץ פון דעם, וואָס ער האָט די בשורה צו מאַשען נישט דערטראָגן...

איז וואָס זאָל ער איצט טאָן, און וואו זאָל ער איצט גיין? די נישט־דערטראָגענע בשורה האָט אים קיין רו נישט געגעבן. די אומגעדולד האָט אים געטריבן און ער האָט געשפּאַנט. דער שניי האָט זיך געזעצט אויף אים, האָט גענעצט זיין פּנים, די ברעמען, און ער האָט געשפּאַנט. איז צוגעקומען צום בית־המדרש, געוואָלט אַריינגיין, חרטה געהאַט און אַוועקגעשפּאַנט אין מאַרק אַריין. ער האָט געשפּאַנט געלאַסן, האָט געטראַכט און נישט געוואוסט, וואָס ער טראַכט. —

דער מאַרק איז שוין געווען איינגאַנצן פאַרלאָזט. די לעצטע קראָמען האָבן זיך שוין געהאַט פאַרמאַכט. דער קלויסטער האָט געקוקט מיט שוואַרצע שויבן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי פאַרטאַיעטע קאָטערס. אין דודן האָט אויפגעשריגן די בענקשאַפט צו זיינע זייגערס. האָט ער געגומען שפּאַנען האַסטיקער. —

איז ער אַריין אין זיין שטוב. שמעקעדיקע וואַרעמקייט האָט אים אַרומ־געכאַפּט. האָט ער אַרויסגעדרייט דעם לאָמפּ, אויסגעטאָן דעם מאַנטל און: — ווי וואונדערלעך עס קלאַפּן די אומרוען! זיי זינגען אַ פּרעכטיק געזאַנג!

— טיק־טאַק! טיק־טאַק! די שווערקייטן זיינען פאַרביי... צו איינזאַמ־קייט נעמט אַ סוף... טיק־טאַק! טיק־טאַק! דער וועג איז איצט אַ גלייכער... אַ קלאָרער... טיק־טאַק! טיק־טאַק! ס׳וועט שיינען די זון, און מאַשע וועט לייכטן ווי די זון!... טיק־טאַק! טיק־טאַק! צו דאָקטוירים וועט ער זי נעמען... אויסגעהיילט וועט זי ווערן... טיק־טאַק! טיק־טאַק! עס גייט אַ ליכטיקער מאָרגן... ער וועט קומען... ער וועט קומען...

דוד האָט געשמייכלט צופרידן. האָט די טירן־לאָדן פאַרמאַכט אויף די קייטלעך. די שילדן האָבן דורך שויבן איצט געקוקט אינעווייניק אַריין. איצט וועט ער זיך לייגן, וועט איינשלאָפן אונטערן געזאַנג פון די אומרוען.

אין מיטן אויסטאָן זיך, איז דוד געבליבן פאַרגליווערט און דאָס האַרץ איז ראַפּטום פאַרקלעמט געוואָרן. הייס בענקשאַפט האָט פאַרגאָסן זיין ברוסט. עס האָט אים אַזש געשטיקט אין האַלדז: ווען ער קען זי איצט זען! ווען ער קען דורך אַ שפּאַלט אין לאָדן אויף איר אַ קוק טאָן! ווען ער זאָל בלויז איר שטים הערן! מאַשע... מאַ־שע...

זיינע אברים האָבן אויפגעגליווערט, און ער האָט זיך האַסטיק גענומען צוריק אָנטאָן. ווען ער איז שוין געווען אָנגעטאָן, איז ער ווידער געבליבן אַ ווײַלע פאַרגליווערט: ס׳איז שוין אפשר צו שפּעט... דאַן האָט ער פאַרלאָשן דעם לאָמפּ, איז אַרויס פון שטוב, פאַרשלאָסן די טיר און זיך אַוועקגעלאָזט.

איצט האָט ווינט געשריגן און געוויקלט ווייסע כוואַליעס איבער מאַרק. ווייסער שטויב האָט זיך געדרייט מיט געפייפעריי, האָט באַשאָטן פּנים און אויגן. די הייזער זיינען געשטאַנען אונטערטעניק, געשטאַנען מיט פאַרמאַכטע לאָדן און זיך נישט געוואָרט. דער ווינט האָט געשריגן איבער דעכער, זיך געוויקלט אַרום קוימענס, און דוד איז געגאַנגען, האָט געקאָפּעט דעם שניי, זיך אָנגעשפּאַרט אָן שטעקן, און דאָס האַרץ האָט אים געשראָקן. ער האָט די שרעק נישט פאַרשטאַנען, אָבער פאַרטרייבן זי פון זיך האָט ער נישט געקענט.

ער איז צוגעקומען צו רבקה נחומס שטוב, זיך אָפּגעשטעלט און זיך אַרומ־געקוקט: שטיל אַרום. בלויז ווינט און שניי, מער קיינער נישט. אין בית־המדרש איז שוין אויך פינצטער, בלויז אַ פלעמל פון בר־תמיד ווינקט דורך די שוואַרצע שויבן. וואָס זשע זאָל ער איצט טאָן? אַהאַ! ער האָט זיך געלאָזט מיטן געסל, וואָס איז געלעגן צווישן דיאַקאָנס סעדל און רבקהס שטוב. ער איז אַריין אין גאָרטן און זיך אַוועקגעשטעלט הינטערן פענצטער פון מאַשעס אַלקער. געבליבן שטיין מיט גרויסע אויגן אין גרויס דערוואַרטונג.

דורך דעם ברייטן שפּאַלט אין לאָדן, האָט ליכט געשיינט. דאָס פּאַסעקל ליכט איז געלעגן אויפן שניי ווי ליכטיקע סטענגע. די סטענגע האָט אַלע ווײַלע געציטערט.

דוד איז צו גאָר נאָענט צום פענצטער. אַלע אברים האָבן געגאַרט נאָך מאַשעס שטים. דאָס גאַנצע לייב זיינס האָט געלעכצט נאָך איר קול. אָבער — שטיל. אַפּילו קיין אָטעם האָט זיך נישט געהערט, ווי קיינער וואָלט דאָרט נישט געווען; ווי מען וואָלט געהאַט דאָס הויז פאַרלאָזט און פאַרגעסן דעם לאָמפּ צו פאַרלעשן...

ער האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין. האָט אַ זיפץ דערגרייכט צו אים. נאָכן זיפץ איז געקומען אַן „אוי״... דאַן — אַ שאַרפיען איבערן דיל, און — הויל הוסטן. דער הוסט האָט זיך געקייטלט, הוסט אין הוסט, העכער, אויסגעצויגענער, מיט אַ פאַרכלינעכץ, און אַ קול — דער מוטערס קול האָט זיך, געבעטן:

— מאַשעלע... מאַשעלע... קינד מיינס...

דער הוסט האָט זיך ענדלעך איבערגעבראָכן מיט פייכטן קוויטש, האָט געצויגן נאָך זיך אַ שפּייען... דערנאָך: אַ קרעכצן פון פאַרמאַטערטקייט:

— אוי... אוי... אוי...

דודס האַרץ איז געווען פאַרקלעמט. שרעק האָט געשריגן אין אַלע זיינע אברים. און אָט: מאַשעס קול איז געבראָכן, ווייבעדיק, פול מיט שרעק:

— מאַמע... מאַמעשי... כ׳האָב מורא... זעסט? —

— נו, יאָ... כ׳זע... אָבער שרעק זיך נישט, טאָכטער... ס׳עט איבערגיין...

— מאַמע... עס שטיקט...

— נו שאַ, טאָכטער... נאַ... טרינק אַ ביסל מילך...

שטיל אַ ווײלע. מאַשע האָט געקרעכצט ווי נאָך שווערע אַרבעט. און רבקהס קול האָט זיך געבייזערט אויף ביטער מזל:

— נישט געווען געדאַרפט פאָרן... אַ „קוליק״ אין מיטנדערינען... איז אָבער דער משה צוגעשטאַנען... האָסטו געכאַפּט אַ פאַרקילעכץ...

— אוי, מאַמע...

— אָבער ס׳וועט איבערגיין... שרעקן דאַרפסטו זיך נישט... פון איצט אָן, וועסטו זיך דאַרפן בעסער אָפּהיטן.

דוד איז געשטאַנען אַ געקאַרטשעטער. איצט איז אים קלאָר געווען, פאַר וואָס משה האָט אויסגעזען אַזוי פאַרזאָרגט... פאַר וואָס ער האָט מיט אים נישט געוואָלט גיין צו מאַשען... איז ער דאָך שולדיק אין איר קראַנק זיין איצט. ער שעמט זיך פשוט זיך צו ווייזן פאַר אירע אויגן... הייסט עס: מאַשע איז געווען מיט חברה אין שניי ביים וואַלד...

ערגעץ האָט אַ קאַץ זיך צעמיאַקעט. אַן אָפּגעריסענער האַווקע פון אַ הונט האָט זיך דערטראָגן. אין שטוב איז שוין געווען שטיל. ס׳האָט זיך געהערט

אַ פלאַקערן פון פייער אויף פליטע: די מוטער וואַרעמט מילך פאַר איר קינד...

דוד איז אַוועק פון פענצטער, האָט געשפּאַנט דורך געסל. דער ווינט האָט אַלץ געשריגן. דער שניי האָט מעליק געשיט. פאַר טירן איז דער שניי געלעגן אין בערגלעך מיט שאַרף־געהאַקטע ברעגן. נאָר: —

דער ווינט האָט איצט געטראָגן מיט זיך לינדקייט. דער פראָסט איז געװען געבראָכן. עס האָט געשמעקט מיט דערנענטערונג פון רעגן...

דוד האָט געשפּאַנט מיט מידע פיס. אין אים איז געװען שרעק, נאָר אין דער שרעק איז געלעגן באַהאַלטן טרייסט. משה האָט מאַשען קראַנק געמאַכט... און ס׳איז געקומען די צייט ער זאָל זי געזונט מאַכן... איר איצטיק קראַנק זיין האָט איר אינגאַנצן דערװייטערט פון משהן און דערנענטערט זי צו אים... ס׳איז גוט וואָס אין זיין דירה הענגען שוין די נייע זייגערס און עס קלאַפּן די אומרוען... זינגען דאָס געזאַנג פון דערנענטערונג...

קאַפּיטל נײַנצן

אַ מאַרק־טאָג

שווייגנדיק־כמורנער פרימאָרגן האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מאַרק, האָט געגאַפּעט מיט גרויסע, גרויע אויגן: וואָס וועט דאָ זיין? פייכטער ווינט איז אָנגעלאָפן פון דרום, האָט זיך געגליטשט איבער שויבן און דעכער, האָט געטונקלט דעם שניי, וואָס האָט זיך גענומען זעצן, און קרעמער האָבן זיך געאיילט צו זייערע קראָמען, און בעל־מלאכות האָבן פון געסלעך געטאַסקעט טישן און ברעטער אין מאַרק אַריין, גענומען אויפקלאַפּן געשטעלן: אַ יאַריד וועט זיך אַוועקשטעלן. פון אַלע טראַקטן האָבן זיך געצויגן פויערישע וועגענער און שליטנס, ווי שטראָמען האָבן זיי זיך געגאָסן אין מאַרק אַריין. די שטראָמען האָבן געפּלייצט, זיך צעפּלייצט און פאַרפּלייצט דעם גאַנצן מאַרק מיט די אַרומיקע געסלעך. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ הירזשען פון פערד, רעווען פון בהמות, מעקען פון קעלבלעך און שעפּסן, און ריטשען פון חזירים. האַמערס האָבן געקלאַפּט, פויערים האָבן אויף קולות זיך באַגריסט. פון שטאַנגען האָבן געוואונקען בורקעס, ווייסע פעלצלעך מיט קאָלירטע וולִיטשקע אויסגענייט, שוואַרצע שטיוול מיט פאַרביקע שאַליקעס, קרענצלעך קנאָבל און ציבעלעס, היטלען מיט גלאַנציקע דאַשקעס און באַרינקאָווע קוטשמעס. סוחרים האָבן זיך געריבן די הענט, האָבן זינגענדיק גערופן קונים, און דער יאַריד האָט זיך געשטעלט. —

פאַרן קלויסטער, הינטער וועגענער מיט אויפגעהויבענע „האָלאָבליעס“, איז געזעסן אויף היי אַ בעטלער. די אויגן זיינע זיינען געווען איבערגעצויגן מיט מילך־הייטלעך, האָבן זיי אויסגעזען פאַרפרוירן. די פּיס האָט ער געהאַלטן פאַרלייגט אונטער זיך. ער האָט כסדר באַוועגט מיט די ברעמען, זיינע הענט האָבן געצויגן אַ קאַטערינקע, האָט געזונגען מיט קויטיק קול און מיט קלויסטערישער פייערלעכקייט, האָט אַלע ווילע איבערגעריסן דאָס שפּילן און זינגען,

האָט זיך געצלמט און גערופן די נעמען פון זיינע „היליקע״, האָט געוואָלט דערוועקן רחמנות אין שטיינערנע פּויערישע הערצער. —

דער יאַריד האָט זיך צעברענט, דער האַנדל האָט זיך צעפלאַקערט. דער ווינט האָט געבלאָזן מיט פייכטקייט און די ענגשאַפט איז געשטיגן, געוואָרן געדיכטער. וועגענער און מענטשן זיינען געווען צונויפגעדרענגט. האָט מען זיך געדונגען, געפליאַסקעט איבער האַרטע הענט, געפּאַשטש איבער פּלייצעס, האָט מען פאַרזיכטיק געציילט געלט, פעסט געהאַלטן די סחורות, זיך געקוקט אין די פנימער אַריין. —

און דוד איז געווען ביזן האַלדז פאַרזונקען אין פאַרטראָגנקייט, אַלע אברים האָבן געברענט פון דערהייבונג. אין שטוב איז געווען אַ געדרענג פון פּויערים, היימישע און פרעמדע. מען האָט געדונגען וואַנט־זייגערס, באַטאַפּט וועקערס, געגלוסט צו קעשענע־זייגערלעך. מען האָט געדרייט מיט די קעפּ, געווען פאַר־וואונדערט און מען האָט זיך געשטופּט אַרום דודן.

יאָסעלע, רויזע און צלאָווע זיינען אויך געווען אין געשעפט. האָבן געקוקט די פויערים אין די הענט אַריין, האָבן אַכטונג געגעבן, עס זאָל זיך צו זיי עפּעס נישט צוקלעפּן. און דוד — אַ דערהיצטער — האָט זיך דווקא געהאַלטן זייער רואיק, האָט זיך נישט געאיילט צו פאַרקויפן. האָט גערעדט געלאַסן, האָט דערביי געשמייכלט מיט ווירדע: צי דער זייגער וועט גיין? פאַר פינף יאָר קען ער ערוב זיין... אויף אַ יאָר וועט ער אַרויסגעבן אַ גאַראַנטיע... דאָס זייגערל? עס דאַרף האָבן גאָר אַ גרויסע „אָפּעראַציע״... עס לוינט זיך נישט... פאַר דעם געלט וואָס עס דאַרף קאָסטן דאָס פאַרריכטן, קען ער האָבן אַ שפּאָגל ניי זייגערל...

דוד האָט געאָטעמט אַזוי לייכט, ווי עס וואָלט אין דרויסן געשטאַנען צע־בליטער פרילינג. און דוד האָט געוואוסט ווי צו רעדן צו די פויערים. און וואָס ער האָט געזאָגט, האָט מען אים געגלויבט: צו וואָס דאַרף עד אָט די אַלטע „טראַנטע״? די רעדלעך אינעווייניק זיינען דאָך פאַרזשאַווערט! דאָס זייגערל איז געווען אין וואַסער. נישט אַזוי? אָט זעט ער שוין. ער וועט צוצאָלן און וועט האָבן אַ ניי זייגערל. אי ס׳איז שיין, אי ס׳וועט גיין!

יאָסעלע האָט געשמייכלט:

— „מיט אַזאַ פּיסקל ווערט מען נישט פאַרפאַלן...״

רויזע האָט געהאַט פרומע אויגן:

— „עס זאָל מיר נאָר נישט פאַרשטערט ווערן.״

דוד האָט פאַרקויפט זייגערס, געביטן זייגערס, האָט אָנגענומען צו פאַר־ריכטן זייגערס, האָט אַרויסגעגעבן געדרוקטע צעטעלעך און אויף יעדן אונטער־

געשריבן זיין פולן נאָמען: „דאַוויד גערשנזאָן". ער איז געווען אַזוי פאַר־האַוועט, אַז ער האָט גאָר נישט געדענקט אָן עסן.

דאָס איז געווען דער ליכטיקסטער טאָג אין דודס לעבן. אַ טאָג, וואָס האָט אים פעסט אַוועקגעשטעלט אויף זיינע פיס. אַ טאָג, אין וועלכן ער האָט זיך דערפילט זיכער אויף דער וועלט; אַ טאָג, ווען אַלע אברים האָבן געזונגען מיט דער פרייד פון זיין באַלעבאָס איבער זיך אַליין. דער טאָג איז געווען דאָס לעצטע בריקל, איבער וועלכן ער האָט דערשפּאַנט צו זיין אויסגעחלומטן פּאַלאַץ...

* * *

דער פאַרנאַכט איז אָנגעקומען אַ בייזער, אַ פינצטערער. דער ווינט האָט אָנגעבראַכט שוואַרץ־וואָטענע כמאַרעס מיט פולע בייכער. אַ דיין רעגנדל האָט גענומען טריפן און פאַרדומפּענער בלאָטע־ריח האָט גענומען שלאָגן. דאָס געפילדער אין מאַרק האָט זיך געזעצט, די קאָטערינקע איז פאַרשטומט געוואָרן. ערגעץ־וואו האָט נאָך אַ חזיר זיך געריסן מיט באַנומענע קולות פון אַ זאַק אַרויס, אַ פערד האָט געהירזשעט, און שליטנס האָבן זיך געאיילט צו פאַרלאָזן דעם מאַרק איידער דער שניי ווערט אינגאַנצן צעגאַנגען.

ביי דודן אין געשעפט איז געוואָרן שטיל און ליידיק. איין פויער נאָך האָט זיך געדונגען, זיך געקראַצט אין פּאַטילנעצע, האָט זייער חשק געהאַט צו אַ וועקזייגער און זייער קיין חשק נישט געהאַט צו באַצאָלן.

מיט אַמאָל — איז דער הימל געוואָרן פינצטער. דער רעגן איז געוואָרן געדיכטער, טומלדיקער. ס'האָט גענומען רינען פון די דעכער. פויערים האָבן זיך געהילט אין פלאַכטעס, אַרויף אויף די וועגענער, און — אַוועק.

דער מאַרק איז געוואָרן ליידיק. דאָ און דאָרט איז נאָך געשטאַנען אַ וואָגן, דאָס פערד צווישן די האָלאָבליעס מיטן קאָפּ אין וואָגן אַריין, האָט געטרייסלט די נאַסע פעל, האָט רעגלמעסיק געקייט פון טאָרבע, און געוואַרט אויפן פויער, וואָס האָט געשיכורט אין שענק.

ס'איז שוין געווען אַ שטיק אין אָוונט, און דוד איז געווען אַליין.

ער איז געווען שטאַרק מיד פון טאָג. מיד פון דער גרויסער פרייד... ניין, ער וועט איצט נישט גיין אַהיים עסן. אָט דאָ, ביי זיך, וועט ער עסן. ער האָט אָפּגעדאַוונט מנחה און מעריב. ער האָט זיך אַריינגענומען אַ טשייניק טיי, פרישע זעמל, וואורשט, האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ. דער לאָמפּ האָט געברענט ליכטיק און די זייגערס האָבן פריינטלעך צו אים געזונגען. ער האָט געעפנט דאָס טירל פון אויוון. דער „זשאַר" איז נאָך דאָרט געווען, האָט ער אַריינגעוואָרפן עטלעכע שייטלעך האָלץ, און גלייך האָט פלאַם זיי אַרומגעכאַפּט. —

ער האָט געגעסן געלאַסן, מיט הנאה. די מידקייט האָט זיך שווער געלייגט אויף זיינע אַקסלען...

אָפּגעגעסן, האָט ער פאַרמאַכט די דרויסנדיקע טירן אויף די קייטלען, האָט זיך אַוועקגעזעצט, געציילט דעם פּדיון, האָט אויסגערעכנט דאָס ריינע פאַר־דינסט, און ס׳האָט געשמייכלט זיין פּנים, און ס׳האָט געשמייכלט דאָס גאַנצע לייב זיינס:

שוין. ער איז אָנגעקומען צום געגאַרטן לאַנד... מאָרגן נאָכן אָנבייסן וועט ער אַוועק צו מאַשען: ס׳איז געקומען די צייט ער זאָל פאַר איר זאָרגן... ער וועט זי נעמען צו אַ דאָקטאָר קיין ראַדזין... ניין: ער וועט דעם דאָקטאָר ברענגען צו איר... זי דאַרף גאָרנישט מורא האָבן... זי וועט שוין ביי אים געזונט ווערן... איצט וועט ער זיך לייגן.. ער איז אַזוי מיד... נאָר מאָרגן...

דער רעגן האָט געשמיסן די פענצטער, געוואַשן די שויבן...

קאַפּיטל צוואַנציק

פּ י נ צ ט ע ר

מאַשע איז געלעגן פאַרטאַיעט מיט פאַרמאַכטע אויגן, נאָר אונטער די אויגנדעקלעך האָט עס פאַרבאָרגן וויברירט. דאָס אָפּגעצערטע פּנים האָט געגליווערט, נאָר אונטער דער גליווערונג האָט זיך אומרו געגאָסן. די רעכטע האַנט איז שווייגנדיק געלעגן אויפן צודעק און די פינגער האָבן זיך זייער לאַנגזאַם באַוועגט. ס'האָט אויסגעזען: זי שלאָפט וואַכעדיק. אויפן ווייסן האַלדז האָט געציטערט בלויער אָדער. די מוטער איז געזעסן לעבן פענצטער. טראָפּנס האָבן זיך צעגאָסן, געצויגן שנירלעך איבער די שויבן.

פון מאַשעס ליפּן האָט אַראָפּגעבלעזלט:

— לייזער. —

— מאַשעלע, — האָט די מוטער געזאָגט.

מאַשעס אויגן האָבן זיך געעפנט. זיי האָבן געקוקט אַזוי שטיל ווי ווינטערדיקער אָוונט:

— כ'האָב איצט געזען לייזערן.

— ס'האָט זיך דיר געחלומט.

— כ'בין נישט געשלאָפן...

— טאָכטערשי. —

מאַשע האָט אָפּגעזיפצט:

— קיינער נישטאָ?

— איך בין דאָ. אָט בין איך.

— ס'רעגנט אין דרויסן?

— דער רעגן וועט אויפהערן.

— ס'איז פאַר פּסח...

— ס'עט ערשט זיין פורים.

מאַשעס אויגן האָבן לאַנגזאַם געבלאָנדזשעט איבערן אַלקער:
— קיינער נישטאָ? קיינער.
— איך בין דאָ.
— מאַמע... פאַר וואָס טוט מען גאָרנישט? איך האָב מורא...
— שרעק זיך נישט, קינד... וועסט געזונט ווערן... גאָט וועט העלפן...
— און דאָס? — האָט זי אַ באַוועג געטאָן מיטן קאָפּ צום רויטן פלעק אויף קישן.

דער מוטערס פּנים איז געווען פאַרפרוירן.
— מאַמע... דו שווייגסט.
— וואָס זאָל איך רעדן? עס טרעפט... אַ סך מענטשן פאַרקילן זיך... ליגן קראַנק... און מען ווערט געזונט.
— פאַר וואָס שיקסטו נישט נאָך אַ דאָקטאָר?
— כ'על שיקן...
— האָסט נישט קיין געלט?

ס'האָט זיך דערטראָגן אַ קלאַפּן אָן דער דרויסנדיקער טיר. די מוטער איז אויפגעשטאַנען. זי איז אַרויס אין פאָדערהויז, האָט אַריינגעלאָזט דודן. אין שטוב האָט דוד געפרעגט:
— וואָס מאַכט זי?
— נישט געזונט.
— זאָל איך פאָרן און ברענגען אַ דאָקטאָר?

רבקהס אויגן האָבן זיך איבערגעגאָסן מיט גלאַנץ. זי האָט פאַרהוילן אַ שלונג געטאָן, האָט צעעפנט די ליפּן, געוואָלט עפּעס זאָגן, נישט געזאָגט און אַריין אין אַלקער:
— דוד איז דאָ.
— ווער?
— דוד.
— זאָל ער אַריינקומען.

די מוטער האָט זיך דערנענטערט צום בעט. האָט מיט איין האַנט פאָר־זיכטיק אויפגעהויבן מאַשעס קאָפּ און מיט דער אַנדערער איבערקערט דאָס קישן...

דוד האָט מיט זייער שטילע טריט אַריבערגעשפּאַנט די שוועל אין אַלקער אַריין, האָט דערזען מאַשעס פּנים, וואָס האָט אויסגעזען קינדעריש און באַ־ליידיקט, האָט בלאַסקייט באַדעקט זיין געזיכט. מאַשע האָט געקוקט אויף אים, האָט געשמייכלט מיט אַ נייעם שמייכל. אַזאַ שמייכל האָט נאָך דוד פון איר קיינמאָל נישט געזען. און ער האָט אַרויסגעמורמלט:

— מאַשע...

דאָס וואָרט האָט אַראָפּגעציטערט פון זײַנע ליפּן... די מוטער האָט געהאַט אָנגעגאָסענע אויגן.

— קומען זי נענטער. —

דוד איז צוגעגאַנגען:

— וואָס איז אין, מאַשע?

— איך בין קראַנק.

ווידער האָט זי געשמייכלט מיט דעם נײַעם שמייכל:

— און זי האָבן געעפּנט אַ געשעפט.

— יאָ... און איך האָב שוין אַפילו גאַנץ גוט געלייזט נעכטן... און איך בין געקומען זאָגן... איך וועל פאָרן און ברענגען אַ דאָקטאָר... כ׳על ברענגען דעם ראַדזינער דאָקטאָר... זאָל איך? מאַשע . . .

איצט, און דוד האָט דערשפּירט מאַשעס אויגן אויף זײַן פּנים... ליכטיקייט האָט ער געשפּירט אויף זײַן געזיכט. דאָס האַרץ האָט אין אים געצאַפּלט. מאַשע האָט געזאָגט:

— יאָ... אַ דאָקטאָר... דוד.

מאַשע האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן. פּאַרב איז אַנגעלאָפן אין אירע אײַנגעפאַלענע באַקן. דער הוסט האָט גענומען שטיקן. די מוטער איז צו צום בעט.

— קינד מײַנס... מאַשעלע...

דודס ווערטער זײַנען געווען האַסטיק:

— איך לויף... כ׳לויף נאָך אַ דאָקטאָר... גיט דאָ אַכטונג אויף איר...

רבקה האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, און דוד איז אַרויס.

דוד איז געלאָפן אין איין אָטעם. פון זײַנע טריט האָט געשפּריצט מיט צעגאַנגענעם שניי און בלאָטע. ער האָט קײנעם נישט געזען, קיין זאַך נישט באַמערקט. ער האָט געאײַלט צו מאַסלאָווסקין. זײַן גוף איז געווען אָנגעגאָסן מיט אומגעדולד. אָט און עפּעס פּלאַצט אין אים... ער האָט האַסטיק געצויגן דעם אָטעם, דאָס האַרץ האָט געשלאָגן מיט האַרטע קלעפּ. די קלעפּ האָבן געהילכט אין די אויערן. ער איז אַרײַן צו מאַסלאָווסקין אין שטוב. האָט דעם גוי געטראָפן בײַם עסן:

— גיכער, פּאַניע... גיכער!

— וואָס איז דען?

— גלײַך שפּאַנען די פערד... צוויי פערד... כ׳על באַצאָלן... אָבער שנעלער...

— —

ס'איז שוין געווען אָוונט, ווען דוד איז געקומען מיטן ראַדזינער דאָקטאָר. ס'האָט נאָך אַלץ גערעגנט. די הייזער זיינען געשטאַנען מיט נאַסע, שוואַרצע ווענט. אויף דעכער זיינען געלעגן פאַרהאַרטעוועטע שטיקער שניי. פון געסלעך האָבן געבויגענע יידן געאיילט אין בית־המדרש אַריין. דוד איז דער ערשטער אַראָפּ פון וואָגן. דער דאָקטאָר איז זייער לאַנגזאַם אַראָפּגעשטיגן. פון דודן האָט הייסע אומגעדולד געליאַרעמט:

— שנעלער... פּאַניע דאָקטאָרזשע...

— אַ שוועסטער? — האָט דער דאָקטאָר אַריבערגעקוקט זיינע פאַר־הויכטע פּענסנע־גלעזלעך.

— מער... מער ווי אַ שוועסטער...

— אַהאַ.

זיי זיינען אַריין אין שטוב. רבקה איז זיי אַנטקעגנגעקומען פון אַלקער אַרויס. איר פּנים — ווי אַ אַ מענטש אין תענית.

— וואָס מאַכט זי? — האָט דוד געפרעגט.

— איצט איז זי שטיל.

דער דאָקטאָר האָט אויסגעטאָן די בורקע, דאָס פוטערנע היטל. האָט אַ פּאָר מאָל טיף אָפּגעאָטעמט, די דינע נאָז־ווענטלעך זיינע האָבן זיך האַסטיק באַוועגט, האָט מיט צוויי פינגער אַראָפּגענומען די פּענסנע פון דער נאָז, מיט אַ ווייס טיכל זיי אויסגעווישט, צוריק אָנגעטאָן, מיט איין האַנט אַ גלעט געטאָן דאָס בלאָנדע, פאַרשניצטע בערדל:

— די קראַנקע וואו איז?

— אַהער, פּאַניע דאָקטאָרזשע.

דוד איז גלייך געווען ביי דער שוועל פון אַלקער, האָט דורכגעלאָזט דעם דאָקטאָר, רבקהן. אַליין האָט ער זיך צוריקגעצויגן. ער איז אַריין אין קיך. אויף דער פּליטע איז געווען פייער. פון אַ טשייניק האָט דורכן פּיסקל זיך געצויגן אַ פּאַסעקל פּאַרע. האַ? וואו איז אַ גלאָז? אָט איז אַ גלאָז. מען דאַרף די גלאָז גוט אויסוואַשן... אַ טייערער מענטש, דער דאָקטאָר... מאַשע וועט שוין געזונט ווערן... ס'אַר אַ נאַסע קעלט אין דרויסן... ער וועט דעם דאָקטאָר דערלאַנגען אַ גלאָז טיי... האַ? אָט איז מילך... ער וועט אים דער־לאַנגען הייסע וואַסער מיט מילך... זיכער וועט מאַשע זיין געזונט...

ווען דער דאָקטאָר איז אַרויסגעקומען פון אַלקער, איז אים דוד אַנטקעגנ־געגאַנגען מיט אַ גלאָז באַוואַרקע. דער דאָקטאָר האָט לייכט אַ שמייכל געטאָן:

— אַ דאַנק.

דער דאָקטאָר האָט זיך צוגעזעצט ביים טיש, האָט אַ פּאָר זופּ געטאָן פון גלאָז, האָט פון קעשענע אַרויסגענומען אַ רעצעפּט־ביכל:

— טינט און פעדער.

האָט ווידער אַ פּאָר זופּ געטאָן פון גלאָז. דוד האָט דערלאַנגט טינט און פעדער און ס׳איז געווען ווייכקייט אין זיין האַרץ: נישקשה... אַלץ וועט גוט זיין... ס׳אַר אַ טייערער דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט געשריבן געלאַסן. האָט שטאַרק געטראַכט. דאַן האָט ער אַרויסגעריסן דאָס פאַרשריבענע רעצעפּט־בלעטל, האָט עס אַוועקגעלייגט אויפן טיש. האָט דערטרונקען פון גלאָז, און איז אויפגעשטאַנען. דוד האָט אים באַצאָלט. דערלאַנגט די בורקע, דאָס היטל. דער דאָקטאָר האָט גענומען זיין וואַליזקע און דוד איז אים נאָכגעגאַנגען אין פאָדערהויז:

— פאַניע... ווי האַלט עס? זאָגט מיר... כ׳בעט אייך...

— שלעכט... זייער שלעכט... ס׳האָט נישט קיין זין צו פאַרלייקענען... אַ טובערקולאָזע... האָט זיך שטאַרק פאַרקילט... איז די קראַנקהייט געוואָרן „גאַלאָפּנע"... ס׳איז אַ פראַגע פון אַ טאָג... אפשר צוויי.

— ס׳קען נישט זיין! דאָס איז נישט אמת!

פינצטערניש איז צוגעפאַלן צו דודס אויגן. געדיכט געשריי האָט זיך גע־שטויסן אין זיין לייב, געשטיקט אין האַלדז. דאָס האַרץ האָט אויפגעהערט שלאָגן. דעם דאָקטאָרס האַנט איז געלעגן אויף זיין אַקסל... דער דאָקטאָר האָט שטיל גערעדט. דוד האָט געהערט די רייד, נאָר פאַרשטאַנען האָט ער זיי נישט... דער דאָקטאָר האָט אָנגענומען זיין האַנט, זי אַ דריק געטאָן... דאַן איז ער אַרויס צו דער פור...

— דוד! — האָט צו אים דערגרייכט רבקהס קול.

דוד האָט זיך אומגעקוקט. רבקה איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון שטוב:

— מאַשע רופט. —

דוד האָט זיך געשטאַרקט. האָט פאַרשטיקט דאָס געוויין אין זיין לייב. איז נאָך רבקהן אַריין אין אַלקער. מאַשעס פנים איז געווען בלייך. אין דער בלייכקייט איז געווען טונקלקייט. אירע אויגן האָבן געפאָרשט דודס פנים:

— וואָס האָט ער געזאָגט... דער דאָקטאָר?

— ער... ער האָט געגעבן אַ רעצעפּט... זי וועלן געזונט ווערן, מאַשע...

אַ פרעמדער שמייכל האָט געקרומט מאַשעס ליפּן. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן. פון פנים האָט געקוקט פיינלעכע מידקייט. און פייכטקייט האָט געגעצט פון אונטער די וויעס...

ווידער איז פינצטערקייט צוגעפאַלן צו דודס אויגן און דורך די אויגן זיך געגאָסן אין לייב אַריין, האָט אויסגעפילט אַלע אברים זיינע...

קאַפּיטל איין־און־צוואַנציק

פון הויכן באַרג אין טיפן טאָל

ס׳איז געווען צומאָרגנס. דוד איז געזעסן ביי זיין וואַרשטאַט אַ געבויגענער, האָט געהאַלטן דעם קאָפּ צווישן די הענט, און זיינע אויגן האָבן געזען בלויז כמורנעקייט: „און וואָס וועט איצט זיין?״ האָט עמעצער אין אים נישט אויפגעהערט צו פרעגן, און ער איז געווען פאַרפרוירן און האָט נישט געקענט ענטפערן... דאַן האָט ער גענומען הערן: עס קלאַפּן די אומרוען פון די זייגערס. האָט ער אַרויסגענומען דעם קאָפּ פון צווישן די הענט, זיך אַרומגעקוקט. געקוקט אויף די זייגערס, וואָס האָבן אויף אים געגלאָצט מיט ציפערבלעטער. האָט שווער אַ שלונג געטאָן, געקנייטשט דאָס פּנים און זיך עפּעס געוואָלט דערמאָנען. פון אַ זייגער האָט זיך דערהערט אַ קרעכץ. נאָכן קרעכץ האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ הילכיקער קלאַנג... דאַן ווידער דאָס זעלבע, און אַ דריט מאָל... שוין דריי אַזייגער... און אָט — עטלעכע זייגערס קלינגען מיט אַמאָל...

דוד האָט זיך דערמאָנט: ער איז דאָך נאָך נישט געווען ביי מאַשען היינט!

ער האָט זיך האַסטיק געגעבן אַ שטעל־אויף, ווי ער וואָלט זיך אַרויסגעריסן פון געדיכטן שלאָף, האָט זיך אָנגעטאָן דעם מאַנטל, גענומען דעם שטעקן, און איז אַרויס.

אין כמורנעם דרויסן, האָט איבער נאַסע דעכער זיך געגנבעט די נאַכט מיט קעצישע טריט. קאַלט ווינטל האָט זיך געגליטשט איבער בלאָטיקן מאַרק, און דוד האָט געשפּאַנט שנעל, אין איין אָטעם, געטריבן פון פאַרבאָרגענעם פּחד. האָט ער גאָרנישט געזען אַרום זיך, האָט גאָרנישט געזען אין זיך. ער האָט בלויז געשפּאַנט. אַז ער איז צוגעקומען צו רבקהס שטוב, איז שוואַרצער וואָלקן דאָרט געלעגן איבער דאַך און פענצטער. די טיר פון פאָדערהויז איז גע־

שטאַנען אָפּן און טויבע שטימען האָבן זיך פון אינעווייניק געצויגן אין פאַר־נאַכט אַריין. ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט, איז אַריין אינעווייניק, און דאָרט געטראָפן אַ סך פרעמדע מענטשן. ווייבערישע פנימער האָבן געבלייכט אין טונקלקייט. ער האָט געקוקט אויף די פנימער און האָט זיי נישט דערקענט, כאָטש ער האָט געוואוסט וועמענס זיי זיינען. רבקהס קול האָט געזעגט די טונקלקייט:

— מיין קינד... מיין טייער קינד...

דוד האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאַר. ער האָט זיך דורכ־געשטופּט צווישן די ווייבער צום בעט און איז געבליבן שטיין מיט קיילעכדיקע אויגן און צעעפנט מויל: מאַשע איז געלעגן שטיל. ס׳איז יאָ מאַשע און נישט מאַשע... דאָס פנים איז געווען קליין ווי ביי אַ קינד. און ס׳איז געווען אי געל, אי בלוי... די האָר זיינען געווען שטאַרק צעשויבערט, אין קלימפּערס. די ליפּן זיינען געווען צוזאַמענגעפּרעסט, ווי צונויפגעוואַקסן. דוד האָט געזען: אויפן בלייכן האַלדז ציטערט אַן אָדער... וואָס ציטערט אַזוי דער אָדער? דער־נאָך האָט ער דערזען: דאָס קישן איז פאַרבלוטיקט. און גרויל האָט פון אים אַרויסגעשטויסן געשריי:

— מאַ־שע!

דאָס געשריי האָט אַזאַ הילך געטאָן, אַז די מוטער איז שטיל געוואָרן.

און דאָ האָט פּאַסירט:

מאַשע האָט געעפנט די אויגן. זייער לאַנגזאַם האָט זי זיי געעפנט, און — ס׳זיינען נישט געווען אירע אויגן... ס׳זיינען געווען אַנדערע אויגן... נישט קיין מענטשלעכע אויגן...

— מאַ־שע... — האָט עס אַראָפּגעציטערט פון דודס ליפּן.

אויף איר פנים האָט זיך באַוויזן גרימאַסע פון אַ קינד, וואָס וויל וויינען און קען נישט. האָט קיין כוח נישט. די ליפּן האָבן זיך באַוועגט, נאָר קיין וואָרט איז נישט געקומען.

פאַרזשאַווערטער קרעכץ האָט דורכגעדרילעוועט דודס האַלדז. ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, איז נישט געפאַלן. האָט פאַרמאַכט די אויגן, פאַר־שטשעמעט די ציין.

ער האָט דערנאָך געעפנט די אויגן, נאָר געזען האָט ער גאָרנישט. זיין גוף איז געווען פאַרהילצערט, האָט אַפילו קיין ווייטיק נישט געפילט. ווינט האָט שטאַרק געבלאָזן. שויבן האָבן געדרינדזשעט. אַ נעבעכדיקער פּישטש פון אַ פויגל איז פאַרגאַנגען, און: — געוויין האָט זיך געוויקלט אַרום דודן...

מיט געזונקענעם קאָפּ און מיט טריט פון אַ בלינדן האָט דוד די ווייַנענדיקע שטוב פאַרלאָזט.

* * *

שוואַרצער הימל האָט געגאָפּעט אויף שטעטל. רעגן האָט געשפּריצט דיק, פאַרביסן, רעגלמעסיק. מיט דודן האָט געשפּאַנט נאַכט. מיט אים און אין אים. ער איז געלאָפן געגאַנגען איבער געסלעך, האָט געטראָגן די שווערע משא פון הויקער אויף זיינע פּלייצעס; איז געגאַנגען פון געסל אין געסל, געגאַנגען ווי היימלאָזער, אויף וועמען עס וואַרט נישט קיין וואָרעם געלעגער. דאָס האַרץ איז מיט דראָט געווען פאַרקרעמפּעוועט.

ווי לאַנג איז ער אַזוי געגאַנגען? זייער לאַנג. און אפשר גאָרנישט לאַנג. צייט האָט מער נישט עקזיסטירט. נאָר ווען ער איז ענדלעך געבליבן שטיין, און האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט ער דערזען: ער שטייט פאַר זיין געשעפט. די נייע שילדן האָבן אויף אים געקוקט נאַסע, פרעמדע, און: — ער האָט זיך פאַר זיי דערשראָקן. חוזק האָט פון זיי געגאָסן אויף אים.

ער האָט אויפגעשלאָסן, איז אַריין, האָט נאָך זיך פאַרמאַכט די דרויסנדיקע טירן אויף די קייטלען, האָט דעם לאָמפּ נישט אָנגעצונדן, האָט זיך דערשלעפּט צום בעטל, זיך אַרויפגעוואַלגערט, געלעגן געקאַרטשעט, געפרווירן. ער איז געווען צעשפּאָלטענע קרוג. די גאַנצע ענערגיע איז געווען פון אים אויסגערונען.

איז געלעגן אַ שטיקל צייט, און נישט געוואוסט, אַז ער אָטעמט. דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ. פינצטער אין שטוב. די שויבן גלאַנצן שוואַרץ. פון שוואַרצקייט קוקט קינדעריש געל־בלוי פּנימל. עס וויל וויינען, נאָר עס האָט קיין כוח נישט... און וואָס האָבן די ליפּן געוואָלט זאָגן? וואָס האָט זי געמיינט צו זאָגן?... וואָס איז היינט געשען?

ער האָט זיך אויפגעזעצט, און ס'איז אים קלאָר געוואָרן: מאַשע איז היינט געשטאָרבן... קיינמאָל וועט ער זי שוין נישט הערן רעדן... קיינמאָל וועט ער זי שוין נישט זען שטיין אין דער זון... זי וועט שוין מער נישט שמייכלען. וואָס זשע דאַרף ער איצט טאָן? עפּעס דאַרף ער דאָך טאָן!

האָט דערהערט דאָס שלאָגן פון די אומרועז, און האָט זיך דערמאָנט, וואָס ער דאַרף טאָן.

איז ער אַראָפּ פון בעטל, מיטן לעצטן טראָפּן ענערגיע צוגעגאַנגען צום טיש, אָנגעצונדן דעם לאָמפּ. דאַן געקלעטערט אויף אַ בענקל און אָפּגעשטעלט די אומרועז.

ער האָט אָפּגעשטעלט אַלע זייגערס.

דאַן איז ער געשטאַנען אין מיטן שטוב. זיך צוגעהערט צו דער פאַר־גליווערטער שטילקייט. האָט געוואוסט: נישט צו תכלית האָט ער דערגרייכט, נאָר צו פינצטערקייט איז ער געקומען.

האָט פאַרלאָשן דעם לאָמפּ, זיך צוריקגעלייגט אויפן בעטל. האָט איינ־געגראָבן דאָס פּנים אין קישן. איז געלעגן פאַרגליווערט אונטער דער חורבה פון זיין לעבן, וואָס איז איבער אים צוזאַמענגעפאַלן, און מיט אים זיך אַראָפּ־געוואַלגערט פון הויכן באַרג אין טיפן טאָל.

פילאַדעלפיע,
ווינטער 1939־40.

נאָכזעאונגען

●

ב. עפּעלבוים

איינס

די רייד פון פאַרבליבענעם

א.—אַ שטים רופט

אַ געבויגענער אונטער שווערע טראַכטונגען, האָב איך מיט לאַנגזאַמע טריט געשפּאַנט איבערן בלייכן וועג, וואָס איז געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ, פאַרזונקען אין דרימל. פּלוצלונג האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און האָב באַקומען גרויסע, קיילעכדיקע אויגן:

עמעצער האָט מיין נאָמען אַרויסגעמורמלט.

אָבער קיינער איז אַרום מיר ניט געווען. בלויז געדיכטע שטילקייט איז אַרום מיר געשטאַנען. דער גאַנצער פּאַרק האָט געשוויגן מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם; די ביימער זיינען געשטאַנען פאַרבליפט; פון צווישן גרינע האָבן געקוקט רויטע בלעטער, און די רויטקייט — שאַרף, ווי רויטקייט אויף באַקן פון שווינדזיכטיקער פרוי; פון דער הייך האָט געפּלייצט זון, נאָר אין דער וואַרעמקייט איז געווען קילקייט.

ביין איך געשטאַנען פאַרגליווערט, האָב צוזאַמענגעצויגן מיינע ברעמען: פאַרוואָס איז פּלוצלונג אַזוי שטיל געוואָרן אין פּאַרק? און וואָס איז עס פאַר אַן אומעט, וואָס טריפט פון די צווייגן? און פאַרוואָס קוקן די גראָזן מיט דערשראָקענע קינדערישע אויגן? און וואָס איז עס פאַר אַ געשטיקט געוויין, וואָס דערטראָגט זיך אַהער מיטן ווינטל פון ווייטקייט?

און דאַן האָב איך דערהערט אַ שטים, וואָס איז מיר געווען אי היימיש אי פרעמד; די שטים איז געווען נאָענט און וויט:

— בעריש דעם שוחטס! דו זאָלסט ניט ווּסן וואָס דאָס באַטייט? שעם זיך!

מיין גוף האָט זיך אָנגעגאָסן מיט צעטומלטקייט: וואָס אַזוינס האָב איך פאַרגעסן, און וועמענס איז די שטים, וואָס איך הער? איז עס מיין אייגענע שטים? איז עס די שטים פון מיין פאָטער?

האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזט אויף עלנטער באַנק, וואָס איז דאָרט צווישן דיביימער געשטאַנען, און ווידער האָב איך דערהערט:

— אלול־טעג שפּאַנען דאָך איבער דער וועלט!

— אָ... אלול־טעג...

— און מען וועט שוין זאָגן די ערשטע סליחות!

— זאָל איך גיין צו די ערשטע סליחות?

— פאַרוואָס זאָלסטו ניט גיין צו די ערשטע סליחות?

— כ׳על גיין...

ב.— מיין וועג צוריק

און אַזוי זיצנדיק אויף דער באַנק האָב איך געגומען שפּאַנען נאָכן קול, און כ׳האָב צוריקגעקערט מיט דעם וועג, מיט וועלכן כ׳האָב ביז אַהער דער־גרייכט:

האָב איך געשפּאַנט דורך אָפּגעשוואומענע יאָרן. זיי האָבן געשמעקט מיט געזאַלצענע וואַסערן, מיט האַרטע שאָסייען, מיט פייכטע וועלדער, מיט געל־באַבלימלטע לאָנקעס, מיט היימישע פויערישע שייערן. ביז כ׳בין אַרויס־געקומען פון פליאַנדער וואַלד, און:

אָט איז דער זאַמדיקער וועג, וואָס פירט צו מיין געבורט־שטעטל „וואוהין״. שוין אַזוי לאַנג אין מיין היים־שטעטל ניט געווען!

כ׳האָב גענומען שפּאַנען האַסטיקער. פון וויטן האָט געגאַפּעט אריהס מיל. פאַרוואָס זשע שטייט די מיל מיט אויסגעוויכנטע פליגל, וואָס באַוועגן זיך ניט?... און וואו זיינען די בערעזע־ביימער, וואָס זיינען ביי זייטן וועג געשטאַנען? ניטאָ קיין בערעזעס! בלויז כּאַרסמאַליעטע „פּיענעס״ זיינען האַרט ביי דער ערד פון זיי פאַרבליבן... רויט־צעפלאַמטע זון זשמורעט ערגעץ די אויגן און פון וועלדער קוקט פּוסטקייט, ווי צעקרימט געזיכט פון הונגעריקן.

האָט שרעק געשפּאַנט אַרום מיר, האָט שרעק געשפּאַנט נאָך מיר, און אַזוי בין איך אָנגעקומען. אָנשטאָט שטעטל האָב איך געטראָפן גרויל.

אָט איז דער מאַרק. ער ליגט אַ טרוקענער, אַ שטויביקער, ווי אַמאָל, אָבער קיין קראָמען רינגלען אים ניט אַרום! דער גאַנצער מאַרק ליגט אין דרויסן. דער פּוילישער קלויסטער גאַפּעט מיט איין פענצטער — אַ פאַר־בילמט אויג. דער דאַך איז פון אים קווער אַראָפּגעריסן. די אָפּגעשרפּעטע פלעצער אַרום מאַרק זיינען פאַרוואָרפן מיט פאַרקאָפּטשעטע ציגל. פון הייזער זיינען געבליבן בלויז פאַרסאַזשעטע קוימענס; שטייען זיי הויכע, פאַרגולמטע, ווי זיילן שוידער פון דער ערד אַרויסגעשאָסענע.

ס'האָט געשמעקט מיט רויך, מיט געשטיקטן יאָמער, מיט קויטיק בלוט, מיט צעפּליקטע געשרייען...

וואו איז מיין שטעטל? ניטאָ מיין שטעטל!
איז די זון פאַרגאַנגען? האָט חורבה זי פאַרשטעלט?

ג.—ראובן אהרן וועלוולס

כ'האָב ענדלעך דערשפּאַנט צום פּלאַץ, וואו בית־המדרש איז אַמאָל געשטאַנען, און:

כ'וויס ניט פונוואַנען ער האָט זיך דערנומען. פאַר מיר איז געשטאַנען אַ הויכער, דאַרער ייד. ער האָט געהאַט אַ לאַנגע, שמאָלע, שיטערע באָרד. קויטיק־וויס איז זי געווען. עפּעס האָט ער יאָ געהאַט אַ פּנים און ניט געהאַט קיין פּנים, נאָר די אויגן — פאַרגליווערט, מאַט בליי... די ברעמען — גרין, מאָכיק. די ביינערדיקע פיס באַדעקט מיט טרוקענער בלאָטע. איבער די פּלייצעס — שווערער זאַק.

אַ ווילע האָב איך אָנגעקוקט, און:

— ס'איז בעריש, בעריש דעם שוחטס — האָט ער געזאָגט.

— יאָ... און איר ווער זייט?

— דערקענסט מיך ניט... ס'איז ניט קיין וואונדער... איך אַליין דערקען זיך אויך ניט. נאָר אויב איך האָב קיין טעות ניט, בין איך ראובן אהרן וועלוולס... אַמאָל געגאַנגען מיט דיר אין איין חדר.

— ראובן אהרן וועלוולס?

— אַזוי גלייב איך.

ס'האָט פון אים אַ כאָרכל געטאָן לאַך, וואָס האָט אויף מיר פּראָסט אַ שפּאַר געטאָן:

— ביסט געקומען אַהער צו די ערשטע סליחות? מען וועט דאָ קיין סליחות ניט זאָגן. דאָס בית־המדרש איז ניטאָ. קיינער איז ניטאָ. זיי זיינען דאָ געווען.

— די נאַציס?

ווידער איז פון אים געקומען שפּאָטישער לאַך:

— די דייטשן... נאַציס זיינען דייטשן און דייטשן זיינען נאַציס... זיי זיינען מיליאָנען מאָל ערגער פון רוצחים, ערגער פון ווילדסטע וואַלד־חיות... דער שטן האָט נאָך פאַר זיי קיין נאָמען ניט געפונען... הייסן זיי נאָך דייטשן...

ער האָט גערעדט מיט אייזיק קול, האָט גערעדט מיט רואיקייט פון שגעון:

— זיי זיינען דאָ געווען, האָבן זיי די הייזער פאַרברענט, די יונגע טעכטער

האָבן זיי געפּייניקט און פּאַרפּייניקט... קינדער האָבן זיי מיט די הענט און מיט הנאה געשטיקט... דערנאָך האָבן זיי זיך די הענט אָפּגעוואַשן. מיט פייער־לעכקייט און פּאַראַד האָבן זיי די יונגעלייט געהאַנגען... אַלטע פרויען — זיין זאָלן ניט פאַרשפּרייטן קיין „קראַנקהייטן" — האָבן זיי צונויפגענומען אין באָד, פאַרמאַכט די טירן און אַרונטערגעלאָזט צו זיי גאַז... אַלטע לייט האָט מען ווי קרעציקע בהמות אַוועקגעטריבן צו געטאָ... צו הונגער־טויט... איז דאָ קיינער ניט געבליבן, איז דאָ גאָרנישט געבליבן...

— און דו, ראובן אהרן וועלוולס? — האָב איך געפרעגט.

— מיך האָבן זיי ניט געקענט קוילען. ווארים איידער זיי האָבן זיך גענומען צום קוילען, האָב איך אויפגעהערט צו לעבן. ווען זיי האָבן געריסן דאָס קלאָרע לייב פון מיין איינציקער שרהלען, האָב איך אויפגעהערט צו לעבן... דער טויט איז צו מיר ניט געקומען, אָבער לעבן האָב איך אויפ־געהערט. האָבן זיי מיך ניט געקענט הרגענען... זיי האָבן מיך מער ניט געזען. און ווען זיי וואָלטן מיך יאָ געזען? ווי אַזוי קען מען דען הרגענען איינעם, וואָס לעבט ניט? אַפילו די דייטשן קענען דאָס ניט באַווייזן...

ד.—ער וואַרט

צי די זון איז יאָ פאַרגאַנגען צי די זון איז ניט פאַרגאַנגען, אָבער ס'איז געוואָרן נאַכט. הונדערט מאָל נאַכט. מיין גוף האָט זיך געבויגן, און ראובן אהרן וועלוולס האָט געזאָגט מיט אַ קול, וואָס איז געווען ניט הויך און ניט שטיל, יאָ הויך און יאָ שטיל, אוןביידע צוזאַמען:

— אומזיסט געווען דיין קומען אַהער, בעריש דעם שוחטס. דאָ וועט מען קיין סליחות ניט זאָגן. דאָס בית־המדרש איז ניטאָ, קיינער איז ניטאָ.

— מיין פאָטערס קול האָט מיך אַהער גערופן — האָב איך אַרויס־געשטאַמלט.

— אַפילו דיין פאָטערס קבר קענסטו ניט געפינען. די דייטשן האָבן אויך די קברים צעטראָטן, די מצבות אַוועקגענומען.. גיי פונדאַנען, בעריש.

— און דו, ראובן?

— איך וועל דאָ בלייבן. איך מוז בלייבן.

— וואָס וועסטו טאָן, ראובן?

— כ'על וואַרטן.

— אויף וואָס וועסטו וואַרטן, ראובן?

— אויף דער שעה פון נקמה וועל איך וואַרטן. און ווען די שעה וועט שלאָגן, און ווען איך וועל מיט אייגענע הענט אומברענגען דייטשן; ווען מיינע

אויגן וועלן זען ווי מיינע הענט פאַרגיסן דייטשיש בלוט, דאַן וועט געשען איינס פון דיביידע: אָדער דאָס לעבן וועט צו מיר צוריקקומען, אָדער דער טויט וועט צו מיר קומען. און איך וועל רואיק פאַרמאַכן די אויגן.

און ראובנס האַנט האָט מיך אַ שטויס געטאָן:

— גיי, בעריש, גיי און העלף ברענגען די שעה פון נקמה.

און איך בין געגאַנגען.

ח.—שווייגט און טראַכט

כ׳האָב אַ צאַפּל געטאָן, דערהערנדיק מיין אייגענעם קרעכץ. איצט, און אַרום מיר איז געשטאַנען אַזאַ געדיכטע שטילקייט, וואָס האָט געיאָמערט מיט שווייגן. די ביימער אין פּאַרק זיינען געווען פאַרגליווערט; פון צווישן די צווייגן האָבן געקוקט ראובן אהרן וועלוולס בלייענע אויגן, פון אַלע זייטן האָט זיך געטראָגן זיין קול; אין מיינע אויערן זיינען געשטאַנען זיינע לעצטע ווערטער.

און מיט אַנטשלאָסנקייט בין איך אויפגעשטאַנען פון דער עלנטער באַנק אין פּאַרק:

— כ׳על גיין צו די ערשטע סליחות!

כ׳על קומען דאָ, אין דער גרויסער שול, וואָס איז געפּאַקט מיט יידן, וואָס זיינען זיך צונויפגעקומען צו די ערשטע סליחות. כ׳על זיך אַוועקשטעלן ביים אָרון־קודש מיטן פּנים צו די פאַרזאַמלטע און מיט ראובנס קול וועל איך אויסלייאַרעמען:

— יידן, שווייגט! שווייגט און טראַכט פון דעם וואָס עס האָבן צו אונדז געטאָן, און וואָס עס טוען צו אונדז די דייטשן! נאַציס זיינען דייטשן און דייטשן זיינען נאַציס... זיי זיינען מיליאָנען מאָל ערגער פון רוצחים און ווילדער פון די ווילדסטע חיות. דער שטן האָט נאָך פאַר זיי קיין נאָמען ניט געפונען, הייסן זיי נאָך דייטשן! שווייגט, טראַכט און זאָל אין אייערע בלוטן אויפשרייען דער הייליקער דורשט נאָך נקמה, אויף וועלכער עס וואַרט ראובן אהרן וועלוולס!

און פאַרשאָלטן זאָל זיין דער, וואָס וועט געפינען אַ וואָרט פון פאַר־ענטפערונג פאַר די דייטשן! און ניט געציילט ווערן צווישן יידן זאָל דער, וואָס וועט זיך ניט אָנצינדן מיטן פייער פון נקמה! וואָרים:

ראובן אהרן וועלוולס מוז דאָך אָדער לעבן אָדער שטאַרבן!

פילאַדעלפיע,
סוף־זומער 1942.

צווייר

איך און מיין טויטער פאָטער

א.—כ׳בין געווען יונג

כ׳בין דאַן געווען יונג,ווי העל־גרין צווייגל פון ווערבע־בוים; דער טוי פון פרימאָרגן איז געלעגן איבער מיינע גרוי־יידישע אויגן, ווי עס ליגט טוי איבער בלויע פלוימען; און מיין בלאַס־יינגליש פנים איז געווען אָפגעצערט, און מיינע שוואַרצע פאות זיינען געווען געלאָקט, און פאַרהוילן געוויין פון בעל־תשובה האָט געריזלט אין מיין בלוט: כ׳בין דאַך געווען פול מיט עבירות, ווי אַ מילגרוים מיט קערלעך, און דער יום־הדין איז געווען אַזוי פאָרכטיק, און דאָס האַרץ האָט געציטערט פאַר דער שעה פון נעילה, ווען די טויערן פון רחמים וועלן געשלאָסן ווערן. מיין האָפענונג איז געווען: מיין פאָטער ישראל לייב שו״ב.

ב.—די טויערן פון רחמים

די זון — אַ פאַרענדערטע, אַ יום־כיפורדיקע, האָט זיך גענייגט צו מערב און די שטילקייט איז פאַרגאָפט געלעגן אויף דעכער און געסלעך. פון ווייט־קייטן — אַרום שטעטל — האָט זיך געוואָלגערט און דערוואָלגערט שושקעריי, ווי עס וואָלט שרעקנדיק געמורמלט ים וואָס איז גרייט דעם ברעג זיך אַריבער־רייסן און שטעטל פאַרפלייצן.

זיינען בלאַסע יידן געזעסן אין שול, זיינען יידן געזעסן אויף די קלעצער אין דרויסן ביי דער שול; איז מען געזעסן האַלב־פאַרחלשט פון פאַסטן, איז מען געזעסן געבויגן, איז מען געזעסן מיט פלייצעס צו וואַנט געשפאַרט, איז מען געזעסן מיט פאַרוואָרפענע קעפּ, האָט מען געשמעקט תענית־טראָפּנס, וואָס האָבן ווי דינע עגבערלעך געדרילעוועט די נעז ביז מוח. און: —

מען האָט געוואָרט אויף נעילה.

און ס׳האָט געוואָרט לײדיקײט, און ס׳האָט געוואָרט פּוסטער, זאַמדיקער מאַרק. און ס׳האָבן געוואָרט געסלעך. און איך האָב געוואָרט מיט פאַרקלעמט האַרץ.

דאַן — שאַרף וו׳נטל איז אַנגעלאָפן, האָט צעציטערט די שוין האַרטע בלעטלעך אויף ביימער און האָט אַנגעזאָגט:

— נעילה!

און די זון האָט זיך אַרונטערגעכאַפּט הינטער פליאַנדער וואַלד, און דער טאָג האָט זיך געעקט, און דער אָוונט האָט זיך געגעבן אַ באַווייז פון באַ־העלטעניש, האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אומעטיקע אויגן אַריין:

— נעילה!

האָבן די הערצער געגומען העפטיקער שלאָגן: ס׳קומט די לעצטע שעה זיך אויסצובעטן אַ גוט יאָר!

און דאָס ווינטל האָט מיט טונקל שעפּטשעריי געוואָרנט:

„די נאַכט פאַלט צו! די טויערן פון רחמים וועלן זיך פאַרמאַכן. ווער ס׳וועט פאַרשפּעטיקן, וועט זיין געבעט מער ניט אַנקומען.“

ס׳געררויש אין שול איז געוואָרן געדיכטער. פון וואַנען האָט זיך דער־נומען דאָס געררויש, אַז אַלע האָבן געשוויגן? און אַן ענגשאַפט איז געוואָרן. פון וואַנען אַזאַ ענגשאַפט? זיינען טאַקע פאַרשטאָרבענע אַנגעקומען צו זיין צווישן די לעבעדיקע? יידן האָבן זיך צונויפגעדרענגט, ווי עס שטויסן זיך צוזאַמען דערשראָקענע שעפסן אין פעלד פאַרן אויסברוך פון שטורעם... די יאָרצייט־ליכט האָבן געברענט פון זאַמד־אַרויס שוין... די פלעמלעך האָבן גע־לעקט ווי רויטע צונגען. שאָטנס האָבן זיך געשטויסן, געקלעטערט איבער ווענט, סטעליע, איבער קעפּ:

איבער די קעפּ איז געהאַנגען די וואָגשאָל פון לעבן און טויט, פּרנסה און הונגער, אומגליק און נחת...

דער טויער פון רחמים זאָל נאָר זיין אָפן!

און איך: —

אַ יידיש ייגגל, דערשראָקן פון אַ שרעק, וואָס איז געווען איבער מיינע כוחות, איך האָב זיך געטוליעט צו מיין פרומען פאָטער ר׳ ישראל לייב שו״ב, הינטער זיין טלית האָב איך זיך פאַרשטעקט, און מיין יונג האַרץ האָט געציטערט...

דעם טלית אויפן קאָפּ, איז מיין פאָטער געשטאַנען געבויגן, מיט אויפ־געהויבענע פאַרבראָכענע הענט. דער טלית איז געווען איבער אים און איבער מיר.

און איך האָב געקוקט אין זיינע אויגן. קיינמאָל האָב איך ביי מיין פאָטער ניט געזען אַזעלכע אויגן ווי ביי נעילה... זיינע ליפּן האָבן געציטערט. זיין באָרד האָט געציטערט און זיין קול האָט געציטערט. ס'איז ניט געווען זיין קול פון זיין גוף, נאָר: דאָס קול פון זיין געלייטערטער נשמה. און: —
קאַלטער פּחד האָט זיך געגאָסן אין מיין לייב אַריין.
— פּתח לנו שער! — האָט ער געבעטן. זאָל זיך עפענען דער טויער פון רחמנות...
און איך האָב געזען: —
דער טויער האָט זיך געעפנט מיט שמאָלער עפענונג. יידן מיט געזונקענע קעפּ האָבן צו עפענונג געשפּאַנט. איינציקווייז האָבן זיי געשפּאַנט, ווי שעפסן, פאַרביי די רוט פון פּאַסטוך.
אָט פאַלט די רוט אויף איינעם, רויטער צייכן בלייבט אויף אים, און ער קערט אָפּ פון טויער... יענער וועט שוין דאָס יאָר ניט אויסלעבן... און ס'ציטערט מיין האַרץ: די רוט זאָל נאָר אויף מיין פאָטער ניט פאַלן! אָ, ניין! כ'על עס ניט אויסהאַלטן צו זיין אַ יתום!
נאָר דער פּאַסטוך שמייכלט צו מיין פאָטער:
— גיי אַריין דורך טויער פון רחמים, ישראל לייב שו"ב!
ער ווייסט, דער פּאַסטוך, ווער מיין פאָטער איז: אַ למדן און פון די אַלט־קאָצקער.
און איך — איך גיי שוין דורך צוזאַמען מיט אים.
אַזוי איז געווען אַמאָל.

ג.—כ'בין אַלט

איצט — און כ'בין אַלט. און סאיז ניט איך, איך בין גאָר מיין פאָטער. און אַלט איז מיין פאָטער, ווי אַלט ס'איז אויסגעטרוקנטער בוים אין רעגנדיקן האַרבסט. און געבויגן איז ער, אַז זיין גרינלעך־גרויע באָרד באַרירט די שפּיצן פון זיינע שיך. עס איז איך און ס'איז ער. ס'איז ער אין מיר, און איך אין אים.
— פאָטער מיינער, דו ביזט דאָך שוין לאַנג געשטאָרבן? — האָב איך געפרעגט.
— כ'האָב מער אין קבר ניט געקענט בלייבן.
— פאַרוואָס?
— די דייטשן האָבן מיך פון קבר פאַרטריבן... ניט בלויז די לעבעדיקע אַלטע לייט, נאָר אויך די מתים האָבן זיי פאַרטריבן.
— האָסט פאַרלאָזט דאָס שטעטל?

— אַז קיינער איז דאָרט ניט פאַרבליבן, אַז גאָרניט איז דאָרט געבליבן...
און קיין בית־המדרש איז ניטאָ, און מתים קענען זיך דאָרט ניט צונויפקומען
צו זיין צווישן לעבעדיקע ביי נעילה.
— ווילסטו דאָ גיין מיט מיר צו נעילה?
— דו ביזט מיין האָפענונג.

ד.—די טויערן פון שנאה

— קום, פאָטער, לאָמיר גלייך גיין צו נעילה!
— די זון איז דאָך נאָך ניט פאַרגאַנגען?
— זי דאַרף איצט ניט פאַרגיין, ווייל: זי איז שוין פאַרגאַנגען, כאָטש זי שיינט נאָך! וואָרים: ווי איז דען מעגלעך ס׳זאָל שיינען אַ זון איבער דער וועלט, אין וועלכער עס געפינען זיך אַזעלכע מיליאָנען דייטשן?
— דער טאָג דאַרף דאָך עקן?
— דער טאָג איז דערווייל געעקט. ווייל: ס׳קען ניט זיין קיין טאָג אויף דער וועלט, אין וועלכער ס׳זיינען פאַראַן אַזעלכע דייטשן!
זיי האָבן געשניטן אַזוי פיל העלדזער, האָבן אויסגעגאָסן אַזוי פיל טייכן בלוט, אַז די זון איז פאַרפלייצט געוואָרן!
זיי האָבן צענדליקער טויזנטער קינדערשע העלדזלעך דורכגעוואָרגן, אַז פון די טויטע גופלעך איז אויסגעוואַקסן אַ ריזיקער באַרג. פאַרשטעלט ער: ניט די נאַכט קאָן אָפּטרעטן, ניט דער טאָג קאָן אָנקומען.
— קענען מיר גלייך גייען צו נעילה?
— מיר גייען גלייך צו נעילה.
און מענטשן וועלן אונדז נאָכקוקן און קיינער וועט ניט וויסן ווער ס׳איז פאָטער און ווער ס׳איז זון. כאָטש מיין פאָטער קומט פון קבר און איך בין נאָך אין קבר ניט געווען. וואָרים: אַז דייטשן זיינען דאָ אויף דער וועלט, די דאָזיקע דייטשן, איז אומעטום קבר...
וועלן מיר צוזאַמען שטייען ביי נעילה. און די שול וועט זיין געפּאַקט. נאָר קיינער וועט קיין שרעק ניט שפּירן, און קיין פּלייצעס וועלן זיך ניט בייגן, און אַלע וועלן פאָדערן:
— זאָלן די טויערן פון שנאה געעפנט ווערן!
און ווען דער טויער וועט זיך עפענען מיט שמאָלער עפענונג, וועל איך מיט מיין פאָטער צושפּאַנען צום פּלאַץ, וואו עס שטייט דער פאַסטוך מיט דער רוט אין האַנט. און איך, און מיין פאָטער און דער פאַסטוך וועלן אַלע אויס־שרייען מיט איין קול:

— די טויערן פון שנאה זיינען אָפן!

און אַלע דריי וועלן אויסליאַרעמען מיט איין ליאַרעם:

— דייטשן זיינען דאָ אויף דער וועלט! דערפאַר איז די זון פאַרלאָשן! דייטשן זיינען פאַראַן אויף דער וועלט — דערפאַר קען קיין טאָג אויף דער וועלט ניט לייכטן!

— זאָלן זיך די טויערן פון שנאה ברייטער עפענען! און אַלע פאַרזאַמלטע זאָלן זיך אָנצינדן מיט גרינעם האַס צו די דייטשן, וואָס וואַשן זייערע קויטיקע שטיוול אין בלוט פון אונדזערע קינדער און נעמען אַוועק די מחיצה צווישן לעבן און טויט; קבר און ניט קבר!

און איך מיט מיין פאָטער מיט פאַסטוך וועלן אויפהויבן די הענט ווי כהנים ביים דוכנען, און:

— און געבענטשט זאָלט איר זיין מיט דערהויבונג פון נקמה. פאַרמעגן, בלוט, לייב, אַלץ זאָלט איר מקריב זיין אויפן מזבח פון נקמה!

זייט געבענטשט מיט כוחות פאַר נקמה!

פון יידישע גאַסן און געסלעך, שטעט און שטעטלעך, זאָלן פליִיצן נקמה־שטראָמען; זאָלן פליִיצן אין אַ שטורעמדיקן נקמה־ים, וואָס זאָל אַראָפּפליִיצן פון פנים פון דער ערד אָט די דאָזיקע דייטשן!

און אַז די טמאים וועלן זיין פאַרשוווּנקט —

וועט די זון צוריק שיינען.

וועלן טעג ווידער ליכטיקן.

און איך מיט מיין פאָטער וועלן זיין צעשיידט. באַזונדער. ווי עס זיינען באַזונדער לעבן און טויט.

און מיין פאָטער ישראל לייב וועט צוריק רוען אין קבר...

* * *

און ווען עס וועט שלאָגן די הייליקע, גרויסע שעה פון נקמה־פליִיצונג, זאָלן צוזאַמען מיט די דאָזיקע דייטשן אַראָפּגעפליִיצט ווערן פון פנים פון דער ערד אויך די, וואָס האָבן ניט געוואָלט שיידן זיך פון פאַרמעגן און פון קלייזלדיקער רשעות, און האָבן דערוויַיטערט די שעה פון נקמה אַפילו אויף איין טאָג.

פילאַדעלפיע,
סוף־זומער 1942.

דריי

סוכות־טעג

וועלן דען יענע טעג מער ניט צוריקקומען? וועלן דען מער ניט קומען אויף דער וועלט די זאַטע, זוניקע, פאַרבליפּטע טעג, וואָס זיינען געשטאַנען מיט געדיכטער רואיקייט?

מיטביידע הענט דעם קאָפּ אַרומגענומען, מיט אויגן פאַרמאַכטע און ברעמען געקנייטשטע, בין איך צוריק אין קרייז פון יענע סוכותדיקע טעג, וועלכע זיינען געווען ווי געלייטערטער ווין: —

א.—מ׳שלאָגט צונויף געצעלטן

זיינען יידן אָנגעקומען פון לאַנגן, שווערן וועג; זיינען יידן אָנגעקומען פון פיינלעכן וואַנדער; דורך שטורעם און רעגן, דונער און בליץ האָבן יידן געבלאָנדזשעט, זיינען ענדלעך אָנגעקומען צו ישוב און רו, האָבן זיי זיך גענומען בויען סוכות — צו בלייבן רוען נאָך גרויס וואָגל.

ס׳האָט געשמעקט מיט זון, מיט צייטיקע, פלוימען, מיט איינגעמאַכטס; ס׳האָט געריזלט וואַרעמע פרייד, וואָס איז ווי טוי געפאַלן פון בלויען הימל, און פון פעלדער אַרום האָט עס געזונגען מיט פרייד פון שפע.

און יידן אין די ווייסע אַרבל, מיט יאַרמעלקעס אויף די קעפּ, מיט זוניקייט אין די געזיכטער זיינען געשטאַנען אין די געסלעך און האָבן צונויפגעשלאָגן סוכות.

האָט מען געזשוויגעט קלעצער, געטאַסקעט ברעטער, געשלעפּט לייסטן; האָט מען פלעקער אין ערד געשלאָגן, האָט מען ווענט צונויפגעקלאַפּט, האָבן העק געזעצט, האַמערס געהילכט און אָכצן האָבן באַגלייט.

און יינגלעך האָבן טאַטעס געהאָלפן, אויף די ווענט געקלעטערט און נעגל

דערלאַנגט. מיידלעך האָבן זיך אונטער די פיס געפּלאָנטערט און זייערע אויגן האָבן געלויכטן. און דאָס ווינטל האָט געגלעט און עס האָט געשמעקט מיט ציטריק אויבס.

אין לײדיקײט האָט רו געזונגען, און איבער טרוקענע, זאַמדיקע וועגן האָט געשפּאַנט יום־טוב צו יידן, וואָס זיינען צו רו אָנגעקומען און שלאָגן־אויף פאַר זיך געצעלטן.

ב.—איך און מיין פאָטער

און מיין פאָטערס פּנים איז געווען אויסגעלייטערט. ביז אַהער — ביז איבער יום־כּיפּור — איז די זאָרג ווי שווערער וואָלקן אויף אים געלעגן. זיינע געדיכטע ברעמען זיינען כּסדר געווען געקנייטשט, קיין שמייכל האָט ניט באַ־לויכטן זיינע ליפּן, וועלכע האָבן נאָכאַנאַנד עפּעס געשעפּטשעט.

איצט אָבער, מיטן אָנקומען פון די סוכּות־טעג, האָט זיך אַ טונקעלע הויט פון זיין פּנים אָפּגעשיילט און עס איז צוריק לויטער און ליכטיק געוואָרן. זיינע ליפּן האָבן געשמייכלט און זיינע אויגן זיינען העלער, גלאַנציקער געוואָרן.

— קום, בעריש, מיר וועלן צוגרייטן די סוכּה!

אונדזער סוכּה — אונדזער געצעלט — איז געשטאַנען גרייט, האָט גע־וואַרט פון יאָר צו יאָר. מען האָט זי געדאַרפט אין אָרדענונג ברענגען, זי זאָל זיין על פּי דין.

— דו, בעריש, כאַפּ זיך אַרויף אויפן דאַך.

— יאָ, טאַטע.

— איך וועל בלייבן אויפן לייטער.

האָט מיין פאָטער געהאַלטן אַ האַמער און איך — אַ האַק, האָט ער, שלאָגנדיק מיטן האַמער, אויפגעריסן ברעט ביים ברעג, זי אונטערגעהויבן, האָב איך פאַררוקט האַק אונטער ברעט און ביי צווייטער זייט זי אָפּגעריסן.

און די זון האָט אַזוי וואונדערלעך געשמעקט, און פון ווייטקייטן האָבן זיך געזאַנגען געטראָגן. און מיין פאָטערס באַלויכטן פּנים האָט געשמייכלט און מיין ייִנגליש בלוט האָט געיובלט מיט פרייד.

דערנאָך זיינען מיר אַריין אינעווייניק.

האָבן מיר אַרויסגעטראָגן דאָס האָלץ, וואָס איז געלעגן נאָך פון פאַר־גאַנגענעם ווינטער; אַרויסגעוואָלגערט די פעסער, אָפּגעריייניקט דעם דיל און באַהאַנגען די ווענט מיט ליילעכער, מיט פרוכטן־צווייגלעך און מיט פרוכט.

ווידער בין איך אַרויף אויפן ביז העלפט אָפּגעריסענעם דאַך, און מיין פאָטער האָט מיר אַרויפדערלאַנגט דעם סכך: בונטן „גראָכוועניעס“ — די

לאַנגע שטריק־וואָרצלען און בלעטער, אויף וועלכע ס׳זיינען געוואַקסן שויטן אַרבעס.

האָב איך געדעקט דעם סכך, און מיין פאָטער, דער גרויסער למדן און גרויסער חסיד, איז געשטאַנען אינעווייניק, האָט אַכטונג געגעבן עס זאָל ניט אַריינפאַלן אַ ביסל מער זון:

— בעריש! נאָך אַ ביסל, נעענטער צו דער וואַנט!

— אין מיטן וועט אויך ניט שאַטן אַ ביסל מער!

און איך, אַן אַכט אָדער ניין יאָריקער ייד, האָב מיט אייגענע הענט באַ־טאַפּט דעם סכך, און מיינע הענט האָבן געשפּירט אַ וואונדערלעכן טעם, און געשמעקט האָב איך צייטיקע ווייַנטרויבן, כאָטש אין אונדזער געגנט זיינען קיין ווייַנטרויבן קיינמאָל ניט געוואַקסן...

ג.—די ערשטע סוכות־נאַכט

וויפיל פרייד ס׳האָט געשפּרודלט אַרום מיר, אין מיר, ווען איך בין מיט מיין פאָטער געזעסן די ערשטע נאַכט סוכות אין סוכה! כ׳האָב געקוקט אויף מיין פאָטער און ער איז געווען אַזוי אַנדערש! ס׳האָט פון אים געזונגען מיט צענדליקער שטימען, כאָטש ער האָט געשוויגן, און ווען ער האָט גענומען זאָגן די אושפּיזין, ס׳אַר אַ וואונדערלעכקייט ס׳איז געווען אין זיין קול! און איך: — כ׳בין ביזן האַלדז, ניין, ביז איבערן קאָפּ, בין איך געזעסן אין חלום.

האָב איך געהערט ווי מיין פאָטער ישראל לייב פאַרבעט צו זיך אין סוכה אַריין די אָבות, משה רבנו און אהרן הכהן... און איך האָב ניט געוואוסט: פונוואַנען האָט זיך דערנומען אַזאַ בלישטשענדיקע ליכטיקייט אין סוכה? איז עס פון די ליכט, וואָס ברענען אויפן טיש? איז עס פון מיין פאָטערס אויגן? צי זיינען אפשר די אָבות אַזוי ליכטיק?

און פון מיין פאָטער האָט עס געשמייכלט. זיין באָרד האָט געשמייכלט, זיינע ברעמען האָבן געשמייכלט, זיין שטערן האָט געשמייכלט, און איך: —

מיט אָפענע פאַרדרימלטע אויגן האָב זיך צוגעהערט, און מיין פאָטער האָט דערציילט פון ווייַנגערטנער, וואָס ליגן צווישן בערג, פון פייגנביימער און טייטלביימער... פון ריינע וואַסער־קוואַלן, וואָס שלאָגן און שלענגלען זיך פון באַרג־אַראָפּ.

„. . . און אַז דער זומער איז פאַרביי, און די פרוכט פון די סעדער האָט מען אַראָפּגענומען, און די געוויקסן פון גערטנער האָט מען צונויפגעזאַמלט,

און די ווייַנטרויבן זייַנען שוין געווען אין קעלטער, און די תבואה — אין שייער, און גאָט האָט געהאָט געשיקט זייַן ברכה, און די פעלדער זייַנען געווען געראָטן, און די ווייַנגערטנער זייַנען געווען געבענטשט . . . האָט מען אויפגעשטעלט ביידלעך אין די גערטנער, האָט מען זיך אין זיי באַזעצט און מען האָט געפּראַוועט יום־טוב... און מען האָט זיך געפרייט מיט דער ברכה פון דער ערד..."

אַזוי און אַנדערש האָט מייַן פאָטער גערעדט, און זייַן קול איז געווען לויטער ווי וואַסער־קוואַל, און זייַן פּנים איז געווען באַלויכטן פון בלענדנדער זון און איך האָב געשפּירט דעם ריח פון ווייַנטרויבן.

איז מיר דאַן אויסגעקומען:

איך זיץ אין אַ געצעלט, וואָס שטייט אין גרויסן ווייַנגאָרטן, און ביים ווייַנגאָרטן געפינען זיך שייערן מיט סנאָפּעס תבואות, און נאָך די שייערן פּאַשען זיך שעפּסן אויף נאָך גרינע לאָנקעס.

כ'בין געווען צוריקגעקערט אַהין, פון וואַנען כ'קום אַרויס...

ד.—אין חלום

— טאַטע, כ'וויל אויך שלאָפן אין סוכה!

— ביסט נאָך קליין... וועסט נאָך אויסקומען.

אין דרויסן איז די נאַכט געשטאַנען מיט אייַנגעהאַלטענעם אָטעם, פולע לבנה האָט אַראָפּגעקוקט און זי איז געווען אַזוי פאַרחושט, פאַרוואונדערט.

און שפּעטער האָב איך אין חלום געוואַנדערט צווישן ווייַנגערטנער. די קשאַקעס זייַנען געווען באַלאָדן מיט רויטע, שוואַרצע, גרינע און געלבע טרויבן. זון־פינגער האָבן זיי באַרירט, און די טרויבן — אַזעלכע גרויסע — האָבן געקייכט פון געלעכטער, און אַרום האָבן הילכיקע בערג געלאַכט... און ס'האָבן געלאַכט וואַסער־פאַלן.

איך האָב געוואַנדערט צווישן געצעלטן, און אין אַלע האָבן געברענט ליכט, און פון אַלע איז אויפגעגאַנגען געזאַנג, וואָס האָט זיך ווי שטאַרקער וויין געגאָסן אין לייַב אַרייַן.

און פּלוצלונג:

כ'בין געווען אין אַ רעדל יידן, וואָס האָבן געטאַנצט מיט פאַרריסענע קעפּ, מיט פאַרבראַכענע הענט. די פרייד האָט געשריגן מיט טויזנטער קולות. די גערטנער האָבן מיטגעטאַנצט, די בערג האָבן געטאַנצט, און איך האָב געטאַנצט...

ה.—האַסן

איצט — און ס'איז מער קיין סימן נישטאָ פון די דאָזיקע טעג דאָרט, וואו זיי זיינען געווען, זיי זיינען אין ערגעץ ניטאָ!

און מיין פאָטער איז ניטאָ, און חלום איז ניטאָ, און קיינער איז כמעט ניטאָ אין די יידישע ישובים.

— וואָס האָט פּאַסירט?

— גרויל... ניין, ערגער פון גרויל האָט פּאַסירט.

— זיינען אָנגעקומען צערייצטע וואַלד־גזלנים?

— ערגער נאָך!

— ס'זיינען אָנגעלאָפן צעיושעטע ווילדע חיות פון אור־וואַלד?

— נאָך ערגער!

— וואָס קען זיין נאָך ערגער?

— דייטשן זיינען נאָך ערגער!

מיט מעסערס אויף די קויטיקע פּאָדעשוועס פון זייערע גלאַנציקע שטיוול האָבן זיי געטראָטן און זיי טרעטן איבער העלדזער פון קינדער, פון טעג, פון מיין פאָטער, פון מיר, איבער אַלע יידישע העלדזער! און אונדזער בלוט שווענקט זייערע שטיוול.

— וואָס־זשע בלייבט אונדז צו טאָן?

— האַסן, מיט יעדן אָטעם אונדזערן זיי האַסן. און דער האַס זאָל געבוירן די נקמה, וואָס וועט זיי ענדלעך פאַרברענען, פאַרטיליקן.

און ערשט דאַן, ווען פון די דאָזיקע דייטשן וועט קיין זכר ניט זיין — וועלן צוריק קומען יענע טעג, און:

עס וועלן נאָך זיין יידן!

און די יידן וועלן אָנקומען צו ישוב, צו אויסלייטערונג, און זיי וועלן פאַר זיך אויפשלאָגן געצעלטן, צו בלייבן רוען נאָך בלוטיקן וואָגל.

פילאַדעלפיע,
סוף־זומער 1942.

פּיר

שנאה

איצט — און פון הינטער געטאָ־ווענט כוואַליעט יידישער יאָמער, ווי געדיכטער רויך פון שרפה; איצט — און איבער קויטיקע וועגן דערוואַלגערט זיך געפּרעסטער, לעצטער קרעכץ פון צענדליקער טויזנטער דערשטיקטע יידישע קינדער; איצט — און פון ווייטקייטן שפּאַרן געגלייזטע אויגן פון פאַרפּייניקטע יידישע טעכטער; איצט — און זיין געשטאַלט האָט אויפגעשיינט פאַר מיינע פאַרנעפּלטע גרויע אויגן: —

ס'איז געווען אין אָדעס, און ס'איז געווען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. האָב איך דאַן געשפּאַנט איבער גאַס, וועלכע האָט דאַן נאָך געהייסן פּרע־אָבראַזשענסקאַיאַ. ס'איז געווען האַרבסט און ס'האָט געטריפט דריבנער, קאַלטער רעגן. מיט אַמאָל: איין פוס איז מיר קורצער געוואָרן: קנאַפּל האָט זיך אָפּגעטיילט פון לינקן שוך. האָב איך אויפגעהויבן די אויגן, דערזען אַ פענצטער און אויף דער שויב — אַן אומגעלומפּערטער שוך אויסגעמאָלט. בין איך אַהין אַריין.

יאָ, דער שוסטער האָט מיר פאַרריכט דעם שוך.

ער איז געווען אַ דאַרער, דער שוסטער. האָט געהאַט אַ טונקל, איינגעפאַלן פּנים, געדיכטע, שוואַרצע ברעמען, שוואַרצן קאָפּ האָר מיט שוואַרצע אויגן. אין די אויגן — רויטע פלעמלעך. די ליפּן זיינען געווען ביי אים צוזאַמענ־געפּרעסט. און — ער האָט הייס געאָטעמט דורך לענגלעכער נאָז.

— איר זייט אַ ייד?

— ניין, אַן אַרמענער.

ביים וואַרשטאַט האָט עס געשמעקט מיט פּאַפּ, דראַטווע און זויערקייט. כ'האָב מיט לייב און בלוט דערשפּירט: שנאה ברענט אין דעם מענטש; זיין גוף איז פול מיט האַס.

כ׳האָב בלויז געדאַרפט אַ צי טאָן אַ שטריקל, האָט זיך געעפנט אַ טירל, און ס׳האָט גענומען פליִיצן מיט הייסע, גרינע, שטילעטעדיקע ווערטער: —

צי ווייס איך וואָס די טערקן (אַמאָליקע טערקן פון סולטאַנישן טערקיי) האָבן געטאָן צו די אַרמענער? צי ווייס איך וואָס די טערקן טוען צו זיי? — ווייס איך? —

כ׳זאָל נאָר קיין טעות נישט האָבן! דאָס פאַרגאָסענע בלוט וועט נישט געשוויגן ווערן! ס׳עט קומען די צייט פון רעכענונג! און שוידערלעך וועט די רעכענונג זיין! די „היגטישע אויסוואורפן" וועלן צאָלן פאַר יעדער טראָפּן אַרמעניש בלוט! די נקמה וועט זיין גרוילעדיק ווי די פּאָגראָמען!

ס׳האָבןביים אַרמענער איצט געגליט די אויגן, ווי ברענענדיקע קוילן. זיין פּנים איז געווען נאָך איינגעפאַלענער, און אַ בלויער אָדער אויפן האַלדז האָט ביי אים געביטערט. ער האָט זיך פאַרכלינעט מיט זיין שנאה; האָט זיך געשטיקט מיט זיינע ברענענדיקע ווערטער.

— ווי לאַנג שוין, אַז איר זייט פון אַרמעניע?

— וואָס איז דען דער אונטערשייד?

— ס׳איז טשיקאַווע.

— שוין אַ סך יאָרן.

ער איז נאָך געווען אַ יינגל, ווען ער איז קיין אָדעס געקומען... ער האָט דאָ געהייראַט אַ רוסישע פרוי... ער האָט אַ יינגל שוין פון זיבן יאָר. אָבער די שנאה קילט זיך נישט אָפּ אין אים. וועט זיך נישט אָפּקילן... די שנאה וועט שפּעטער געטראָגן ווערן פון זיין זון...

— אָט וועט איר אַליין הערן!

ער איז אויפגעשטאַנען פון זיין שוסטער־בענקל. איצט האָב איך געזען: ר׳איז אַ מיטלגעוויקסיקער, אַ בייגעוודיקער, און זיינע באַוועגונגען זיינען געווען פון לייב, וואָס שפּאַנט איבער זאַמד... ער האָט צוגעשפּאַנט צו דער טיר, זי געעפנט:

— וואַניאַ! קום אַריין!

ס׳האָט גענומען אַ ווײַלע. דער זיבן־יאָריקער וואַניאַ איז אַריינגעקומען.

דאָס יינגל איז געווען פון העכערן וואוקס — די מוטער מסתם אַ הויכע געווען — ער האָט דווקא געהאַט אַ בלאָנד קעפל, אָבער דאָס פּנים — מאַט, טונקל, אַ ביסל איינגעפאַלן. די אויגן — שוואַרצע, טיפע, אָנגעגאָסן מיט פאַרטראַכטקייט.

— קום נעענטער, וואַניאַ.

דאָס ייִנגל איז צוגעקומען נעענטער.

— וואַניאַ! זאָג: אַז דו וועסט אויסוואַקסן, וואָס וועסטו טאָן?

דאָס פּנים פון ייִנגל האָט זיך ראַפּטום אַ פאַרענדער געטאָן: ס'איז געוואָרן איינגעפּאַלענער, בלייכער. די אייגלעך האָבן זיך צעברענט מיט גרינער שנאה. ר'האָט די ווערטער תּפילהדיק געציילט:

— אַז איך וועל אויסוואַקסן, וועל איך נעמען אַ ביקס, און איך וועל נעמען אַ מעסער... און איך וועל אַוועק צו שעכטן טערקן. און כ'על שעכטן די פינצטערע טערקן.

דאָס זיבן־יאָריקע ייִנגל, געבוירן אין אַדעס, האָט די ווערטער געציילט מיט אַזאַ זיכערקייט און מיט אַזאַ שנאה, אַז כ'האָב דערשפּירט: בלאַסקייט גיסט זיך איבער מיין פּנים. כ'האָב זיך דערשראָקן פאַר דער שנאה, וואָס האָט געטריפט פוןביידנס אויגן: פון פאָטער און קינד... קיינמאָל ביז דאַן, האָב איך אַזאַ האַס נישט געהאַט געזען!

* * *

איצט, — און איך טראַכט פון דעם, וואָס עס האָבן צו אונדז געטאָן און וואָס עס טוען צו אונדז די געמיינסטע ברואים אויף דער היינטיקער וועלט — די איצטיקע, נאַצישע דייטשן, און: —

איך פאַרשטיי איצט דעם אַרמענער, דעם שוסטער אין דער שטאָט אַדעס!

איצט — און אַלע זאָלן מיר לערנען פון דעם אַרמענער.

לאָמיר לערנען זיך אַליין און לאָמיר לערנען אונדזערע קינדער צו האַסן!

וויפיל שנאה ס'איז דאָ אויף דער וועלט זאָל פון אונדז — פאַראייניקטערהייט — צונויפגענומען ווערן צו די געמיינסטע פון די געמיינע! צו די מיליאָנען דייטשן, וועלכע האָבן נישט צו זיך קיין פאַרגלייך צווישן די גרעסטע רוצחים אין דער געשיכטע פון דער וועלט!

לאָמיר אין אונדזערע בלוטן צעצינדן אַזאַ האַס, וואָס זאָל זיך צעברענען איבער וועלט, זאָל צעפלאַקערן לענדער, שטעט, ימים און וועלדער, און אויסברענען די שוואַרצע מגפה, די איצטיקע דייטשן!

לאָמיר לערנען פון אַרמענער, דעם שוסטער אין דער שטאָט אַדעס.

* * *

אין פאַרגלייך צו דעם, וואָס עס טוען צו אונדז איצט די דייטשן, איז דאָך די שפּאַנישע אינקוויזיציע געווען פרילינג אויף דער וועלט!

אין פאַרגלייך צו די פּיינען מיט וועלכע מיר ווערן איצט געפּייניקט פון די דאָזיקע דייטשן, וועלכע האָבן אָנשטאָט הערצער, זעקלעך מיט קאָנ־דענסירטער רציחה, איז דאָך גירוש שפּאַניע אַ לוסט־רייזע געווען!

און דאַן האָט אַ פאַראייניקט יידיש פאָלק אויסגערופן אַ חרם אויפן אינ־קוויזיציע־לאַנד: קיין ייד זאָל מער נישט באַטרעטן די שפּאַנישע ערד!

און איצט, לאָמיר אַלע שווערן:

ווען די איצטיקע מגפה וועט זיין אויסגעבערענט פון וועלט; ווען די איצטיקע דייטשע שרצים וועלן זיין פאַרטיליקט און מען וועט ווידער קענען אָטעמען, זאָל קיין יידישער פוס נישט באַטרעטן די פאַרשאָלטענע, אומריינע דייטשע ערד! די ערד וואָס האָט געבוירן און אויסגעכאָוועט אַזעלכע מיליאָנען קלאַפּערשלאַנגען, וועלכע מען האָט פריער אין קיין ווילדערניש נישט געפונען! —

נישט באַטרעטן זאָל קיין יידישער פוס די דאָזיקע ערד, ביז זי וועט זיין דורכגעגליט, געריייניקט און אויסגעלייטערט!

און דער ייד, וואָס וועט באַטרעטן די דייטשע ערד אין איר אומריינקייט, זאָל ער צווישן יידן נישט גערעכנט ווערן!

פילאַדעלפיע,
האַרבסט 1942.